## אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים

(ש. י. אבראמאָוויץ)

### צווייטער באַנד

נײַע פערבעסערטע אויסגאַבע

פערקויף: געזעלשאַפט „צענטראַל", וואַרשע, נאַוואָליפּקי 7

1928

## אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים

(ש. י. אבראמאָוויץ)

# דאס קליינע מענשעלע

## אָדער א לעבענסבעשרייבונג פון יצחק אברהם תקיף

געדרוקט בהשתדלות

מענדעלע מוכר-ספרים

פערלאַג „מענדעלע", וואַרשא

1928

# דאָס קליינע מענשעלע

„דאָס קליינע מענשעלע אָדער אַ לעבענס-בעשרייבונג פון יצחק אברהם 1) תקיף“ איז בכלל דאָס ערשטע יודישע ווערק פון שלום יעקב אבּראַמאָוויטש און אויך דאָס ערשטע ווערק, וואָס איז פערעפענטליכט געוואָרען אונטער דעם נאָמען מענדעלע מוכר ספרים.

צוערשט איז „דאָס קליינע מענשעלע“ געדרוקט געווען אין יודישען „קול מבשר“ (פון נומ. 45 יאָהר 1863, בּיז נומ. 6—1864), וואָס איז אַרויס אַלס יודישע בּיילאַגע צום „המליץ“.

ביז יענער צייט האָט ש. י. אבּראַמאָוויטש געשריבּען בלויז העבּרעאיש און אַרויסגעגעבּען אַ רייה העבּרעאישע ווערק—„משפּט שלום“, „תולדות הטבע“, אַ ליעבּע־מעשה „למדו היטב“. אָבּער, ווי מענדעלע דערצעהלט אין זיינע זכרונות 2), האָט ער דעמאָלט בּיי זיך אַזוי געטראַכט: „איך קוק זיך צו צום לעבּען פון מיין פאָלק און איך וויל אים געבּען סיפּורים פון יודישען קוואַל אויף דער הייליגער שפּראַך. דאָס רוב אָבּער פערשטעהט דאָך נישט די דאָזיגע שפּראַך און רעדען גאָר אויף עברי־טייטש, און וואָס זשע קומט אַרויס דעם שרייבּער פון זיין גאַנצער מיה און פון זיין גאַנצען דענקען, אויבּ ער בּרענגט דערמיט קיין נוצן נישט זיין פאָלק? די דאָזיגע פראַגע: פאַר וועמען מיה איך זיך? האָט מיך נישט גע־

---

1) יצחק אברהם און נישט אברהם יצחק, ווי ס'איז געדרוקט אין פיעל ערטער. אויך אין מענדעלע'ס „רשימות לתולדותי“ (כל כתבי ממו"ס, פרק ז'), און אין יודיש—אין באַנד XX ז' 149, בּיי י. ח. ראַוונּיצקי א. א. ח.

2) אין די „רשימות לתולדותי“, יודיש—אין באַנד XX פון דער איצטיגער אויסגאַבּע, ז. 148—149.

Copyright by S. Sreberk NEW-YORK U. S. A. 1927

Printed in Poland

Druk. Sikora i Mylner Warszawa Nowolipki 6.

לאזט רוהען און געבראכט מיך אין גרויס פארלעגנהייט: ווארום אין מיין צייט איז די יודישע שפראך געווען א פוסטע כלי, זי האט נישט פערמאגט קיין שום גוטע זאך אויסער שפאטעריי, נארישקייטען, און פלאפלערייען—די ארבייט פון נארישע לייט, וואס קאנען נישט רעדען ווי מענשען... און אונזערע שרייבער, די בעלי־הלשון, וואס האבען נאר אין זינען געהאט די הייליגע שפראך און זיך גארנישט אינטערעסירט מיט'ן פאלק—זיי האבען געקוקט אויף יודיש פון אויבען אראב און מיט גרויס שפאט. און אויב איינער פון צעהן האט זיך אמאהל דערמאנט אן דער „פערשאלטענער" און האט עפעס וואס אנגעשריבען, האט ער עס בעהאלטען אונטער זיבען שלעסער, האט ער עס בעהאלטען אונטער זיין הייליגען טלית, כדי די שאנד זאל נישט ענטפלעקט ווערען און עס זאל נישט שאדען זייער גוטען נאמען. און ווי גרויס איז דעריבער געווען מיין פערלעגנהייט, אז איך האב זיך דערמאנט, אז אויב איך וועל מיך אריינלאזען אין דער „אוטווירדיגער", וועט מיין כבוד בעדעקט ווערען מיט שאנד. איך האב אויך אויסגעהערט די שפראך־רייד פון מיינע פערעהרער, די „חובבי־הלשון העברית", פארוואס איך וויל פערשוואכען מיין נאמען און כבוד צווישען יודען, אבגעבענדיג מיינע כוחות דער דאזיגער פרעמדער. די ליעבשאפט אבער צום נוצליכען האט אין מיר מנצח געווען דעם פוסטען כבוד און איך האב זיך בעשלאסען: זאל זיין, וואס עס וועט זיין—איך וועל מיך דערבארעמען אויף יודיש, די פערשטויסענע טאכטער, און ס'איז צייט צו טהון פאר מיין פאלק. אויך איינער פון מיינע גוטע פריינד (יהושע מרדכי ליפשיק) איז צו מיר צוגעשטאנען און ס'איז ביי אונז ביידע געבליבען צו אגיטירען און איבעררעדען דעם בעל־„המליץ", ער זאל ארויסגעבען א צייטונג אויף אונזער פאלקס־שפראך.. האט אויף מיר גערוהט גאט'ס גייסט און איך האב אנגעשריבען מיין ערשטע ערצעהלונג „דאס קליינע מענשעלע".

וועגען דער צייט און וועגען די אומשטענדען, אין וועלבער ס'איז אנגעשריבען „דאס קליינע מענשעלע", דערצעהלט אונז שלום עליכם 3), וואס ער האט וועגען דעם געהערט פון מענדעל'ן גופא:

3) שלום עליכם—פיר זענען נ״י געזעסען. אלע ווערק, ב. XV, ז. 156. זעה אויך אלע ווערק פון מענדעלע נו״ט ב. XXI.



„צו שרייבען יודיש, דאס הייסט, צו רעדען מיט'ן גאנצען פאלק אויף זיין לשון, האט איהם שוין לאנג געצויגען... און מחמת שרייבען יודיש איז מיט פערציג יאהר פריהער (שלום עליכם'ס ערינערונגען זענען אנגעשריבען אין יאהר 1908—איז עס שוין אויך דאן געווען א קיימא־לן נישט פון 40, נאר פון 45 יאהר—נ. מ.) נאך געווען א שאנדע, ובפרט נאך פאר אזא יונגען מאן א משכיל, ווי ער, וואס „קלוגע מענשען" האבען אויף אים געזאגט, אז דאס וואקסט א „חיים זעליג סלאנימסקי",—האט ער זיך מיט זיין ערשטען ווערק „דאס קליינע מענשעלע" בעהאלטען בחדרי־חדרים, אז קיינער זאל נישט וויסען, און האט אוועקגעשטעלט דערויף א נאמען פון א לעבעדיגען פארשוין, איינעם א סענדערעל, א מוכר ספרים'ניק, וואס האט זיך ארומגעשלעפט אין יענער צייט מיט זיין פערד און וועגעלע אין דער סביבה פון בארדיטשעוו, דאס בעריהמטע גלופסק אליין. „דאס קליינע מענשעלע אדער יצחק אברהם'על תקיף" איז גענומען געווארען פון א לעבעדיגען פארשוין, וואס האט אין יענער צייט געקנאקט אין גלופסק מיט דער גרויסער בייטש און אנגעטריבען די כנסת־ישראל... אנגעשריבען האט ער „דאס קליינע מענשעלע" אין פערלויף פון צוויי טעג, נישט מעהר, מיט פחדים און מיט פיבער, און אוועקגעשיקט עס אין „קול מבשר" אריין, צו אלקסנדר צעדערבוים. דערזעהן אויפ'ן שער דעם נאמען „סענדערעל מוכר ספרים", האט זיך אלקסנדר צעדערבוים דערשראקען, צי מיינט מען דאס נישט איהם אליין טאקי (אלקסנדר—סענדער—סענדערעל)? האט ער זיך מיישב געווען—קיין גרויסע צערעמאניעס מיט א יודישען מחבר דארף קיינמאל א רעדאקטאר נישט מאכען, ובפרט נאך אין יענער צייט—און האט איהם איבערגעמאכט דעם נאמען סענדערעל אויף מענדעלע,—און אט אזוי איז זיך ארום אויף דער וועלט „מענדעלע מוכר ספרים"...

דעם פאקט, אז שלום יעקב אבראמאוויטש האט זיך אנגערופען „סענדערעל מוכר ספרים" אין זיין ערשטען יודישען ווערק „דאס קליינע מענשעלע", בעשטעטיגט אויך י. ח. ראווניצקי אין זיין מענדעלע־ביאגראפיע. ווי ער דערצעהלט, האט ש. י. אבראמאוויטש „פון דער יוגענד געדענקט איינעם א סענדערעל מוכר ספרים, וואס פלעגט אמאל אראבקומען קיין קאפוליע".

„די דאָזיגע ערצעהלונג—זאָגט מענדעלע אין זיין אויטאָביאָגראַפיע—האָט געמאַכט אַ שטאַרקען רושם צווישען יודען, אַזוי אַז אינגיכען איז געווען געדרוקט די דריטע אויפלאַגע (אין ווילנע), און שפּעטער די פערטע אויפלאַגע (גאָר אינגאַנצען אויף דאָס ניי איבערגעמאַכט) אין ווילנא 1879. דאָס דאָזיגע העפט מיינע איז געווען דער פונדאַמענט־שטיין אין דער נייער־יודישער ליטעראַטור. פון יענער צייט אָן האָט מיין האַרץ געצויגען צו יודיש (חשקה נפשי ביהודית), און איך האָב זי פער'קנס'ט צו מיר אויף שטענדיג. איך האָב איהר געגעבען די בשמים און די גאָבען, וואָס איהר קומט און זי איז געוואָרען אַ שעהנע און בע'חנ'טע האַרין און זי האָט מיר געווינען פיעל קינדער".

---

אין „דעם קליינעם מענשעלע" שילדערט מענדעלע אויף זיין אייגענאַרטיגען אופן אַ רייהע טיפּען, געשטאַלטען פונ'ם אַמאָליגען יודישען לעבען און, ווי זיין שטייגער איז, 'דערצעהלט ער אויף יעדען טריט און שריט וועגען די כאַראַקטער־שטריכען פון די שטעדטעלדיגע יודען, וועגען זייער לעבען, פיהרעכצען, רייד און העויות. ער דערצעהלט וועגען ראש־קהל און סתם יודען, און, אגב, לאָזט ער נישט אדורך קיין איין געלעגענהייט אויסצודריקען דורך זיין „נישט דאָס בין איך אויסען" זיין בעציהונג צו די יודישע „שוואַכקייטען". אין „קליינעם מענשעלע" ווערען ארויסגעפיהרט פיעל רעאַלע טיפּען, עס זענען געשילדערט אייניגע מאָמענטען און עפּיזאָדען פון מענדעלעס אייגענעם לעבען, ווען ער איז אַלס יונגעל אָנגעקומען קיין קאמענעץ־פּאדאלסק, געפּרובט דאָרט ווערען אַ משורר ביי אַ חזן, און ווי אַזוי ער איז אַריינגעפיהרט געוואָרען צום משכיל, וואָס האָט געוואָהנט הינטער דער שטאָדט. מענדעלע האָט זיך דאַן אָנגעזעהן מיט פערשיעדענאַרטיגע יודען און מיט זיין גוטען און שאַרפען אויג און אויער האָט ער בעוויזען אויפצונעהמען זייערע בעוועגונגען, זייער בערעדעווידיגקייט. ער האָט אין „קליינעם מענשעלע" געבראַכט אַ גאַלעריע יודען און יודענעס. אָרימע און רייכע, תקיפים און דערשלאָגענע, אכזרים, אויף וועלכע ער גיסט כסדר אויס זיין ביטער האַרץ, און אויך ליעבע, סימפּאַטישע, טיפען—גוטמאַן און זיין פאַמיליע. אין גוטמאַנען—ווי מענדעלע'ס נאָהענטסטער פריינד י. ל. בינשטאָק



האָט געשריבען—איז געגעבען געוואָרען מענדעלע'ס לעהרער—דער בעוואוסטער העברעאיש־יודישער שריפטשטעלער און השכלה־קעמפער אברהם בער גאָטלאָבער, וואָס מענדעלע האָט זיך מיט איהם געטראָפען אין קאמענעץ־פּאָדאָלסק און וועמען ער האָט פיעל־פיעל צו פערדאַנקען. אברהם בער גאָטלאָבער האָט געשטעלט דעם יונגען שלום יעקב אַבּראַמאָוויטש אויף די פיס, ער האָט איהם מיטגעהאָלפען צו ווערען מענדעלע מוכר ספרים.

---

די הקדמה פון מענדעלע מוכר ספרים, וואָס ווערט ווייטער געבראַכט, איז אין די שפּעטערדיגע אויסגאַבען פון מענדעלע'ס ווערק אויסגעוואָקסען פון עטלעכע שורות, מיט וועלכע עס הויבט זיך אָן מענדעלעס ערשטע ווערק „דאָס קליינע מענשעליע", אין דער ווילנער אויסגאַבע פון 1866. אין דער ביז־איצטיגער יובילעאום־אויסגאַבע איז די הקדמה געגעבען אין באַנד 1 פאַר „דער אלטער מעשה".

נ. מ.

# א

זייט=זשע מוחל, רבותי, און שטעלט אייך פאר מענדעלי מוכר ספרים, מיך אליין, הייסט עס, ווי איך שטעה מיר הערבסטצייט מיט מיין ביידעל ערגעץ אויף א וועג, שטארק פערטראכט און ריהר מיך נישט פונ׳ם ארט. אפשר וועט איהר וועלען מיינען, אז מיין ביידעל האט זיך איינגעזונקען אין בלאטע און איך טראכט דא, ווי אזוי עס ארויסצו-שלעפען? — ניין! דאס איז געוועזען טאקי היינטיגס יאהר תרט״ו, וואס מען מעג איהם פערשרייבען אין די קראניקעס פאר א וואונדער מיט זיין טרוקענעם זעהר שענעם הערבסט. אין דרויסען איז געוועזען גאר זומער: ווארעם, לויטער. בהמות האבען זיך געפיטערט אויף די פעלדער, פון וועלכע עס האט געדיכט ארויסגעשפראצט יונגע גרינע תבואה. ביימער האבען אויף זיך געהאט א געל=גרין העמדעל, ערטערווייז אפילו מיאוס אבגעבליאקעוועט, צוהאקט, צופאלען מיט אויסגעטריפעלטע לעכער, נאר דאך האבען זיי נישט געהאט נאך בדעה אויסצוטון זיך איינגאנצען נאקעט אויף צושלאפען זייער געוועהנטליכען הארטען שלאף דעם גאנצען ווינ-טער. אין דער לופט זענען אומעטום געפלויגען לאנגע ווייסע פעדים שפינגעוועב, א סמן אויף גוט, שען וועטער, הגם דער לוח האט גע-שריבען אויף וואלקענדיגע טריבע טעג און קאלטע רעגענס. ער האט, זאל ער מוחל זיין, נישט געטראפען, נעזאגט, ווי דער שטייגער איז, א גרויסען ליגען... נישט דאס בין איך אויסען.

אפשר וועט איהר ווייטער וועלען מיינען, אז איך בין געשטאנען מיט מיין ביידעל, ווייל איך האב נישט געוואוסט דעם וועג? נאך א מאל ניין! איך האב זעהר גוט געוואוסט, אז דארט, וואו דער וועג צוטיילט זיך, נעהמט מען זיך רעכטס קיין גלופסק און לינקס ערגיץ אנדערש אין

אַ שטעדטעל. לאָז זיך אייך דאַכטען — קאַבצאַנסק. נאָר וואָס דען זשע? פשוט איז פשוט, איך האָב מיר קיין עצה נישט געקענט געבען, און וועלכער זייט זיך צוגעהמען. איך האָב געהאַט טעמים פאָהרען קיין גלופסק, צו מאַכען דאָרט עפּיס אַ שטיקעל חילוף און אָבצוזעצען דאָרט סמאַטשקעס און וועקסענע חנוכה־ליכטלעך, אַקעגען־זשע האָב איך ווידער געהאַט טעמים צופאָהרען אופ'ן יריד דאָרט אין שטעדטעל, און מחמת דעם בין איך געבליבען שטעהן אויפ'ן וועג נישט אַהין, נישט אַהער, אַזוי ווי אין דער קלעהם. טראַכטענדיג האָב איך מיך גראָד פערקוקט אויף מיין פערדעל, וואָס איז געשטאַנען זעהר רוהיג, געקראַצט דעם האַלז אין דער האַלאָבלע און איז פונים שטעהן, אַ פּנים, שטאַרק צופרידען געווען. איך האָב געקוקט אויף איהם עפּיס מיט אַזעלכע אויגען, גלייך ווי איך וואָלט פערלאַנגט פון איהם עפּיס אַנ'עצה. און באַלד טאַקי איז מיר איינגעפאַלען איבערצוגעבען די גאַנצע זאַך איהם, דעם פערדעל, ווי ער וועט וועלען, אַזוי זאָל זיין. לאַכט נישט, לאַכט נישט, רבותי! אַז מען איז אַ מאָל מסופק און מען ווייסט נישט, וואָס צו טון, פער־לאָזען זיך קלוגע אפילו אויף משונה'דיגע מיטעל. זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס איז אַזוינס אַ פּאַטש טון זיך, אין אַזאַ פאַל, אין שטערען און מאַכען אויף דער האַנד קנייטשען? — אָדער וואָס שטעקט אַזוינס נאָך אין אַנדערע אַזעלכע גורלות און אַלערליי סימנים? אַ נאַר אפילו גילט דענסטמאָל זעהר שטאַרק, מען פרעגט איהם און מען נעהמט־אָן זיין עצה. עס טרעפט זיך אין דער וועלט זעהר אָפט, אַז קלוגע גיבען זיך איבער נאַראָנים אין די הענד און לאָזען זיך פון זיי פיהרען. איך קען אַ סך אַזעלכע נאַראָנים, וואָס שפּילען אַ ראָליע, און דוקא ביי סוחרים, לייטישע מענשען... נישט דאָס בין איך אויסען.

איך האָב אַ שמיץ געטאָן דאָס פערדעל, אָבגעלאָזט די לייצען און עס געלאָזט געהן פריי, פיהרען מיך, וואָהין עס וויל. דאָס פערדעל האָט זיך גענומען רעכטס אויף דעם וועג קיין גלופסק. נו, האָב איך מיר גע־טראַכט, אַ מאַך געבענדיג מיט דער האַנד, פיהר מיך, פיהר מיך, אפשר ביסט־דו גערעכט. אַז דיר געפעהלט גלופסק, לאָז זיין גלופסק!

אויף מאָרגען פריה נאָכ'ן דאַווענען בין איך אָנגעקומען קיין גלופסק און בין מיר, ווי מיין שטייגער איז, צוגעפאָהרען גלייך צום בית־מדרש. איידער איך האָב נאָך צייט געהאַט מיך אומצוקוקען, האָבען זיך אַ לאָז געטאָן צו מיר אַנ'עולם יודען בעלי־בתים, בעלי־בית'לעך, בחורים מיט





שלום־עליכם'ס, מיט אַ טאַפּ — אַ לאַפּ, אַ קוק אין ביידעל, און מיט שאלות, ווי דער שטייגער איז פון יודען. די ווייסע חברה, די תלמוד־תורה־יונגלעך, האָבען זיך פרעהליך־לעבעדיג געוויטעט מיט מיין פערדעל, גאָר פריינדליך מקבל־פּנים געווען זייער אַלטען בעקאַנטען און שוין אפילו זיך מכין געווען רייסען סטרונעס פון זיין ווידעל

אויפ'ן שולהויף האָב איך געזעהן רעדלעך מענשען, עפּיס האַמפּערט מען זיך, מען שמועסט, מען זאָגט ווערטלעך, מען אָכט און שאָקעלט מיט דעם קאָפּ. באַלד האָבען עטליכע רעדלעך זיך צונויפגענומען אין איין רעדעל, עס האָט געאַרבייט, געפילדערט, געמאַכט מיט הענד אי מיט פּיס, און באַלד איז דאָס צונויפגעשטיקטע רעדעל צושפּרונגען געוואָרען, ווי אַ זייפענבולבע, אויף קליינע רעדלעך. אַ פּנים, טראַכט איך, ס'איז עפּיס געשעהן. אַז מען קלינגט איז אַ חגא. איך בין שטאַרק צעקאַווע געווען צו וויסען, וואָס טוט זיך דאָ אַזוינס, עפּיס בין איך דאָך אַ יוד, מיין נשמה איז, ווי זאָגט מען עפּיס, ניט פון קלאָטשע, זי וויל אויך אין דער וועלט אַלצדינג הערען, שמעקען, ווי אַלע יודישע נשמות. עס קומט דאָך טאַקי אַ מאָל שטאַרק צו ניץ. עס זענען דאָ זעהר פיעל יודען, וואָס ציהען זייער שטיקעל פּרנסה דערפון, וואָס זיי שטעקען אומעטום אַריין די נאָז און שמעקען, וואָס וואו צווי זענען זיי דריטע און פאָדערען חלק, אָדער העפּ, ווי מען רופט עס אויף זייער לשון. יהי׳ו איז אַ יודישע זאַך... נישט דאָס בין איך אויסען.

אַז איך האָב מיך צוגעהערט צו אַ ניי רעדעל מענשען, וואָס איז אויסגעוואַקסען נעבען מיר, איז מיר אַריין אין אויער אַט דער פאָזינער שמועס:

— אָ־וואַ, אָ־וואַ! ברוך דין אמת! נאָך כמעט גאָר אַ יונגער מאַן, איך מיין אַרום אַרבעים און אפשר טאַקי, האַ, אַרום חמשים. אָ־וואַ! ס'טייטש אַזאַ מענש, אַזאַ מענש!

— מילאָ וואָס־זשע זאָרגט איהר זיך דאָ אַזוי, רב אברהם'צע, און קענט זיך נעבעך נישט טרייסטען? אַ שענע, ריינע כפּרה, כ'לעבעו! נישט אַזאַ גרויסער יחוס? טאַקי, באמת טאַקי, וואָס?

— ביי דיר, יוסי'ל, איז אַלץ נישט קיין יחוס! מסתמא איז טאַקי ר' אברהם'צע גערעכט. אָ־וואַ, אַזאַ רייכער מענש! אַ רחמנות, ווי איך בין אַ יוד!

— נאט איך א ניעם בעל־רחמים, לייבצע טעמעם! וואס, הא. האט מעלתו פריהער געזאגט? דארטען וואס געזאגט?

— געזאגט?! וואס, יוסי׳ל, האב איך געזאגט, איך? וואס אדרבה!

— טאקי אדרבה ואדרבה, רב לייבצע אליין מיט זיין כשר מיילכען האט געזאגט: „אויך מיר א מענש איציק אברהם׳יל תקיף! ער איז געווען, זאל ער מיר מוחל זיין, נישט מוחל זיין, א גראבער יונג, א רמאי, אנ׳ עבור און דערצו נאך א ביסעל חושים״.

— וואס איך, יוסי׳ל? עט, נישטא מיט וועמען צו רעדען... א גוטען טאג!

— א גוטען טאג, א גוט יאהר! קומט, ר׳ אברהם׳צע, אין בית־מדרש אריין, לאמיר דארט נעהמען ביים שמש צו ביסלעך בראנפען.

— זעהסט־דו, יוסי׳לע, א ביסעל בראנפען אצינד שאדט טאקי אפשר נישט. הא? האסט, כ׳לעבען, קלוג געטאן, יוסי׳לע, וואס דו האסט אזוי גוט מכבד געווען דא דעם ליגנער. לאמיר זיך נישט נארען, באמת טאקי, וואס איז ער דא אזא פארנעהם? ער איז, עליו השלום, געווען אנ׳עם־הארץ, א קאכלעפעל, א בערייסער.

— אט דערפאר, ר׳ אברהם׳צע, האב איך אייך טאקי ליעב. זעהט איהר, דערפאר טאקי, וואס איהר האט תמיד ליעב צו זאגען דעם אמת.

— ממון קורח!... אנגעשטאפט מיט געלד געוועזן, עליו השלום— רייסען זיך איין יודען דאס געזונד, שרייענדיג דארט אין א צונויפגע־שטופט רעדעל.

— וויפיעל, א שטייגער, וועט איהר איהם געבען?

— א ק״ן אלפים מיין איך איהם זיכער געבען.

— קארג, ניש׳קשה, איהר מעגט צולעגען נאך, נאך...

— מהיכא תיתי, אז איהר ווילט...

— איך האב מורא טאקי די גאנצע ש״ן אלפים.

— איהר זענט א נאר!... טאקי ת״ק אלפים.





— איך בין א נאר, און איהר זענט א קבצן!

— ווערסט חאפען אין באק!

— ווערסט חאפען אין ביידע.

עס ווערט א קאכעניש, א בוצקעניש, יודען צולויפען זיך.

— ניין, ניין! — הערט זיך שרייענדיג א געמבע נאך פון א רערע־מענשען — דאס איז פאר איהר נישט קיין שידוך! איהר שפילט זיך מיט אזא רייכע אלמנה? איך האב פאר איהר אנ׳אנדער שידוך, עס וועט מיט גאט׳ס הילף געהן. ס׳איז איהר איבערגעבליבען א פארמעגען, זי האט א געבליאטעוועטע כתובה און מיינער וועט זי מיט גאט׳ס כח נעהמען, חאפען מיט ביידע הענד.

— יחדו, יאקיל־גרונם! — קוויטשעט א בייקולכען — איך בין דארויף אויך געפאלען. יחדו, יודען, זייט עדות!

— א רוח אין דיין טאטענס טאטען אריין! — לאזט זיך הערען א קול, און דאס רעדעל איז ווי א בולבע זיך צופלויגען.

איך האב אויסגעשפאנט דאס פערדעל, איהם אומגעקעהרט צווישען די האלאבלעס מיט דעם פנים צום וואגען, אונטערצופאסען עס מיט א ביסעל סיטשקע, און דערנאך האב איך מיך גענומען צו דער ארבייט אויספאקען מיין ביידעל. נאר קוים וואס איך האב געמאכט א שטיקעל סדר, ארויסגעהאנגען פון ביידע זייטען בויד א קרענצעל קמיע׳לעך, בליטשקענע יארמורקעלעך, עטליכע פעקלעך ציצית און ארויסדערטאפט א סטאטשיק, א טלית־קטן וכדומה, איז דער בית־דין־שמש געקומען צולויפען הענדום־פענדום אין איין אטעם:

— אזי גוואלד, ר׳ מענדעלי! שלום עליכם, ר׳ מענדעלי! דער רבי, זאל לעבען, האט אייך זעהר שען געלאזט בעטען, איהר זאלט זיך מטריח זיין מיט אייער כבוד. גיכער, טאקי גיכער, ר׳ מענדעלי

## ב

דאָס וואָס דער רב איז אַזוי גיך געוואָהר געוואָרען, אַז איך בין געקומען -- דאָס גראָד איז מיר קיין חידוש נישט געוועזן. וואָרום גלופּסק איז אַ יודישע שטאָדט, און יודען דערגעהען זיך תמיד אַלצדינג געשווינד. לאָז איינער בּיי זיך אויסרעדען עפּיס אַ וואָרט, בּאַלד טאַקי ווייסט מען דאָס אויף דער צעהנטער גאַס און מען צוטראָגט עס אויף טעלערלעך. אַ סך גיכער ווי דער טעלעגראַף. אַ חדוש איז מיר נאָר געוועזן, וואָס בּעדאַרף מיך אַזוי דער רב האָבּען? און צו וואָס האָט ער נאָך מיר געשיקט דעם בּית-דין-שמש אין אַזאַ אייל̈עניש? בּאַלד אָבּער איז מיר אַרויף אויפ'ן זינען — אַ דין-תורה'לע... דאָ מוז עפּיס זיין אַ קרעצעל... און עס האָט מיר אַ טיאָבקע געגעבּען אין האַרצען! וואָרום וואו האָט איהר דען אַ יודען, וואָס ער זאָל נישט פיהלען בּיי זיך אין די געשעפטען עפּיס אַ מכּה'לע, וואָס מען זאָל נישט קענען צו איהם נעבּעך זיך זוכען?... נישט דאָס בּין איך אויסען.

איך האָבּ איבּערגעמישט אין קאָפּ מיינע געשעפטען און מיר איז אַרויף אויפ'ן געדאַנק דער מחותּן! אפשר טשאַטשעוועט אויף מיר דער מחותּן, וויל מיך צווינגען איינצולעגען דעם נדן און וויל ועסען אַנ'עק. אַ סוף. דער מחותּן מיינער איז אַ פּראָסט מענשעל, ער מיינט, וואָס עס שטעהט אין די תּנאים, מוז מען האַלטען און וואָס מען האָט זיך מתחייב געווען, מוז מען טאַקי סילוק'ן. ער פאַרשטעהט נישט, דער נאַר, אַז דאָס אַלצדינג איז לאו-דוקא, עס געהט אַזוי נאָר אין שמועס, גלאַט אַזוי פון איידעלקייט וועגען. מען בּעדאַרף זיך בּרייט שטעלען מיט'ן פולען מויל. עס זאָל פאַר דער וועלט אַ פּנים האָבּען, ווי אונזערע טאַטעס און זיידעס האָבּען זיך נוהג געווען... נישט דאָס בּין איך אויסען. אָדער. האָבּ איך געטראַכט, אפשר גאָר חלילה דער מוכר ספרים! יענער מוכר ספרים, מיט וועלכען איך האָבּ פאַר אַ יאָהריגען זומער געשטעבּעוועט





אויף פאַרלעגערטע מינים: איך האָבּ איהם אין חלוף אָבּגעגעבּען הגדות, תּקון-שבועות'לעך, הה'עלעך, וואָלפציינדלעך, היינטיגע נייע מעשיות, שמאָכטעס, קיי און שפּיי. און ער מיר — מענה-לשון'ס, תּפלה-זכּה'ס, חנה-בּת-טובים, מעש, מחזורים, וכדומה נאָך מיני ספרים. אַ קשיא אויף אַ מעשה, אפשר האָט ער זיך אַרומגעקוקט, אַז ער האָט זיך אָבּגענאַרט און וויל איצט טענה'ן אַ מקח טעות, אויסצומאַנטען בּיי מיר עפּיס! גאָט זאָל שומר ומציל זיין האָבּען צו טון מיט אַ היגען מוכר ספרים. עס קען צוזעצט ווערען די גאַל פון זייערע טענות און תּביעות!... נישט דאָס בּין איך אויסען. הכּלל, ס'איז מיר געוואָרען אויפ'ן האַרץ עפּיס נישט פרעהליך. אַהער, אַהין, מען מוז דאָך געהן.

מישב האָבּ איך מיך געווען מיטצונעהמען אַ פּאָר סטאָטשקעס, עטליכע קלייניגקייטען, גאָר אַ שפּאָגעל נייע תּחנה. אפשר וועט דאָס דער רבּי'צען טויגען און מיר צוניץ קומען... נישט דאָס בּין איך אויסען.

אויף מיין פערדעל בּין איך געווען עפּיס בּרוגז, וואָס איהם איז געפעהלען געווען גלופּסק, דערפאַר האָבּ איך איהם מכּות אונטערגעשאָטען סיטשקע, איהם דערלאַנגט אַ זעץ אין דער מאָרדע מיט עטליכע שטעכווערטלעך און, איבּערגעבּענדיג איהם מיט דעם בּידעל אונטער דעם שמש'ס השגחה, בּין איך אַוועקגעגאַנגען אין כּעס, זאָלען איהם זיינע גלופּסקער יונגלעך רייסען סטרונעס, וויפיעל זייער האַרץ גלוסט. רעכט אויף איהם, ער האָט אַזוי געוואָלט. אַז איהם איז ניחאָ גלופּסק — איז מיר אויך ניחא, וואָס פאַר אַ דאגה איך האָבּ.

ווי איך האָבּ נאָר געעפענט די טיר און אַריינגעטראָטען מיט אַ פוס אין שטוב, איז מיר דער רב געלאָפען אַקעגען מיט אַ קול:

— אוי, ר' מענדעלי! אוי, שלום עליכם, ר' מענדעלי! טאַקי נאָר איין גאָט האָט אייך געבּראַכט אַהער פונקט אין דער צייט, וואָס איהר זענט אונז נייטיג, טאַקי שטאַרק נייטיג, ליבּער האַרצעדיגער ר' מענדעלי! ר' מענדעלי, דאָס איז מן השמים, דאָס איז בּעשיינפּערליך טאַקי אַ נס. ר' מענדעלי! איהר האָט געטאָן אַ גרויסע חכמה, וואָס אַ ציינד גראָד זענט איהר אָנגעקומען, ר' מענדעלי!

„די גרויסע חכמה האָט געטאָן נישט איך, מענדעלי, נאָר מיין פערדעל" — אַזוי האָבּ איך דערנסטמאָל צו מיר אַליין געלאַכט און זיך איבּערגעבּעטען אין האַרץ מיט מיין שלים'מזל'ניק, דעם פערדעל נעבּעך

אויף דין־תורות, ווי עס האט גאנץ קלאר אויסגעזעהן, האט מען מיך דא נישט גערופען, נאר וואס דען־זשע? — דאס האב איך נישט געקענט טאקי פארשטעהן. אנ׳אנדערער וואלט זיכער געמיינט, אז מען האט דא שטארק ארויסגעקוקט אויף זיין בידעל מיט סחורה; נאר איך אבער בין ניט קיין מלופם־קינד און ניט ערשט נעכטען פונ׳ם איי ארויסגעקראכען. אז איך זאל מיך נישט קענען אנשטויסען.

איהר זאלט וויסען א כלל: די וועלט בעשטעהט אויף אבנארעכטץ. דער וואס בעדארף האבען עפּיס א נייטיגע זאך. מאכט זיך כלומר׳שט גע׳פגר׳ט, אזוי ווי די זאך טויג איהם להלוטין נישט, בכדי ער זאל עס קענען קויפען בחצי־חנם. ווען, למשל, איינער געניטיגט זיך אין א מחזור, דינגט ער כלומר׳שט א סליחה, א קינה, א פעקעל ציצית, דערווייל טוט ער א חאפ, אויף קאטאוועס, דעם מחזור, גיט כלומר׳שט אבי אט א קוק און לעגט עס אנידער מיט א קנייטש און מיט א שמייכעלע: אט פאר א קלייניגקייט וואלט איך עס אפשר אויך געקויפט. די גאנצע וועלט איז א מארק, איטליכער זוכט מציאות, איינער ביים אנדערן אבצודרייען; איטליכער וויל, יענער זאל פערלירען און ער זאל געפינען; איטליכער מיינט קודם כל זיך, און ערשט דערנאך, אז גאט האט איהם געהאלפען חאפען אזוי מציאות, און צומאכען א גליק, ערשט דענסטמאל, אז עס קריכט איהם שוין פונ׳ם האלז, מיינט ער — ווייטער טאקי זיך... נישט דאס בין איך אויסען.

איך האב אין דעם רב׳ס פנים מיך אנגעשטויסען, אז קויפען וויל ער ביי מיר כלל ניט. זיסט. וואלט ער דאך נישט ארויסגעוויזען, אז ער האט אויף מיר ארויסגעקוקט. אמת טאקי, דער רב איז א העכסט ארענטליכער כשר׳ער יוד, אזא יאהר זאל איך האבען! אבער אויף דער וועלט מוז מען דאך נארען. אפילו די מלאכים האבען געמוזט ביי אברהם אבינו נאכטון דעם סדר פון דער וועלט, ויאכלו — און זיי האבען געטאן טון גלייך ווי זיי האבען געגעסען... נישט דאס בין איך אויסען.

דער רב, זאל לעבען, האט מיך פארבעטען צו זיך אין זיין בעזונדער שטיבעל, און אנווייזענדיג מיט דער האנד מיך געבעטען זיצען אויף א בינקעל איהם אקעגען. דאס בינקעל אבער האט בעדארפט האבען, ווי דער שטייגער איז ביי א רב, א צובראכען פיסעל, און צופראגען בין איך דאך דענסטמאל פונ׳ם גאנצען ענין אויך געווען — דעריבער





פארשטעהט זיך, אז ווי באלד איך האב אין חאפעניש און איילעניש מיך דערויף געזעצט, בין איך מיר געפאלען. נאר פונדעסטוועגען אהן סכנות, דער רב האט זיך געמאכט נישט זעהענדיג און איך ניט וויסענדיג.

צום צווייטען מאל האב איך מיך דערויף געזעצט שוין פאמעליכען, נישט געכאפט, גוט היטענדיג זיך די ביינער. דער רב, זאל לעבען, האט שווייגענדיג געריבען מיט ביידע הענד דעם שטערען, געגלעט די בארד, עפּיס ווי ער האט זיך שטארק גע׳ישוב׳ט. איך האב אסור נישט געקענט פארשטעהן, וואס זאל עס אזוינס בעטייטען. איך האב אפילו אנגעהויבען גאר שטארק זיך וואונדערן, וואס זאל דאס באמת טאקי בעטייטען? נאר איך האב מיך ווידער טאקי מישב געווען: לאם איך נישט זיין אזוי נייגיציג, איך וועל עלטער ווערען נאך א ווײלע, וועל איך דאך שוין אלצדינג וויסען. כך הוה: נאך אין א ווײלע ארום נעהמט דער רב ארויס פון דער בוזעם־קעשענע עפּיס א היבש פעקעל פאפירען און, א מאך־געבענדיג מיט די אקסלען, זאגט ער צו מיר מיט אנ׳ערנסט פנים כהאי לישנא:

רב מענדעלי! אט דאס פעקעלע פאפירען האט מיר איבערגעגעבען פאר׳ן טויט יצחק אברהם עליו השלום, מיט א בקשה, אז תיכף נאך זיין יציאת נשמה, זאל איך עס איבערלייענען פאר אלע אונזערע נגידים און מקיים זיין אלצדינג, ביז אויף א האר, וואס דרינען שטעהט. צוואת המת. ווי איהר וויסט, איז דאך א מצווה מקיים צו זיין, לכן האב איך באלד נאך דער פטירה זיינער, היינט טאקי, פארבעטען צו מיר די אלע נגידים, אליפי הקהל אונזערע, און האב זיי געלייענט א מקצת פון די פאפירען היינט, און דאס איבעריגע האבען מיר אבגעלייגט אויף מארגען, וואס־זשע וויל איך פון אייך? פון אייך, רב מענדעלי, וויל איך, איהר זאלט זיך מטריח זיין מיט אייער כבוד אויך קומען צו מיר מארגען פריה, אם־ירצה־השם, בשעת קריאת הפאפירען. פאר וואס? אט דאס וועט איהר וויסען, אם־ירצה־השם, לאחר הקריאה. מסתמא איז רעכט. מארגען וועט איהר שוין וויסען, אז איך האב אייך מטריח געווען איבער א דבר גדול. לעת־עתה גיב איך אייך לייענען, פאר זיך אין דער היים, ביחידות אט די עטליכע בלעטלעך, וועלכע איך האב היינט פירגעלייענט פאר אונזערע נגידים, כדי איהר זאלט בעקאנט ווערען מיט דעם ענין מתחלת ועד סוף.

אז איך בין צוריקגעקומען צום בית־המדרש, האָב איך געטראָפען מיין הונגעריג פערדעל נעבעך חי׳ עס שטעהט, מיט אויפגעשטעלטע אויערען, און קוקט אין בוידעל אריין. נו, חכם מיינער, זאָג איך, א נעהם־געבענדיג איהם פריינדליך ביי דער טשאָפרינע. קום, זאָג איך, עסען סימשקע! לעת־עתה, חכם מיינער, ביסט דו נישט קראַנק צו עסען סיטשקע. מאָרגען, אם־ירצה־השם, אז די חכמה דיינע וועט איינגיין און איך וועל זעהן דעם פועל־יוצא דערפון, זיך זעהן מיט א גראָשען, דענסט־מאָל, זעהסט־דו, האָסט־דו ביי מיר א גאַנץ מעסטעל האָבער, איך נעהם פאַר עדות די אַלע בהמות, וואָס געלמיגען דאָ אויפ׳ן שוהלהויף!...

אויף איינעם פון יענע בלעטלעך, וואָס דער רב האָט מיר געגעבען, זעה איך, שטעהט אָנגעשריבען מיט גרויסע אותיות:

# וידוי ליצחק אברהם

און דערנאָך הויבט זיך אָן צו דערצעהלען עפּיס גאָר א גאַנצע מעשה, אזוי:

איך בין געבוירען געוואָרען, דערצעהלט יצחק אברהם, אין דעם שטעדטעל בעזליוודעוו ביי אָרעמע עלטערען. מיין טאַטען געדיינק איך נישט, ווארום ער איז געשטאָרבען בשעת איך בין נאָך געלעגען אין די וויקעלעך. ער האָט איבערגעלאָזען נאָכ׳ן טויט ירושה א שלאָפע ווייב מיט א היבש ביסעל קינדערלעך און מיך א צוגאָב, וויטער גאָר גישט. איך הייב אָן צו געדיינקען, וואָס מיט מיר האָט זיך פּאַסירט, ערשט אין דעם עלטער פון א פינף, זעקס יאָהר. ווערליג ווי איך געדענק, האָט מען מיך אין דער יוגענד, א פנים, נישט געהאַלטען פאַר א גרויסען חכם. אז איך פלעג עפּיס זאָגען אָדער עפּיס טאָן, פלעגט מען זעהר לאַכען. געבאַלעוועט האָט מען מיך כלל נישט. מען האָט מיך נישט געקושט, נישט געגלעט, נישט געהאַלזט, ווי אַנדערע קינדער, און אז איך האָב א מאָל געוויינט, האָט מען מיך נישט איינגענומען מיט לאַקעטקעס, מיט צוקערקעליך, מיט שפּילעכלעך, נאָר מיט פעטש און מיט קלעפּ. דאָס וואָרט רחמנות האָב איך קיינמאָל נישט געהערט. איך האָב נישט געהערט, א שטייגער, מען זאָל זאָגען: א רחמנות, ער האָט נעבעך נישט געגעסען; א רחמנות, דאָס פנים איז איהם נעבעך געשוואָלען; א רחמנות, ער האָט נעבעך זיך נישט אויסגערוהט, ער קומט נעבעך אָב און וואַלגערט זיך נעבעך; א רחמנות, ער ליידט נעבעך קעלט, ער געהט נאַקעט, באָרפיס; א רחמנות, עס שווערט איהם די ביינער, ער האָט נעבעך אויף זיך קיין לויט פליישׁ ניט, איך האָב געהערט נאָר זאָגען: קוקט נאָר

אן דאס שענע פנים, די אנגעבלאזענע צורה, די רויטע פים ווי בעריקעס; קוקט נאר אן דעם פרעסער, עס געהט איהם שוין איבער די סלונע; זעהט נאר דעם שענעם נפש, ער הייבט שוין אן זיינע אנשטעלען — צאפלען, ציטערן און קלאפען מיט די צייהנדלעך... אנ'אָרימאנ'ס א קינד איז אויף דער וועלט א איבעריגע זאך, איטליכען גרוים אין די אויגען. מען ווינשט איהם נעבעך שטילערהייט דעם טויט נאך ליגענדיג אין בייד, מען נעהמט אויף ביים געבויירען ווערען ווי אנ'עקזעקוציע, נאך איידער ער קוקט אן די ליכטיגע וועלט איז מען איהם נעבעך שוין דם-שונאים. איז ער שוין דא, האדעוועט ער זיך ווי עס איז און דערוועקט אפילו ביי זיינע אייגענע עלטערען נישט קיין געפיהל פון רחמנות צו זיך, סיידען ווען ער ווערט נעבעך מסוכן קראנק, ערשט דענסטמאל רופט זיך אין זיי אב דאס מענשליך הארץ, וואס איז פערשטיינערט געווארען פון צרות און לייד אין דער ביטערער אָרעמקייט: ערשט דענסטמאל צוגיסען זיך אין זיי די אמת'ע ריינע עלטערענס-געפיהלען און שטעלען זיך פאר דאס גאנצע אומגליקליכע לעבען פון זייער בידנע קינד נעבעך, וואס אזא טייערע, כשר'ע נשמה איז אומשולדיג פערוויסט, פערשווארצט געווארען נעבעך, נישט געהאט קיין גוטע, רוהיגע שעה. זיי מאלען זיך דאס אלצדינג אוים מיט שרעקליכע פארבען און זייער הארץ שרייט, וויינט מיט בלוטיגע טרעהרען. אז א פערשטיינערט הארץ עפענט זיך, איז עס נאר א טייך בשעת דאס אייז לאזט און עס געהט די קריהע — דאס האב איך אין דער לעצטער צייט אליין געפיהלט — עס טראגט, קאכט, רוישט מיט א שרעקליכער קראפט! זעהר אפט טאקי בעוויינען דעריבער אָרעמע עלטערען זייער'ס א קינד א סך שטארקער און ריהרענדיגער ווי די רייכע לייט...

געהארעוועט האב איך זיך ווי א ווילד פערד אין סטעפ—פארגרעבט, פארווילדעט, און האב אין מיר געהאט די אלע מיאוס'ע קונדייסקע זאכען מיט אלע אבשניצלעך. א טבע האב איך געהאט קוקען יענעם אין מויל אריין בשעת ער האט גערעדט און קוקען אויך אין די אויגען. די מאמע מיינע פלעגט מיך דערפאר נישט איין מאל הרג'נען—שלאגען און אויסרייסען מיר שטיקער פלייש. א מאל אז איך בין עפים געלעגען קראנק און די מאמע איז צו מיר גוט געווארען, האב איך מיך שטארק פערקוקט איהר אין די אויגען, און אז איך האב געזעהן, אז זי לאזט זיך קוקען, נישט צורעדען קיין קרום ווארט, האב איך מיך נישט געקענט איינהאלטען און זי א פרעג געגעבען: איך בעט דיך, מאמע, וואס איז עס פאר





א מענשעלע ביי דיר אין די אויגען? די מאמע האט א שמייכעל געטאן און געענטפערט: נארעלע, דאס קליינע מענשעלע איז די נשמה! דאס קליינע מענשעלע איז נישטא אין קיינעם'ס אויגען, נישט אין די אויגען פון די חיות און בהמות, נאר אין יודישע אויגען.

דער מאמעס דאזיגער ענטפער איז מיר אריין שטארק אין קאפ און האט אין מיר דערוועקט א סך פרישע צאפעלדיגע געדאנקען. אז די מאמע זאגט, מסתמא וויים זי דאך, וואס זי זאגט, זי איז דאך א מאמע. א גרויסע, אפשר צעהן מאל גרעסער פון מיר, איהר איין פינגער איז גרעבער פון מיין גאנצער האנד. דעריבער האב איך אנגענומען איהרע ווערטער שוין גליך ווי א געווויסע, אויסגעמאכטע זאך און דרינגען געגלויבט פון גאנצען הארץ.

פון דענסטמאל אן איז מיין כח-המדמה שטארק בעשעפטיגט געווען מיט דעם קליינעם מענשעלע. עס איז דאך עפים גאר א חידוש, א ציקאווע זאך! אין שלאף אפילו האב איך נים פארגעסען דאס קליינע מענשעלע, עס האט מיר זיך גע'חלומ'ט, איך האלט דאס קליינע מענשעלע, איך שפיל זיך מיט דעם קליינעם מענשעלע, איך בין גאר אליין א קליין מענשעלע, שפרינג אין די אויגען ווי א קליין מענשעלע! הכלל, דאס קליינע מענשעלע איז מיר נישט ארויס פונ'ם זינען. עס האט מיר עפים זיך אזוי געגלוסט אויך צו זיין א קליין מענשעלע. א קאטאוועס, א קליין מענשעלע איז דאך די נשמה אינגאנצען גרוים ווי א פליי, דאכט זיך, א גארנישט און איז דאך דאס חיות, דאס לעבען!... מיר איז ארויף א געדאנק, ווי אזוי דערטאפט מען דאס קליינע מענשעלע? און האב אנגעהויבען וועגען דעם שטארק צו טראכטען.

איינמאל בין איך געפאלען אויף אנ'אויבער-הסברה. בשעת די מאמע האט איינגעבויגען דעם קאפ ארויסצונעהמען א טעפעל פונ'ם אויווען, בין איך פלוצים צוגעלאפען ווי א פארמישטער — איך וויים אליין נישט, וואס מיר איז דענסטמאל געשעהן — און האב איהר פון הינטען אויף גאט'ס בעראטה א זעץ געטאן מיט דעם קולאק אין דער פאטיליצע, כדי דאס מענשעלע זאל איהר פון די אויגען חאטש אויף א ווילע ארויסשפרינגען. איהר קענט אייך משער זיין, וויפיעל פעטש און קניפ איך האב דערפאר געלייזט. א חוץ דעם האב איך א גאנצען טאג נישט געגעסען, ווארום די מאמע נעבעך האט מיט איהר שטערען צובראכען דאס טעפעל קאליש.

אנ'אנדערסטמאל האב איך געחאפט נאך א גרעסערן פסק. ס'איז אין מיר אריין אנ'אפיקורסישער געדאנק, נישט צו בעגניגען זיך מיט דעם גלויבען אין דער מאמעס ווערטער, נאר מאקי אליין צו פריווען, מיך צופשיקאגען אויב א בהמה האט א מענשעלע, א נשמה הייסט עס, צי ניט. בו איז מיינער צוגעגאנגען אויף דער גאס צו א קוה, און בשעת איך האב מיך גענומען אריינקוקען איהר אין די אויגען, האט זי מיך דורס געווען מיט די הערנער און שרעקליך שטארק צובילט, דער צייכען איז מיר מאקי עד היום אויף דער לינקער באק געבליבען. די אלע קלעפ האבען נישט ארויסגעשלאגען, פארקעהרט, זיי האבען נאך מעהר אין מיר אריינגעשלאגען דעם געדאנק פון א קליין מענשעלע.

געלערענט האב איך אין דער תלמוד-תורה. וואס א תלמוד-תורה איז, ווייסט איהר זעהר גוט אליין און איך פערשפאר עס אייך צו שילדערן. דאס איז א קבר אויף צו בעגראבען ארעמע יודישע קינדער, צו פערשלאגען זיי דו קעפ און אבצורייסען פון דער וועלט; דאס איז א פאבריקע אויף צו פאבריצירען טויגעניכטסען, לעדיגגעהער, בידנע, פערוואהרלאזטע אומגליקליכע נפשות; דאס איז א וויסטע גרוב, א לאך, אנ'אומריינע חורבה אויף היהנערשע פיסלעך, ווי געוועהנטליך ביי אונז אין די שטעדטלעך, וואס איז א חרפה, א בושה, זיי זאלען טראגען אויף זיך אזא טיערן, הייליגען נאמען... ווי מיר דאכט זיך, בין איך נישט געווען א גראב יונגעל. ביי אכט יאהר לערך האב איך שוין געלערענט חומש מיט חבור, מיט אלע אויסרעדענישען פון רש"י, חאטשע איך בין נאך שטומפיג געווען אויף דער עברי. א פנים, מע קען זיך זיין א למדן און פונדעסטוועגען פארט א גרויסער נאר, איינס צום אנדערן האט נישט...

די מאמע מיינע פלעגט מיך רופען שלים'מזל און איז באמת מאקי זעהר גערעכט געווען. אין דער תלמוד-תורה בין איך שלים'מזל'דיגער געווען מעהר פון אלע אנדערע קינדער. דער רבי, וואס פארדינט אסור נישט אזוי צו הייסען, האט זעהר ליעב געהאט דעם ענין פון שמייסען. אפשר נאך מעהר ווי דעם ביטערן טראפען. ער האט פשוט גרויס הנאה געהאט צו פייניגען, גלאט א.ווי זיך, די פארוויסטע, פערוואגעלטע קינדערלעך נעבעך, וואס זענען אהן דעם אויך גענוג אבגעקומען און קוים װאס די נשמה האט זיך אין זייער דארען אויסגעדייווערטען גוף געהאלטען. ער האט געבראכען די צובראכענע ביינער, געצופט, געריסען דאס ו א ע





שטיקעל לייב, און דער בעסטער חלק קלעפ איז מיר, שלים'מזל, אנגעקומען. ער האט צום סוף אויף מיר זיך שטארק פארעסען מחמת א זאך, מיך נע'הרג'עט-געשלאגען אזוי, אז איך בין פון זיינע הענד קוים לעבעדיג ארויס און געמוזט אויפהערען צו געהן אין דער תלמוד-תורה. די מעשה איז אזוי געשעהן:

דער רבי האט מיט מיר אין דער סדרא בראשית אויסגערעדט אויף דעם פסוק „ויאמר למך לנשיו" אזוי: למך איז געווען א בלינדער, תובל-קין האט איהם געפיהרט, און אז ער האט דערזעהן פון וויטען זיין זיידען קין, האט איהם זיך אויסגעדאכט, אז דאס איז א חיה (דער רבי האט געזאגט א פוקס, בכדי דאס בעסער מסביר צו זיין) האט ער צו דעם בלינדען, צו למך'ן, געזאגט, אז ער זאל צילען אויף דעם פוקס, האט ער געצילט און איהם נע'הרג'עט. און אז למך איז געוואהר געווארען, אז דאס איז נאר קין זיין זיידע, האט ער געפאטשט איין האנד אין דער אנדערער האנד און ער האט דערהייל זיין זוהן תובל-קין צוקלאפט אויף טויט. האבען זיינע ווייבער דערפאר פון איהם זיך פורש געווען, דאס טייטש אבגעשיידט, האט ער זיי איבערגעבעטען, ויאמר — און ער האט געזאגט, לנשיו — צו זיינע ווייבער, עדה וצלה — עדה וצלה, שמען — הערט, קולי — מיין קול, נשי — ווייבער, למך — למך!...

ויהי היום איז מיט א מאל געקומען אין תלמוד-תורה עפים א דייטש, א געגאלטער, דאכט זיך, אוש פון פעטערבורג. מיט איהם זענען געקומען אלע גבאים פארהערען די קינדער. צום שלים'מזל בעדארף ער מיר גראד הייסען פערטייטשען א שטיקעל חומש און נאך דעם גוטען פסוק „ויאמר למך לנשיו"! ווען האב איך דען גערעדט מיט א מענשען און בפרט נאך מיט א דייטש, א גלוח? איך האב געפלאטערט, געציטערט אזוי ווי א פיש אין וואסער. עס האט מיר גערוישט אין די אויערען, געקלאפט אין הארץ, די האר האבען מיר זיך געשטעלט קאפויר, און אין די אויגען איז מיר געווארען פינסטער און ליכטיג צוגלייך, אקוראט ווי בשעת מען קוקט אין דער זון אריין. איך האב געפיהלט, אז איך װעל נישט אין שטאנד זיין אויסצודערצעהלען אזא גרויסע לאנגע מעשה מיט למך'ן און דא שטעהט מען איבער'ן האלז, איין קול: זאג, זאג! — וואס זאל איך טאן, מען מוז זאגען. עס האט מיר פערנומען דעם אטהעם, איך בין ארויס מיט דער שפראכע, מיך שטארק פערבאלעמוטעט און אנידערגעלעגט, מ'שטיין'ס-געזאגט. א מין טייטש: „ויאמר — א פוקס,

למך — א בלינדער, לנשיו — האָבען די ווייבער פון איהם זיך אָבגעשיידט. תובל-קין האָט איהב געפיהרט, עדה, עדה וצלה — און ער האָט איהם גע'הרג'עט" — דער דייטש איז געבליבען שטעהן, ווי מען קאָכט איינעם אָב מיט אָקרעפּ. איז אָקאָרשט פון דער הויט נישט ארויסגעשפּרונגען פאַר כעס. ער האָט צוגערופען דעם רבי און מיט א בייזער איהם געזאָגט: הא, וואָס ער איך? ווי זאָ לערנען זי איהרע תלמידים?! שאַנדע און שפּאָט! שעמען זי זיך, הער רבי!... דער רבי האָט זיך געקראַצט, קאַליפּעט די נאָז און געטאַלעפּעטשעט מיט דער צונג: מיין האַרענקע, דער קנאָב האָט זיך פאַרשראָקען, דער קנאָב זוי א גוטשקער יונגעל אויף נאמנות! נו — האָט דער דייטש געזאָגט צו מיר — פירכטע ניכט, מיין קינד, עס ווירד דיר ניכטס געשעהן. זאָגע מיר וואמר, וואָס טייטש וואמר? איך אָבער האָב שוין נישט געוואוסט, וואָס מיט מיר טוט זיך, האָב אויסגעשטעלט א פּאָר אויגען ווי א ליימענער גולם און א זאָג געטאָן דעם דייטש גלייך אין פּנים: פוקס!... מיין איך וואמר, ער האָט זיך געבעטען צו די ווייבער... דער רבי נעבעך איז געשטאַנען ווי אין געהאַקטע וואונדען און זיך שיעור נישט בעגראָבען אין דער פּאַר גרויסן בזיון. ער האָט געלייזט פאַר דאָס זייניגע וויפיעל אין אידם איז אריין און געהאַט א ווייסטען, פינסטערען טאָג. זיין שווער ביטער האַרץ האָט ער דערנאָך צו מיר אויסגעלאָזען. פון יענער צייט אָן פלעגט ער תמיד צו מיר זיך טשעפען און מיך שלאָגען, ממית'ן אויף וואָס די וועלט שטעהט, ביז וואַנען מיר איז שוין אונמעגליך געווען אויסצוהאַלטען. איך בין פערשלאָפט געוואָרען און אויפגעהערט צו געהן אין דער תלמוד-תורה.

---

# ד

די מאַמע מיינע האָט געלעבט אין דחקות און נישט געהאַט פּשוט מיט וואָס א טאָג איבערצוקומען. זי פלעגט ארבייטען זאָקען, פליקען פעדערען, זיך שטעלען א מאָל פאַר א וואַרטערין ביי א קינפּעטערין, און אונטער א פּסח וועלגערן מצה. זי פלעגט טאָג ווי נאַכט געבעך ארבייטען, און פון איהר גאַנצער ארבייט קוים געהאַט וואַסער אויף קאַשע. חייבערשע מלאכות האָבען אין דער וועלט נישט קיין חערטה און ווערען זעהר וועניג בעלוינט. וואָרום וואָס זענען דען ווייבער איינגאַנצען? וואָס פאַר א פּנים, וואָס פאַר א חערטה, האָט מ'שטיינ'ס-געזאָגט, די גאַנצע יודענע, אז זי איז שוין אפילו א בריה? פון ווייבער, אַזוי איז ביים עולם שוין איינגערעדט, קען קיינמאָל קיין נוטס נישט ארויסקומען, וייערע אלע מלאכות האָבען קיין שום ממשות. עפּיס רעכטס אין תוך אריין, נוט אַזוי ניצליך, איז נישט פאַר'ן חייבערשען מח... פונ'ם טאַטענס ירושה איז געבליבען א נישטער סך-הכל: צוויי מיידלעך מיט א יונגעל זענען געשטאָרבען, מען קען טאַקי זאָגען, פּשוט פאַר הונגער, איין גרויסער בחור האָט ערגיץ זיך אוועקגעשלעפּט און איז פערפאַלען געוואָרען ביז אויף היינטיגען טאָג, מען ווייסט עד-היום נישט, וואו זיין געבוין איז הינגעקומען. נעבען דער טאַטען איז געבליבען א קראַנק, שלאָף מיידעל, איינגאַנצען א צובראָכענער שאַרבען, און איך, שלים'מזל, וואָס איך בין איהר געווען אויפ'ן האַלז. אַנ'אַפּעטיט האָב איך געהאַט אָהן עין-הרע ווער א נטען, דאָס ביסעל עסען, וואָס איך פלעג אַלץ פון איהרס געבעך אַוועקנעהמען, האָט מיר נישט געקלעקט אויף א צאָהן. איך פלעג אַלץ בעטען עסען, עסען! וואָטש וואָס עס-איז, אַבי עסען! די מאַמע נעבעך האָט געליטען און נישט געוואוסט, וואָס מיט מיר צו טאָן. ליים פלעגען זי ראַטען, מיך אוועקצוגעבען עפּיס צו א בעל-מלאכה, מען זי פלעגט פערוואַרפען מיט'ן קאָפּ און רעדען רעדט מיט הערין:

— אַ־אַ, די כפרה בעסער זאָל ער ווערן איידער אָבצוגעבען איהם צו אַ בעל־מלאכה, צו פערשווארצען מיר דאָס פנים און דאָס פנים פון זײַן טאַטען עליו־השלום!... ער, דער טאַטע זײַנער, וועט דאָך דאָרט נישט קענען רוהיג ליגען אין קבר. ס׳טײַטש, רב טעביל דעם מלמד׳ס אַ זוהן זאָל זײַן אַ בעל־מלאכה, אײַנגעקויפט אין דער חברה פ״ץ! ס׳איז דאָך נאָר אַ וועהטיג אַזוינס צוהערען. אַ, נישט דערלעבען, נישט דערהאַרען, רבונו של עולם, אַלען עס מײַנע שונאים.

אָט האָט צום סוף דער טאַטע געהאָלפען, מיך אַרײַנצוגעבען אין אַ קלײט פון צעלניק. זי איז געווען איבערגליקליך און האָט געמיינט, איהר זוהן איז שוין אַ סוחר.

נאָר איהר זוהן אָבער איז גאָר געוואָרען אַ הונד! איך וועל עס אײַך באַלד טאַקי מפורש זײַן

מײַן קיבדא איז געווען אָבצוכאַפּען איטליכען, וואָס איז דורכגעגאַנגען, מיט אַ ליאַרעם, מיט אַ געשרײַ און שלעפּען איהם אין קלײט אַרײַן. איז עמיצער פאַרבײַגעגאַנגען אויף דער גאַס, פלעגט מען מיך אָברײַסען אַזוי ווי אַ הונד און איך האָב בעדאַרפט אַרויסלויפען, שרײַען אין אײן אָטהעם: אַהער, פּאַני! חעבעלנע טיכלעך, לײַנוואַנד, שלײַקעס, מעסערלעך, קאָלאָשען אַמעריקאַנישע, ים־שוימענע שטעקלעך, מאַנדעל־זײַף, פּאָמאַדע! וברוטה נאָך אַזעלכע זאַכען. תחילת איז מיר דאָס געווען אַביסעל פריקרע, ווי נעהם מען עס גלאַט אַרויס שרײַען אויף דער גאַס און פאַרשטעלען יענעם דעם וועג, ס׳איז דאָך עפּיס משונה ווילד! איך פלעג אַביסעל אַנטשעמפּאַלשעווען, מאַכען די שפּיל בקיצור און אַרײַנברענגען האַרודך און כעס מײַן בעל־הבית מיט דער בעל־הבית׳טע, וואָס פלעגען מיך זידלען, איבערמישען גלײַך מיט דער בלאָטע און איבערכאַפּען מיר, אַז איך פרעס אומזיסט זייער זאַלץ און ברויט. האָטש איך נעבעך האָב געהאָרעוועט, געהאָרבעט איבער מײַנע כחות און געטאָן אַלערהאַנד מלאכות אין קלײט און אין ישוב, דערצו נאָך בין איך געווען אַ משרת בײַ די עלטערע משרתים, פלעג זיי טראָגען אין פײַער, און וואַסער אַרײַן, קריכען זיי אונטער די נעגעל און בין נאָך זעהר גערן געווען, אַז איך האָב דערבײַ פון זיי נישט געכאַפּט קײן פּסק און טרוקען פון זייערע הענד אַרויס. ווער שמועסט, ווען אַ משרתל פון דער אַנדערער קלײט פלעגט אַ מאָל אַרויסרײַסען אַ קונה בײַ מיר פון די הענד, דאַ האָב איך שוין געטעגט





זיך געזעגענען מיט דעם לעבען. אַלע בײַ אונז אין קלײט זענען אויף מיר אַרויף, דער מיט דער צונג, דער אַנדערער מיט דער האַנד און מען האָט מיר געגעבען וויפיעל אין מיר איז אַרײַן. מײַן מאַמע און דער טאַטע, ר׳ טעביל דער מלמד, עליו השלום האָבען דענסטמאָל אויך נוט געליטען, מען האָט זיי חלילה נישט פאַרגעסען. געגעבען אי אין דער מאַמען, אי אין דעם טאַטען אַרײַן, העט־העט ביז אברהם אבינו! פון עסען אין אַזאַ ביטערען שווערען טאָג איז גאָר קײן רעדע נישט געווען, איך האָב געפאַסט, נישט טועם־טעם געווען. מען האָט מיר אַפילו מתיר געמאַכט עסען ווערים, קרענק, נאָר אַזוי ווי עסען ווערים, קרענק איז נישט פאַר קײן מענשליכען מאָגען, האָב איך פערבראַכט דעם טאָג פּשוט אין אַ תענית. און אַזעלכע תענתים פלעגען מיר אָפט זיך מאַכען אַפּאָר מאָל אין וואָך, אַז איך האָב אַ קוק געטאָן, ס׳איז שלעכט, האָב איך אַ נעהם געגעבען זיך צו מײַן זאַך בשלמות. ווי באַלד אַז עמיצער, וואָס דאַכט זיך נאָר אַז ער איז אַ קונה, האָט זיך אַ וואַרף געגעבען פון דערווײַטענס, אַז מײַנער האָט ווי אַן׳אָבגעריסענער הונד פון דער קײט געשווינד אַקעגען איהם זיך אַלאַז געטאָן, פאַרשריגען איהם דעם קאָפּ מיט דעם גאַנצען צעטעל סחורות, איהם פערלאָפען דעם וועג און געשלעפּט פאַר די פּאָלעס. איך פלעג אפילו אַ מאָל פון אַזעלכען בעקומען אַ קלאַפּ אָדער אַ שפּײַ אין פּנים, נאָר איך אָבער פלעג מיר טאַקי טאָן דאָס מײַניגע, גלײַך ווי מיר איז גאָרנישט געשעהן. מיט דער צײַט האָב איך דרינען מיך אַזוי אײַנגעוועהנט, אַז דאָס שרײַען איז בײַ מיר געווען אַ חדוה, אַ פרייד. איך פלעג זעהר הנאה האָבען, ווען עס פלעגט מיר זיך מאַכען אַרײַנדערטאַפּען עפּיס אַ פּריץ, איהם פערדולען דעם קאָפּ און צווישען דעם צעטעל מיני צעלניק־סחורה איהם אויך רעכענען מיט אַ געשרײַ: מאָזשע פּאַני פּאַריזשעסקי האַרצוועהטיג מײַנע אויף דײַן קאָפּ! פּאָמאַדע, מכות, צרעת דיר, פּאַני!

דער דאָזיגער ענין המסחר מײַנער אויף דער גאַס פלעגט מיך אָפט ברענגען אין אַ סכסוך מיט משרתים פון אַנדערע קלײטען, וואָס פלעגען אויך אָנכאַפּען קונים און שרײַען. מיר האָבען זיך געריסען אין דרויסען, אַקוראַט ווי אונזערע בעלי־בתים האָבען זיך געריסען צווישען זיך אינווענינג אין די קלײטען איבער׳ן ליזעכטס, ניש־מעהר נאָר מיט דעם חלוק: בײַ זיי האָט מען געוואָרפען מקחים, אַראָבגעלאָזען די פּרײַזען, און בײַ אונז, משרתים, האָט מען געוואָרפען קלעפּ, אַראָבגעלאָזען פּעטש. און אַזוי ווי איך בין געווען דער קלײנסטער, דער שלאַפּסטער, איז פאַררעכענט געווען אַ מצוה, די אַלע בעסטע קלעפּ מיט די הייסע פײַערדיגע פּעטש.

על פי מענשליכקייט, מיר איינעם צו־צולאָזען. אזעלכע מתנות אָבער זע־
נען מיר נישט וואויל בעקומען, און פון אזעלכע מצות על פי מענשליכ־
קייט, בין איך אויס מענש געוואָרען. הגם צו אזעלכע מיני מסחרים
איז אַ מענש נישט אזוי שטאַרק נייטיג, אָהן דעם קען מען אויך זיין
אַ „מענש”, אַ משרת הייסט עס, נאָר כח, געזונד אָבער בעדאַרף מען
דאָך טאַקי האָבען, און איך בין געוואָרען, פשוט איז פשוט, אויס
מענש, דאָס הייסט אָהן כח, אָהן קראַפט, קוים וואָס איך האָב
מיר געהאַלטען אויף די פיס. אַ קאַטאָוועס וואָס איך בין נעבעך
אייסגעשטאַנען! אין שטוב האָב איך בעדאַרפט טאָן, העלפען אין
בעל־הבית׳ישקייט, אין קלייט האָב איך בעדאַרפט אַרבייטען, ראָ־
מען, קעהרען, איטליכען בעדינען. איטליכען צופרידען שטעלע־
און עסען פלעג איך יסורים, קלעפ האָב איך געלייזט פון פרעמ־
דע אי פון אייגענע. דער גרויסער משרת אין קלייט פלעגט מיר
נאָך מעהר פון אלע מאָן צום טויט. איהם איז עפּיס נישט
געפעלען געווען, וואָס איך נעכטיג אין דער קיך, וואוהין ער
פלעגט זיך שטילערהייד אַריינחאַפּען. ער פלעגט זיך אַלץ זו־
כען צו מיר, ווי מיך פון דאָרט משלח צו זיין און בכלל
מיינער פטור צו ווערען. איך בין איהם געווען עפּיס ווי אַ
דאָרען אין די אויגען. פונדעסטוועגען האָלט איך עפּי אפשר
אַלצדינג איבערגעטראָגען, ווען עס זאָל נישט געווען זיך מאַ־
כען די מעשה מיט אַ קנעפּעל.

איך האָב אַמאָל דערזעהען אין קלייט, האַלגעדענדיג זיך אַ
מוטערפערלען קנעפּעל, וואָס האָט געפינקעלט, געלויכטען מיט
אַלערליי קאָלירען און פערשיינט די אויגען אַזוי, אַז איך האָב בע־
קומען צו איהם אַ גרויסען יצר הרע. דערביי איז מיר אַרויף אויפ'ן
זינען מיין קראַנקע שוועסטער. איך וועל איהר עס געבען אַ מתנה,
זי וועט אַ שבת, אַ יום־טוב, דערמיט זיך אויספוצען און זיך בערימען
פאַר איהרע חבר׳טעס. דער דאָזיגער געדאַנק האָט מיר נאָך אונטער־
געגעבען חשק. איך האָב גענומען דאָס קנעפּעל און אַריינגע־
לעגט עס אין קעשענע, איז דער גרויסער משרת, וואָס האָט עס
אַלצדינג פון דערווייטענס צוגעזעהן, באַלד צוגעלאָפען צו מיר מיט
אַ געשריי: „אַזוי, שייגעץ, גנב איינער, דו לעגסט אין קעשע־
נע! זעהט איהר — בעל־הבית׳טע, האָט ער געזאָגט — יענע





האָבען, וואָס האָבען געפעהלט, איז אויך זיין מלאכה!” דאָס
האָט ער שוין געזאָגט בכיון, כדי אַרויפצוּוואַרפען אויף מיר
זיינע אייגענע חטאים, אַ פּנים, און איך געדענק ווי פון שלאָף,
אַז ער פלעגט אַ מאָל טאַקי אונטערדרוקען דער דינסט קליינינ־
קייטען... קורץ, מען האָט מיר געמאַכט אַ וויסטע פינסטע־
רע סוף, גוט אויסגעפּאַטשט און אַרויסגעטריבען.

---

# ה

די מאַמע האָט מיך ווידער בעקומען צו זיך צו נאַסט אין אַ גוטער,
מזל'דיגער שעה! איך זאָג נישט אומזיסט „אין אַ מזל'דיגער שעה", וואָ־
רום יענע צייט גראָד איז געווען די צייט, וואָס זי האָט ערגיץ בײַ אַ
בעקער געוועלגערט מצה, און דורך איהר חשיבות איז איהר געראָטען,
אויסצואַרבייטען דאָרט פאַר מיר אַ התמנות פון אַ גיסער, דאָס הייסט
אונטערצוגיכען וואַסער, מיט אַ פסח'דיג קריגעל, דער קנעטערין, וואָס
דעמאָלט האָט עס בײַ מיר אַזוי ביעל פערנומען ווי די גרויסע שטעלע
פון אַ שר־המשקים. איך האָב מיך מיט דער שטעלע בײַ זיך אין האַרץ
מיחס געווען און געקוקט אויף זיך עפּיס מיט דרך־ארץ, ווי אויף אַ מענ־
שען, וואָס מען בעדאַרף צו איהם אָנקומען און זיין הילף איז שטאַרק
נייטיג. אין דער ערשטער צייט איז מיר אפילו אָנגעקומען שווערליך צו
צוטרעפען אַקוראַט די מאָס וואַסער, און עס זענען דורך מיר חמץ'דיג
געוואָרען עטליכע מיערעס און מען האָט מיר דערפאַר מיאוס אָנגעריבען
אַ נאָז. נאָר דערנאָך איז עס בײַ מיר געגאַנגען ווי אַ פוטער. איך האָב
מיך געהאַלטען בײַ זיך כאָטש איין גיסער אין דער וועלט, אפילו אין פּאַ־
ריז קען שוין קיין בעסערער פון מיר נישט זיין. צווישען די מענשען,
וואָס האָבען בײַם בעקער זיך איבערגעוואָרפען מצה באַקען, איז געווען
אויך איינער, אַ דרדקי־מלמד. ער איז געווען מיט מיין גיכען וועהר צו־
פרידען און מיך אפילו אַ קניפּ געטאָן אין בעקעלע. די מאַמע מיינע האָט
מיט דעם מלמד עפּיס אַלץ גערעדט, גערעדט, דערנאָך האָט זי מיך צו־
גערופען און געזאָגט: זעהסט־דו, יצחק־אברהם'צע, רב עוריאל נעמט דיך
צו, בײַ זיך אין חדר, פאַר אַ בעהעלפערל! דערבײַ האָט זי געמאַכט צו
דעם מלמד: איך חידוש מיך מעהר נישט, רב עוריאל, ווי אַזוי דאָס איז
מיר ביז אַצינד נישט אַרויף אויפ'ן מוח! זיין טאַטע, עליו השלום, ווי
איהר ווייסט, איז געווען אַ מלמד, זאָל דער זוהן זיינער, איהם צו לאַנגע
יאָהר, אויך זיין אַ מלמד, נאָר אויך די איינציגע מעשה טאַקי. זאָלט





איהר מיר געזונד זיין, אַז דער מח, נישט פאַר אײַך געדאַכט, נישט
פאַר קיין יודען געדאַכט, ליגט מיר, שונא־ציון, אין דער ערד. איהר
האָט דאָך מיינעם, אייך אויף צו לאַנגע יאָהר, געקענט. אויך די איינע־
נע מעשה, מסתמא איז דאָך אַזוי אָנגעשריבען געוואָרען, דער זוהן זאָל
אויך בלייבען בײַם טיטעל. אַז זיין ליבען נאָמען איז ווי'חא, איז מיר אויך
ניחא. נישערגער, זאָל זיין מוט'ן מייט...

ס'איז אָבער נישט געווען, ווי די מאַמע האָט געזאָגט. מיט'ן טי־
טעל, ס'איז גאָר געווען מיט דער וויג, מיט דער ציג וכדומה מיט אַזעל־
כע זאַכען! רב עוריאל־מלמד'ס ווייב האָט מיך גענומען אין איהרע הענד
אַריין, מיט מיר געשמאַק געקנעלט און מיך מכבד געווען מיט אַלערליי
מלאכות. איך בין בײַ איהר געווען אַ פאַרשטעקעל, אַ קאָרק, מיט וועל־
כען זי האָט פערשטאָפּט אַלע לעכער. אַלע טאָג אין דער פריה האָב איך
בעדאַרפט, ווי אַ יוד פאַרפעהלט נישט דאַוונען, אָבפיהרען די ציג אין
דער מטעו עו ע. זעלטען, זעלטען אַז ר' עוריאל פלעגט זי, די ציג הייסט
עס, מיט זיין כבוד אַליין פיהרען פאַר די הערנער און איך פלעג זי מיט
אַ ריטעל פון הינטען אָנטרייבען. אָבגעפאַרטיגט זיך מיט דער ציג, איז
געגאַנגען אַ סדרא פון אָנטראָגען האָלץ, צונויפקלייבען אין הויף, אויפ'ן
מיסט, דאַרע שפענדלעך, אויסגיסען די פאַמייניצע, אויסקעהרען די
שטוב און האַלטען אויף די הענד דאָס קליינע קינד מיט אַ נאַס פערקאַ־
טשעט העמדעל, וואָס האָט געוויינט, זיך געריסען נאָך דער ברוסט, גע־
צאַפּעלט מיט הענטלעך אי מיט פיסלעך, זיך פערגאַנגען, פערקייכט און,
מחילה, געפייפט מיט'ן נעזעל. איך האָב עס בעדאַרפט איינגעהמען, אויס־
טראַכטען שפּילכלעך, בלאָזען אין קולאַק ווי אויף אַ טרומייט, קנאַקען
מיט דער צונג, מאַכען „סאָראָקע־וואָראָנע" און זינגען „פּי־פּי־פּי", „ציגע־
לע־מיגעלע" און נאָך אַנדערע קינדערשע לידלעך. חלילה אָבצושטעלען
זיך אַ רגע! די רביצין האָט געפּעפּט אַ פּסק און אויסגעגאָסען אויף מיר
אַ תוכחה, האַלטענדיג די קאָטשערע, פאַר אויף צו פּלעטען מיר
דעם מח.

איבערגעקומען בשלום אַט די דאָזיגע מלאכות, בין איך געלאָפען
צונויפנעהמען די קינדער אין חדר אַריין. דאָ האָט זיך אָנגעהויבען גאָר
אַ ניי קאַפּיטעל — דער „מודה־אני" מיט אַלע תרי"ג בעהעלפערשע מלאכות:
פּוצען שטיוועלעך, שיכ'לעך, אַרויסנעהמען נאַסע יונגלעך פון אונטער די
איבערבעטע, אויסזוכען זיי דאָס אָנטאָן, פערשפּילען שפּענצערס, אָב־

רייסען שלומפּערס, אָבבלאָזען פּעדערען פֿון יאַרמעלקעלעך, אָבווישען נעזילעך, שלעפּען מיט געוואַלד פֿון דער שטוב און אַרויסשטופּען אין דרויסען... אַט אַזוי בין איך געגאַנגען פֿון שטוב צו שטוב ביז איך האָב צונויפגעזאַמעלט די גאַנצע קאַמאַנדע. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבען דער משונה ווילדער מאַרש, וואָס מען האָט איהם געמיינט אויף חרושים אָנקוקען. פּאַראַוים און אונטער מיר לויפען, שפּרינגען, קריכען יונגלעך אין דער „פּאָלנער פּאַרמע", מיט אַרויסגעשטעקטע העמדלעך אונטען פֿונ'ם שפּענצער. דער נעהט טרויעריג מיט אַנ'אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, ווי צו דער שחיטה, יענער האַלט אַ שטיק ברויט מיט אַנ'איי און עסט, איינער מאַכט קוקוריקו! און דער אַנדערער — ציגעלע מע-מע-מע! איך אַליין גיי האָפּערדיג אין דער מיט, אָנגעלאָדען אין די קעשענעס. אין דעם בוזעם, אין אַ קוישל אויפ'ן אָרעם פּלעצלעך מיט פּוטער, ברויט בעשמירט מיט שמאַלץ, ריפּטלעך ברויט מיט אַ ווירעל פֿון אַ הערינג, מיט טעפּלעך קאַשקע, זויערבילך, קעז, ציבעלעס, קנאָבעל און שאַר ירקות. און פֿיהר פֿון ביידע זייטען ביי די הענטלעך אַ האַלב טוץ יונגלינג. אַ טייל יונגלעך חליפּען, סכאָרען מיט דער נאָז, אַ טייל ספּאַרען זיך איין און ווילען נישט געהן, אַ טייל פֿאַררעהען דעם קאָפּ אַהינטער, וויינען שרייען: מאַמע, מאַמע! הויך אויף אַ קול איבער דער גאַנצער גאַס...

אָנקומענדיג אין חדר האָט דער רבי מיט דעם עלטערען בעהעלפער איבערגענומען דעם גאַנצען עטאַפּ קליינע אַרעסטאַנטלעך, און איך געגומען צים שמייסען. איך האָב בעדאַרפט דערלאַנגען רימער און חאַלטען פאַר די פיסלעך. אָבגעשפּילעט און געלעגט אויפ'ן בייגקעל האָט דער רבי מיט זיין כבוד אַליין, אַז די אָבגעשמיסענע קינדער האָבען זיך אַ לאָז געטאָן שפּילען אויפ'ן בערגעל מיסט אין דרויסען, האָב איך מיך געוועצט אָבוואַהען — ווינען דאָס קינד, רבי עזריאל דעם מלמד'ס קדיש, זינגען איהם דערביי „אונטער חייקעלעס וויגעלע שטעהט אַ ווייס קלאָר ציגעלע", אָדער אויפּפּלאָנטען אַ מאָל אַ מאַטיק פּאַדים, געהן אויפזוכען די הינער, ש. ייען אַ-קיש! און טרייבען דעם האָהן מיט זיין פּעקעל ווייבער, די לעפּעשיכעס, אַראָב פֿונ'ם בוידעם אַ פֿונ'ם דאַך. אין אַ פּאָר שעה אַרום האָב איך מיך איינגעשפּאַנט געהן ברענגען די יונגלעך וואַרמעס אין חדר אַריין און אַזוי האָב איך מיך געדרעהט אַהין-אַהער, אָנגעמופּעט ביז פאַרנאַכט.

פאַרנאַכט איז געקומען די צייט אָבצופיהרען די האַפּטע קינדער אַ





היים. מיינע צאָן-קדשים זענען לוסטיג געלאָפען, געשפּרונגען, די אַ אינטערגעשלאָגען אויג, יענער מיט בלויע צייכענס אויף דער באַק, איינעם האָט געפּלאַצט אַנ'אויער, דעם אַנדערן איז אַביסעל אויסגעצופּט געוואָרען אַ פּאה. קיינער אָבער האָט פאַר שמחה דערוים זיך גאָר נישט געמאַכט. אַלע האָבען געשטיפּט, געאיילט, געיאָגט לעבעדיג-פרעהליך. אין דער צייט איז אויך די טשערעדע קיה צוריק געגאַנגען פֿונ'ם פעלד מיט די פערשייטע ציגען פאַראויס. איך האָב אָבגעלאָזען מיינע צאָן-קדשים און געגאַנגען מקבל-פּנים זיין ר' עזריאל דעם מלמד'ס ציג, האָב זי אַ חאַפּ געטאָן ביי די הערנער און אָבגעפיהרט אַ היים אין איהר רוה אַריין. דערמיט האָב איך זי אָבגעהאַלטען פֿון אַ גרויסער מיאוס'ער עבירה — שפּרינגען ערגעץ אין אַ פרעמדען גאָרטען אַריין, און מיר האָב איך פערשפּאָרט אַ קאָפּדרעהעניש זי צו זוכען, ווי עס פלעגט זיך מאַכען אַ מאָל, ביז שפּעט אין דער נאַכט.

מכח מיין עסען איז דער מדובר געווען אַזוי: ר' עזריאל האָט מיר צו-געזאָגט קעסט ביי זיינע בעלי-בתים, ביי איינעם אַ טאָג, ביים אַנדערן צוויי וואָכען, אָדער אַ חודש, ווי עס האָט זיך געלאָזט. נאָר באמת בין איך געווען אויף קעסט נישט ביי די בעלי-בתים, נאָר וואָס דען? — ביי זייערע קעכינס, וואָס האָבען געהאַט אַ מינו נישט צו האַלטען ר' עזריאל'ס התחייבות און איך לאָזען פשוט הונגערן, און וואָס דאָס האָבען זיי זעהר אָפּט טאַקי געטאָן. איך ווידער פֿון מיין זייט, הגם אין מיינע תנאים איז נישט געשטאַנען צו טאָן דאָרט עפּיס אַ מלאכה, פונדעסטוועגען האָב איך פאָרט נישט געקענט אַזוי גראָב זיין, אָבצוזאָגען זיך, ווען מען האָט מיך מכבד געווען מיט אַרבייט. איך פלעג רייבען חריין, שאַרפען מעסערס, שייערען, רייניגען די שבת'דיגע מעשענע לייכטער, געהן צום שוחט קוילען עופות, לויפען אין דער דינסט'ס שליחות אין קלייטעל נאָך פעפער, נאָך אינגבער מיט צימערינג צום קוגעל, וכדומה נאָך זאַכען אין דעם בעל-הבת'ישקייט.

כ'איז געווען אַרום תשעה-באב-צייט. איך האָב מיך שטאַרק מבין געווען, אָנגעגרייט כלי-זין — הילצערנע שווערדלעך פאַר מיינע יונגלעך, אָבגעפאַרבט זיי, ווי שווערדלעך הייסט עס, מיט שוואַרצע יאַגעדעס און מיט אַנדערע מיתה-משונה-פאַרבען און געהאַפּט דערפון צו האָבען אַ שענעם גראָשען. נאָר בלוצלים האָט אויף מיר זיך אָנגעריקט אַ חמאָרע און צושטערט מיינע האָפענונגען. ר' עזריאל האָט אין יענער צייט בעדאַרפט

גראָד שלאָגען טויט־שלעק עפּיס איינעמס א נגיד'ס א יונגעל, א בן־יחיד'ל, וואָס איז געווען שטאַרק ציטעריג ביי די עלטערען. דאָס יונגעל איז פער, שלאָפט געוואָרען און געלעגען קראַנק אין בעט. די מאַמע מיט דעם טאַטען זאָגען געקלאָרעמט, געשריגען און געזאָגט: זיי מוזען דעם רב עזריאל'ן גוט אָנלערנען און צונעהמען ביי איהם דעם גאַנצען חדר. רב עזריאל האָט זיך שטאַרק איבערגעשראָקען, געזוכט א וועג ווי זיך צו ריי־ניגען, און אַרויפגעלעגט די גאַנצע שולד אויף מיר, דאָס איז, האָט ער זיך פאַרענטפערט, דעם בעהעלפער'ס מלאכה. ער איז, האָט ער געזאָגט אויף מיר, א גרויסער שייגעץ, א ווילדער עכבראש! דאָס יונגעלע פון זיין זייט האָט געשוויגען, שטאַרק מורא געהאַט, ווי געוועהנטליך, אויסצוזאָ־גען פונ'ם חדר. עס איז אָנגענומען געוואָרען, אַז איך בין שולדיג, און ביי ביידע צדדים איז געבליבען, מיך גוט אויסצופאַטשען און אַרויסצו־טרייבען פונ'ם חדר. איך בין געוואָרען דאָס כפרה־הינדעל און מען האָט מיט מיר, שלים'מזל, טאַקי באַלד געשלאָגען כפרות!

## ד

טאַ! — האָט די מאַמע מיינע זיך אָנגערופען אין אַ שמועס מיט עפּיס אַ יודענע, און בשעת מעשה געקוקט אויף מיר — אויך די אייגענע מעשה, ווי זאָגט מען עפּיס, אסתר, אַ מענש טראַכט און גאָט לאַכט. איך האָב פון מיין זייט יוצא געווען, זיך געלעגט, ווי מען זאָגט עפּיס, זאָלט איהר מיר געזונד זיין, אין דער לענג און אין יער ברייט, נישט צו פערשוואַרצען מיינעם דאָרט אין קבר דאָס פנים, נאָר גאָר געה צורייס זיך, שונאי ציון, אַז עס פאַלט אַלץ מיט דער פוטער אַראָב. איך האָב איהם אַזוי ווי איהר קוקט איהם אָנ־עט, אסתר, שוין געשטעלט אויף עטליכע ערטער. ער האָט געקענט דאָרט ווערען אַ לייט, טאַקי וואָס לייט הייסט, אַז גאָט און לייט וואָלטען מיר מקנא געווען. נאָר געה צורייס זיך, אסתר, נעהם חאָטש דאָ אַיינ־עט אַ מיתה־משונה און ווער די כפרה, אַז עס קומט גאָר אויס, דיר אויף צוועצעניש, שונאי ציון, פונקט בויבעריק! אויך די אייגענע מעשה, ווי זאָגט מען עפּיס, אַז דאָס שלים'מזל לאָזט נישט אָב אַ מענשען, מוז מען אַנבויגען דעם קאָפּ. אַז מען קען נישט אַריבער, זאָגט דער עולם אַ ווערטעל, מוז מען אַרונטער. יאַק נימאַ ריבאַ טאָ אי ראַק ריבאַ, זאָגט אַפילו אויך דער פּויער להבדיל. איהר זענט דאָך א וואוילקענעווריגע, אסתר, טאַ! צו א בעל־מלאכה, לאָז זיין צו אַ בעל־מלאכה. מסתמא איז דאָך אויבען אַזוי אָנגע'חתמ'עט געוואָרען, אַז מעביל דעם מלמד'ס זוהן זאָל זיין אַ בעל־מלאכה, וועה און ווינד איז מיר! אויך די אייגענע מעשה, מה אנו מה חיינו, געה פרעג דעם רבונו של עולם קשיות!

אין עטליכע טעג אַרום בין איך אַריינגעטרעטען פאַר א לעהרען־יונגעל צו לייזער דעם שניידער

לייזער דער שניידער איז געוועזען אַ קליין דאַר יודעל. מיט אַ בלייך פּנימ'על, זעהר ספּיצבנע, א ריהריגנדיגעס ווי קוועקזילבער, מיט אַלע

שניידערשע פאַסטעמקעס — אַ פּאַלנע מיט די ביינער. מען האָט איהם געקענט רופען אי אַ ווייבערשער אי אַ מאַנסקער שניידער, אָדער, נאָך גלייכער, נישט קיין ווייבערשער, נישט קיין מאַנסקער, ווייל ער האָט זיך אונטערגענומען נעהען אי ווייבערשע, אי מענישע קליידער, אַלצדינג אין דער וועלט, אפילו אַ היטעל אויך, און האָט קיין זאַך נישט רעכט געקענט. אונטער זיינע הענד פלעגט אַ יופּע מגולגל ווערען אין אַ שלאָף־ראָק, אַ שלאָף־ראָק אין אַ קאַפּאָטע, אַ קאַפּאָטע אין אַ קליידעל און אַ קליידעל אין אַ קינדערש לייבעל. דערצו איז ער געווען אַ בריה. עס האָט ביי איהם אויסגעגעבען תמיד מאַטעריע אַקוראַט וויפיעל מען בעדאַרף, און איהם איז נאָך אויך איבערגעבליבען אַ היבשער שטיק יתור. אונטער אַנ׳אָסיען, די רעכטע צייט, ווען ביי יודען אין דער פאַמיליע הייבען אָן קליידער איבערגעניצעוועט און מגולגל ווערען פון איין מלבוש אין דעם דעם אַנדערן, דענסטמאָל איז ער געווען פערוואָרפען מיט אַרבייט.

לייזער האָט פון זיך הנאה געהאַט און זיך געהאַלטען פאַר דעם בעסטען שניידער ווען נישט אין דער גאַנצער וועלט, על כל פנים פאַר דעם בעסטען אין בעזליודעוו, ווייל ער האָט אַליין נישט געוואוסט וואָס איהם פעהלט. אַז מען פלעגט איהם אַ מאָל ווייזען עפּיס אַ גוט שטיקעל אַרבייט ערגיץ פון דער פרעמד, פון בערלין אַ שטייגער, פלעגט ער געבען אַ שמייכעל און נישט וועלען אפילו דעם כבוד אָנטאָן, דערצו זיך רעכט צוקוקען און צו בעטראַכטען, ווי דאָס איז גענעהט, ווי עס נעהט דער שנ׳ט.

— עט! — פלעגט ער שמייכלען מיט אַ קנייטשעלע און יענעם אָבשלאָגען די פליגעל — עט, וואָס איז דאָ אַזוינס פאַר אַ חריפות? וואָס האָט מען דאָ געפונען אַזוינס וואָס צוזעהן? אַזעלכע אַרבייטען האָב איך שוין אין מיין לעבען טויזענטער מאָל איבערגעמאַכט. מען בעדאַרף נאָר צו אַלץ האָבען מזל, אַבי ס׳איז אין בערלין, חיג, חע, איז שוין גוט.

אַ ציגנעל האָט לייזער געהאַט אַ ג׳שליפענס, זעהר אַ געלויפינס. אַז עמיצער פלעגט וועלען איהם אויסמאָלען, ווי ער זאָל איהם נעהען, האָט ער יענעם נישט געלאָזט אויסרעדען, פערהאַפּט און גערעדט אַלץ אַליין:

— איך ווייס, איך ווייס־ווייס־ווייס! זייט זיכער, איך וועל אייך מיט גאָט׳ס הילף מאַכען אַ שטיקעל אַרבייט נאָך בעסער ווי איהר אַליין ווילט.





דאָס ערשטע מאָל איז מיר דען צו מאַכען אַזאַ אַרבייט? איך ווייס, זייט זיכער, איהר וועט צופרידען זיין.

ביים אָבברענגען די אַרבייט, אַז יענער פלעגט זאָגען: דאָ קוועטשט איהם, דאָ קנייטשט זיך, דאָ ליגט נישט גוט, דאָ איז שמאָל, האָט לייזער נישט געוואָלט גאָר הערען, אַלץ גערעדט, גערעדט און פערשאָטען מיט רעד:

— חלילה, ווי פאַלט איהר אויס אַזוי׳נס צו זאָגען? עס קוועטשט נישט! עס טאָר גאָר נישט קוועטשען, עס הייבט נישט אָן אפילו זיך צו קנייטשען. גיט נאָר אַ ציה, זייט מוחל, אַהין אַביסעל. עס ליגט גוט אַזוי ווי אויסגעגאָסען. נאַט אייך נים — ס׳איז שמאָל! וואָס הייסט שמאָל? אַז סע טאָר נישט זיין שמאָל! איהר האָט ערשט אָבגעגעסען און זענט אַביסעל פול, דאַכט זיך אייך אויס, אַז ס׳איז שמאָל. איך זאָל פאַרקרענקען אין דעם היגען הקדש, וואָס מיר איז דערפון אַראָבגעפאַלען, ביי מיינע יודישע נאמנות! מען איז קוים אויסגעקומען ווי מיט קרעפּעל־פלייש. ס׳איז איבערגעבליבען פונ׳ם אונטערשלאַק אַ שמאָל פּאַסעקעל פערקעל, האָב איך עס אייך אָבגעבראַכט. בעסער ווי איך האָב אייך געמאַכט, קען מען שוין טאַקי ערגיץ נישט מאַכען. איהר וועט זיך אַביסעל איינגעהן, וועט איהר געוועהנט ווערען. טראָגט געזונד!

ביים צאָהלען פלעגט זיך אָנהויבען אַ דינגעניש. ער האָט אַוועקגערעדט אַ שעה מיט חרמות, אָבגעלויבט אין טאָג אַריין זיין אַרבייט, אויסגערעכענט איטליכעס פּיצעלע בעזונדער, וואָס האָט איהם געקאָסט, געמאַכט אַ שניידערשען חשבון און געשטעלט פאַר עדות אונטער די אויגען דעם קרעמער, דעם שמוקלער אי די יודענע פונ׳ם שאַפּקעלע, און אָבגעשאָטען פשוט מיט ניין מאָס רעד, ביז מען האָט איהם מוסיף געווען נאָך אַ צעהן גראָשען. טאַ. פלעגט ער דערנאָך מאַכען, גיט חאָטש אַביסעל בראַנפען... מיט אַביסעל בראַנפען האָט ביי לי׳זער׳ן זיך אָנגעהויבען און אויסגעלאָזען אַלע געשעפטען. ער איז נישט געווען חלילה קיין שכור, זיך נישט געוואַלגערט אין די גאַסען. נאָר טרינקען האָט ער געקענט. די מלאכה האָט ליעב דעם טרונק — איז געווען זיין ווערטעל. און ער האָט טאַקי אמת ליעב געהאַט די משקה. צוליעב דעם פלעגט ער זיין אַ גאַנצער מאַכער אין דעם צעך, האָבען אַזאַ התקרבות מיט דעם צעכמייסטער, אַרויסווייזען זיך און שטאַרק אַרבייטען בשעת עפּיס אַ וויבאַר, ווייל געוועהנטליך געהט עס דאָ נישט אָהן אַביסעל בראַנפען. ליי־

זער׳סנשמה האט ניש׳קשה געפיהלט, וואו מען בעקומט דעם ביטערען טראפען. נאר זאגען, אז פאר א כוסה האט ער פערקויפט זיין הארץ, זיין פערשטאנד, ער האט אויפגעהערט צו פיהלען, צו פארשטעהן וואס גוט און וואס שלעכט — חלילה, דאס נישט. פער׳כוס׳עט האט ער עס נישט, ער האט מאקי ביי זיך געהאט זיין שכל און ווי אלע אנדערע זעהר גוט געוואוסט דעם אמת, ער האט נאר פער׳כוס׳עט, פערקויפט זיין גאלקע...

לייזער דער שניידער האט מיך גלייך ביי מיין אנקומען צו איהם שטארק גענומען אין דער ארבייט און מיט מיר אנגעהויבען דעם אלף־בית פון דער מלאכה. דער אלף־בית איז נישט בעשטאנען דריגען, ווי מען האלט די נאדעל, ווי מען בעדארף א שטאך טאן — ניין! דאס איז נאך געווען צופריה, דעם דאזיגען כבוד האט מען מיר נאך א לאנגע צייט נישט אבגעגעבען. לייזער האט מיט מיר אנגעהויבען פון דער התחלה — פון זיין פאמיניצע, האלץ טראגען וכדומה נאך אזעלכע זאכען. כמעט דער אייגענער אלף־בית, וואס ביי דעם צעלניקער און ביי עוזיאל דעם מלמד, נאר מיט אביסעל פארענדערונגען, ווי עס פאסט צו א שניידער, דהיינו: נעהן אין מארק נאך כשר׳ע פאדים; ארויינשטעלען פרעסלעך ווארימען אין אויבען, ביי לייזער׳ן גופא אין שטוב, אדער א מאל ערגיץ ביי א שכן; זוכען א מאל צעהן אין כאג אונטער׳ן טיש, אונטער די בייגק, דעם פינגערהויט, אדער א דין נאדעלע; ארויסציהען פארשטריגעס און אבטראגען מיט דעם בעל־תבית ערגיץ א שטיקעל ארבייט. און אזוי ווי לייזער האט געהאט א ווייב, א בעל־הבית׳טע, א בריה א יודענע, האט זי זיך מיט מיר שטארק אבגעגעבען, אויסגעזוכט ביי זיך תמיד פאר מיר ארבייט און מיר ניט געלאזט חלילה לעדיג זיצען קיין רגע. די מאמע מיינע האט נאך לעת־עתה נישט געהאט זיך וואס צו שעמען פון מיין מלאכה, און מיין טאטע ר׳ טעביל דער מלמד האט נאך דערווייל געקענט רוהיג ליגען אין קבר: זייער זוהן האט זיי נאך נישט פערשווארצט דאס פנים, ביז דער נאדעל איז נאך געווען גאנץ וויט. און מכת שלאגען — דריגען האט מען זיך נישט געדונגען. א מאל האט מיך געשלאגען לייזער, א מאל לייזער׳ס ווייב און אמאל ביידע אינאיינעם טאקי, אדער זיי ביידע, נאר אויף אנ׳אנדער מין אופן, דהיינו אזוי: לייזער האט פריהער אבגעשטעקט עטליכע פעטש לייזעריכען און לייזעריכע האט זיי מיר געטריי איבערגעגעבען מיט פראצענט, מיט געשמאקע עטליכע קניפ דערצו, אדער פארקעדרט, לייזעריכע האט מיט





א מאל צום ערשטען אריינגעלעגט מיט איהרע אייגענע הענד, וויפיעל זי האט נאר געקענט אין לייזער׳ן, און לייזער האט נישט געקענט אויסהאלטען, ער זאל עס באלד נישט אריינווארפען אין מיר... לייזער מיט׳ן ווייב האבען געלעבט ווי א פאר טויבען, גלייך אין אלע זאכען: ביידע זענען געגאנגען אין ספאדיק, ביידע האבען געהאט א גלייכע דעה, ביידע האבען מורא געהאט איינער פאר דעם אנדערן, זיך געהאלזט, ארומגענומען און זיך געטיילט מיט דעם שענסטען בעסטען — מיט פעטש..

קיין האניג האב איך ביי לייזער דעם שניידער נישט געלעקט. איך האב געארבייט אין שטוב ווי אין אייזעל און געכאפט פון אלע זייטען קלעפ, דענסטמאל האב איך געמיינט, אז דאס אלצדינג מוז מען א לעהרענ־יונגעל טאן און אהן דעם חלילה, דאס הייסט, אהן פאמיניצעס־טראגען וכדומה און אהן קלעפ, הייסע פייערדיגע פעטש, וועט ער נישט קענען זיין א בעל־מלאכה, אקוראט ווי אהן קלעפ קען מען נישט לערנען און מאכען פאר א למדן. א שפיגעלע האב איך פאר מיר געהאט לייזער׳ס אנ׳ארבייטער. א דארער, איינגעהויקערטער, אויסגעבליכטער בחור, וואס ער האט זיינע בעסטע יונגע יאהרען פערבראכט ביי לייזער׳ן, געטאן עבודת פרך און געליטען ביז ער איז געקומען צו דער מדרגה האלטען א נאדעל און שטשאבען. דעריבער פלעג איך, ,שלים׳מזל, נעבעך מקבל באהבה זיין אלע פעטש און אפילו נישט הויך וויינען.

איינמאל אונטער א פאר־פסח רופט דער בעל־הבית צו מיר זיך אן:

— איציק אברהמ׳ל, גיב נאר א שפרינג אין קרעמעל, חאפ, פערהאפט זאלסטו ווערען, פאר א גראשען כשר׳ע פאדים און בעווארף, ווארפען זאל עס מיט דיר, אט פון דעם דאזיגען קלייד דעם פעדער־חלק, דערנאך דעם אונטער־חלק. ושיוזא, ממזר!

איך געדענק, ווי שטארק איך האב מיך דערפרעהט דענסטמאל אויף דעם כבוד — זיצען ביי דעם טיש און האלטען א נאדעל, גלייך ווי מען וואלט מיך אויף א חתונה מכבד געווען האלטען די חופה־שטעקענס. היידא! איך האב מיך אנידערגעזעצט ביים טיש אקעגען דעם איינגעבלייכטען בחור, פרעהליך, לוסטיג און מיט ביידע הענד געהאלטען דעם אונטער־חלק, ווי עפיס א טייערע זאך, אנ׳אבן־טוב. דער שניידער האט אויף א ביי־קולכען צוגעזונגען א שטיקעל פון כל־נדרי, באלד א מלך־עליון, באלד איז ער איבערגעגאנגען אין א מארש, צוגעיאקעלט מיט׳ן קעפעל

און צוגעפּויקט צום טאַקט מיט די פּיסקעס, באַלד האָט ער געזאָגט אַ המצאהדלע איבער מיר, איבער דעם אויסגעבליכטען בחור, און דערבײ ארויסגעשטעקט אַ שפּיץ צינגעל, באַלד האָט ער געזונגען ווײנענדיג ווי מען בעזעצט אַ כּלה און באַלד האָט ער געזאָגט, ווי דער מאַרשאַלעק גראַמען. „זשיוואָ, איציק אברהם׳ל! — האָט ער מניה=וביה טאַקי געזאָגט מיט אַ נגון, — שנײַץ אָב דאָס ליכט, ממזר! געה ניכער, אָנגעבלאָזענע צורה! אַביסעל גיכער, איציק אברהם׳ל, חאַפּ בײ מיר נישט, ממזר, קײן דרעמעל!״ און איך, שטאָך דאַ שטאָך, שטאָך דאַ שטאָך אין דעם קלײד, אין די פינגער, וואו עס האָט זיך פּאַפּאַדעט. נאָר ווער הערט אַ שטאָך בשעת אויפ׳ן האַרץ איז פרעהליך?...

פלוצלים אָבער האָט אויף מיר זיך אָנגערוקט אַ חמאַרע: אין דער גאַנצער שטוב האָט אָנגעהויבען צו שטינקען סמאַלינע. מען זוכט דאָ, מען זוכט דאָרט און מען געפינט לסוף, אַז בײ מיר, שלים׳מזל, סמאַלעט זיך דער אונטער=חלק יענער אונטער=חלק, וואָס איך האָב בעוואָרפען! ווארום בשעת איך האָב אָבגעשנײצט דאָס ליכט, איז אַ שנויץ דערויף אַראָבגעפאַלען! אַ גע=וואַלד, אַ געשרײ, אַ געפּילדער, וואַלי פּעטש, קולאַקעס און קלעפּ איז מיר געפאַלען ווי האָלץ! איך האָב נענוג געהאַט פאַר דאָס מײנינע. דער שנײדער פּריווט זיך מאַכען פונ׳ם אונטער=חלק אַ פּעדער=חלק, אַרבעל, עס געהט נישט! ער האָט שוין נעבעך פונ׳ם קאַסטען אַרויסגענומען דעם שטיק יתור פון דעם קלײד, נאָר מוטשע זיך, שונאי ציון, פון הײנט אי=בער אַ יאָהר, עס געהט נישט! חאָטש צערײס זיך! חאָטש טו דאָ פו=טער אַרײן, עס געהט נישט! דער אונטער=חלק מוז טאַקי בלײבען אַנ׳=אונטער=חלק, פון אַ חזיר׳ש עקעל קען מען קײן שטרײמעל נישט מאַכען...

— הער נאָר אויס, איציק אברהם׳ל! — האָט געזאָגט לײזער — הער אויס, ממזר׳יק, יינגאַטש אײנער, אַ קרענק דיר אין די בײנער! פּאַטשען דיך האָב איך שוין מעהר קײן כּח נישט, אַז די בעל=הבית׳טע וועט קומען פונ׳ם מאַרק, וועט זי דיך מסתמא אויך דערוואַרמען אַביסעל אין אויסטאַפּען דיר די בײנדלעך. זי האָט אויך אַזאַ רעכט גלײך ווי איך און זי וועט דיר איהרס נישט שענקען. נאָר דאָס אַלצדינג אָבער איז אַלץ גאָרנישט, אַ היוזניק אַקעגען דעם, וואָס דו וועסט ערשט לײזען שפּעטער, באַם עס וועט מיר ניט אײנגעהן מײן הסברה.

לײזער דער שנײדער האָט באַלד טאַקי זיך פערטראַכט איבער





דעם אונטער=חלק און גערעדט צו זיך אַלײן: „פאַר וואָס נישט טאַקי אַ קעשענע... פונ׳ם לאָך אַ קעשענע?... אַי וואָס?... עט, מילא וואָס מאַכט עס אויס?...״ דערנאָך האָט ער אויסגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר אויגען און אַ געשרײ געטאָן:

— פאַשאָל וואָן ממזר! אַלע=לולע (הללוהו) כל צבאיו, הינט זאָלען מיט דיר האַנדלען

איך האָב מיך אַרויסגערוקט פון אונטערן טיש ווי אַ קעצעלע, און געוואַרט מיט אַ פּערקלעהמט האַרץ אַ וויסטען סוף.

די דאָזיגע טרויערדיגע מעשה איז געשעהען מיטוואָך תחילת אָוונט. פרײטאַג, געדענק איך ווי הײנט, האָט דער בעל=הבית מיר געהײסען אָבטראָגען נאָך איהם דאָס קלײד צו דעם אַרענדאַטאָר׳ס ווײב. די אַרענ=דאַטאָרקע גיט אַ בליק — אַ דונער, אַ שלאַק: אַ קעשענע סאַמע אונטען!

— וואָס איז דאָס אַזוינס, שנײדערל לעב? — האָט זי זיך צושרײ=ען — ס׳טײטש, וואָס איז דאָס — דאָס? איך וועל, אסור הזיר, אַזאַ קלײד בשום אופן נישט צונעהמען!

— אַי — האָט לײזער מײנער געענטפערט מיט אַ זיס לעכעלע און איהר פּערשלאָגען די רײד — אַי, שרײט, כ׳לעבען, נישט, ברײנדעל! אַזוי העלף מיר גאָט ווי איך האָב אײַך געמאַכט גוט! איך האָב אײַך גענעהט דאָס קלײד נאָך דער סאַמע לעצטער מאָדע. ס׳טײטש, בײ אַלע פּריצ׳עס זענען הײנט אויפגעשפּאָלטען קעשענעס אונטען. אַ משונע׳נער מאַכט הײנט קעשענעס פאָרענט! איך זאָל אַזוי, רבונו של עולם, פּטור ווערען פון מײן מלאכה און נישט בעדאַרפען זײן קײן שנײדער (אַזוי גע=וועהנטליך פלעגט ער זיך שווערען, ווי דער שטײגער פון אַלע אַנדערע יודישע בעלי=מלאכות) ווי שען דאָס זעהט אויס! אַ שאָד. כ׳לעבען, וואָס איהר קענט נישט אַלײן מיט אײַערע אײגענע אויגען אָנקוקען דעם זיבעטען חן, וואָס דאָס האָט. טאַפּט, כ׳לעבען, נישט, ברײנדיל, ס׳איז גוט! אָט טראָגט געזונד. פאַרניצט געזונד, צערײסט געזונד! ניט נאָר קרימשענע מײן לעהרעניזונגעל, ער פאַרדינט, כ׳לעבען, ער האָט נעבעך די אויגען זיך אַרויסגענומען און אַ סך געהאָרעוועט אויף דער קעשענע. מיר קומט אויך, כ׳לעבען, אַ כּוסה!

לײזער איז געווען פאַררעכענט אין בעזליודעוו פאַר אײנעם פון די

בעסטע שניידער, וואס געהען נאך זשורנאלען, און דער ארענדאר דארט איז געווען איינער פון די גרעסטע נגידים, הייסט אז מען האט געזעהן זיין ווייב, די ארענדארקע, געהט ארוים אנגעטהאן מיט א קעשענע, זענען דערנאך אלע בעזאליעדוועס מאדנע ווייבלעך ארויסגעגאנגען אנגעטהאן מיט אויסגעשפּאלטענע קעשענעס. נאר הגם מיין קעשענע איז אריין אין דער מאדע, איך אבער בין דערפון נישט געהאלפען געווארען. לייזער האט מורא געהאט, איך זאל מיט דער צייט נישט ארויסווארפען עפּיס אזויגע נייע מאדעס, וואס וועלען איהם חלילה אנמאכען בייכוועהטאג, און מחמת מורא נישט געוואלט געבען מיר א שטאך ארבייט. ער האט מיך אין גאנצען אוועקגעשענקט זיין ווייב במתנה גמורה, זיך נאר איבערגעלאזען דאס רעכט, מיר א מאל אבצושטעקען א פּאטש. וואס טויג מיר, האט ער זיך אנגערופען, אזא פערשלעפּטע קרענק, אזא מין קינצלער? און דערביי אבגעזאגט זיין געוועהנטליכען פּסוק: אלע־לולע כל צבאיו, הינט זאלען מיט איהם האנדלען!... לייזעריכען האב איך א מאל א שאדען אנגעטהאן, נישט ווילענדיג איהר צובראכען א טאפּ מיט אייער און געמוזט לסוף דורך דעם עוקר זיין.

מען האט מיך דערנאך אבגעגעבען צו אלערליי אנדערע בעלי־מלאכות, וואס א וואך צו אנ'אנדערן. איך אבער בין געווען א שלים'מזל און ערגיץ נישט געהאט קיין גליק. איטליכער בעל־מלאכה בעזונדער האט מיך דאס ערשטע בעקאנט געמאכט מיט דעם בעל־הבית'ישקייט און מיך איינגעשפּאנט אין דעם יאך, איין בעל־הבית האב איך אויף מיר געהאט, עפּיס א שוסטערל, א פרעהליכער קבצן, ער פלעגט מיך אלץ שיקען צווישען די אומריינע ערטער — רייסען ביי חזירים חזיר־האר פון'ם רוקען. נארעלע, אזוי איז געווען תמיד זיין ווערטעל: פון א חזיר א האר איז אויך גוט. ביי א חזיר איז א מצוה צו רייסען... בשעת ארויס־טראגען א פּאמייניצע פלעגט דער דאזיגער פרעהליכער קבצן אויף שפּאס אויפשטעהן און מאכען מיט א נגון:

— תן כבוד לאיצינא! טראג, טראג, איציק אברהם'ניא, איך זאל דערלעבען טראגען דיר צו דער חתונה ויין אין א רעשעטע! טראג, איציניא, טראג. אין דיינע יאהרען האב איך גענוג פּאמייניצעס איבערגעטראגען!...

דעם דאזיגען שוסטערל האב איך אין הארץ ליעב געהאט, ער איז מיט מיר זיך בעגאנגען בעסער ווי אלע אנדערע. איך וואלט מיך בי־





איהם געהאלטען און אפשר עפּיס וואס אויסגעלערענט, נאר ער איז אבער שטארק קראנק געווארען, אנגעהויבען שטארקער ווי פריהער צו הוסטען, צו שפּייען מיט בלוט, ווייל ער איז געבען שרעקליך אבגעקוי־מען, געהארעוועט, געארבעט איבער די כוחות, מפרנס צו זיין די ווייב און קינדער, און עסען האט ער נעבעך גענעסען יסורים. חוץ א דאר שטיקעל ברויט מיט עפּיס וואס־ס'איז דערצו, איז אין זיין מויל נישט גע־קומען. דעם טעם פון פליש האט ער שוין לאנג פארגעסען. ביי א שמוי־עס א מאל פלעגט ער אלץ שפּאסען: פליש — דאס איז נישט קיין יודי־שע זאך. איך משוגע'נער האב מיר טאקי איינגערעדט א שטיקעל לונג־און־לעבער שבת אין טעפּעל!... מען האט איהם נעבעך אויף א וועגע־לע אוועקגעפיהרט אין הקדש אריין און ער איז דארט טאקי באלד געשטארבען...

ז

ויהי היום — איז אין בעזלורעוו אנגעקומען איינער פון די ארומפאהרענדיגע חזנים און האט ביי אונז שבת געדאווענט מיט משוררים. דער עולם איז פון אלע קלייזלעך איהם געלאפען הערען. א טייל האבען זיך נוהג געווען, ווי זאגט מען עפּיס, ווי פּראסטע בעלי־בתים — האבען אבגעדאווענט ותיקין, פריהער טאקי גוט קדוש געמאכט און דערנאך געגאנגען הערען. ס'איז געווען א שרעקליכע איינגשאפּט, מען האט זיך געשטופּט אויף די קעפּ און איך האב צווישען דעם עולם אויך זיך א ריינגעשטופּט הערען דעם חזן, ווייל איך האב ווי אלע יודען זעהר ליעב געהאט זינגען.

דער חזן האט געהאט א קליין משורר'על, א פּיפּער, אין מיינע יאהרען. איך האב איהם עפּיס אזוי מקנא געווען, ווי ער שטעהט זיך ביים עמוד אונטערגעהאלטען דאס בעקעל מיט דער האנד און טרעלעליקעט, אז איך וואלט פון מיר בארדאי דאס העמד אוועקגעגעבען, אבי זיין ווי ער א משורר'על. איך האב אויף דעם דאזיגען משורר'על געקוקט מיט גרויס דרך־ארץ דענסטמאל, ווען מיר יונגלעך זענען אלע געווען אין פּאלעש בשעת לייענען. איך בין פאר איהם אינגאנצען בטל געווארען. מיר האט זיך געדאכט, אז אויף דער וועלט איז שוין נישטא קיין בעסערס פון א משורר'על. ווי קום איך צו איהם! אז דאס משורר'על האט נאר געעפענט דאס מויל, נו האט מיינער זיך גענומען איהם אריינקוקען אין דעם מויל, און ווען עס וואלט נאר מעגליך געווען אריינצושפּרינגען אין איהם יוו איך שטעה און געה, וואלט איך עס געטאן מיט גרויס פערגעניגען. מיך פּשוט מחיה געווען.

אהיים קומענדיג פון דער שול האב איך מיך אליין געפּריוועט נאכמאכען דעם משורר'על. ביי די זמירות האב איך מיך שטארק צולאזט אויף א קול'כען און טרעלעליקעט אזוי, אז די מאמע האט גרויס תענוג





געהאט. נאר איך האב כלל נישט געמיינט די זמירות ווי נאכצומאכען דעם משורר'על. עס האט מיר עפּיס זיך געזונגען. דאס מויל האט מיר נישט געקענט אויף א רגע זיך צומאכען. מען האט שוין אבגעגעסען ווארמעס און איך האב טאקי אלץ נאך געזונגען, געמאכט שטייגער. דאס זינגען איז לסוף איבערגעגאנגען אין קונדס אריין און איך האב מיך געריסען אויף אלערליי משונה ווילדע קולות. אז די מאמע האט דא א קוק געטאן, אז איך וויל גאר ניט אויפהערען און לאז זי נישט א ביסעל אברוהען נאכ'ן קוגעל, האט זי מיך גוט אויסגעבאכעט און ארויסגעווארפען פון דער שטוב. וואוהין לויפט א יונגעל שבת ביי טאג? מסתמא אין בית מדרש אריין. הע, הע! דארט האב איך געטראפען די גאנצע ווייסע חברה, די אלע רעכטע קונדסים. איך האב געמיינט, אז נאר איך איינער האב נאכגעמאכט דעם משורר'על, ניין! אלע אנדערע האבען דאס אייגענע געטאן וואס איך. איטליכער בעזונדער איז געווען שטארק בעשעפטיגט, דער האט געקוויטשעט, דער גערייטשעט, דער האט געברומט ווי דער באס, יענער נאכגעמאכט דעם פיסטעל־זינגער, איינער האט זיך משונה געקרומט, זיך געריסען אויפ'ן האלז, געהירזשעט, געציגעלט זיך ווי דער חזן, און דער אנדערער האט זיך צולאזט אויפ'ן ביי'קול'כען ווי דער פלייטער. דערנאך האט די חברה, אלע אינאיינעם, זיך א נעהם געטאן אבצושפּילען דארט אויבען אין דער ווייבערשער שול דאס שענע בעטלער'ל, מיט וועלכען דער חזן האט געזאגט מי־שברך. מען האט געמיאקעט, געפּישטשעט, געסווישטשעט, געהילכט, געשריגען ביז דער שמש האט אונז אבגעשפּריצט מיט וואסער און אונז מיאוס טאקי ארויסגעטריבען.

באמת, מוזט איהר וויסען, האב איך טאקי געהאט א דין קול'כען, א שען געלענקעל. איך פלעג אמאל אונטערהעלפען לייזער דעם שניידער בעזעצען א כלה, אדער אונטערהעלפען איהם אין א מלך־עליון. לייזער פלעגט דערביי קוקען אויף מיר און זאגען מיט א שמייכעל, ווי איינער, וואס עס טוט איהם שטארק הנאה: גוט, ממזר'וק איינער! אזוי, אזוי. אין דיין טאטען אריין, ממזר!... מיר איז אריין אין קאפּ צו בעטען די מאמע, זי זאל מיך אבגעבען צום חזן. איך האב מיך צו איהר צוגעזעצט ווי א זלידנע, אזוי לאנג אזוי בריוט, ביז זי האט מיך געמוזט פיהרען טאקי צום חזן. די ארעמע פארוויסטע אלמנה נעבעך איז שוין אויך גערן געווען אזא סחורה ווי איך פּטור צו ווערען. אז דער חזן האט מיר געהייסען א קוויטש טאן און דערנאך געזאגט, ער נעהמט מיד צו האב איך

פאר שמחה געמיינט, אז די וועלט איז מיינע. איך בין גאר ניט אין שטאנד צו שילדערן, ווי מיר איז דענסטמאל געווען אויפ'ן הארצען. די מאמע מיינע איז א פנים דערפון געוועזן שטארק צופרידען, טאקי שטארק, דאס שטארק הייסט, ווארום אין א שמועס מיט איהר בעקאנטער יודענע האב איך געהערט, ווי זי האט צו איהר געזאגט אזוי:

— איך די איינענע מעשה, אסתר, זאלט איהר מיר מאריך ימים זיין, וואס קען א מענש יענעמס תכלית פארזארגען? צוברעך דיר, שונא-ציון, דעם קאפ, צורייס זיך און שפרינג דיר אפילו פון דער הויט, אסתר, וועסטו גאר נישט מאכען. ווי זאגט מען עפיס, אסתר, אז השם יתברך דערהייבט א מענשען, ווייסט מען גאר נישט פון וואנען איז דאס איהם געקומען. איך זאג עס אקעגען מיין יתום, זאג איך עס. אויך די איינענע מעשה, לייט האבען געזאגט צו א בעל-מלאכה, אסתר, לאז זיין צו א בעל-מלאכה. וואס וואלט פון איהם געווארען? בעדארף נאר דער אויבערשטער חסד טאן און בעוויזען. אז ניט אזוי ווי לייט זאגען, ניין, אסתר, נא דיר נאר א חזן!... געדאנקט און געלויבט איז, אסתר, השם יתברך, מיין יתום איז שוין א צונד פארזארגט, ער איז א לייט, אויף מיינע ליעבע געזאגט געווארען! איך האב עס גאר אזוי פיעל ביי זיין ליבען נאמען נישט פארדינט. דא האבען בעשיינפערליך נאר זכות-אבות זיך געמיהט.

מיט דעם חזן בין איך מעהר ווי א האלב יאהר ארומגעפאהרען אויף דער וועלט. מיר, שלים'מזל, איז ביי איהם אויך שלעכט געווען, ערגער פון אלע איבעריגע משוררים. איך האב ניש'קשה גוט מפטיר געקיפט. דער שטיינער איז געווען. ווען דער חזן האט ערגיץ געדאווענט, האבען די משוררים בעדארפט אונטערהיילעכס קוקען אויפ'ן עולם. זעהן, אויב זיין דאווענען געפעהלט, וואס זאגט מען אויף זיין געמבע און ווי ער זעצט עברי, און אז דער חזן האט אין דערהיים עמיצען א רוף געטאן ביים נאמען, מיט עפיס א מין ווינק דערביי, האט עס געהייסען: נו זאג נאר, איז מען עפיס צופרידען געווען? כמעט תמיד אבער איז דער גורל ווי אויף צו להכעיס געפאלען אויף מיר. עס קען אפשר זיין דעריבער, ווייל די איבעריגע משוררים פלעגען באלד נאכ'ן דאווענען מאכען פליטה און אויסגעטריקענט ווערען. קוים האט ער נאר א זאג געגעבען: אברהם'קע! און דערביי דערלאנגט דעם געוויסען ווינק, אז מיינער, וואס האט נישט געוואוסט קיין הכמות, איז ארויס מיט דער שפראכע: חזן.





מען האט געלאכט, טאקי זעהר שטארק עפיס געלאכט! נו, פלעגט ער מיך אנגעהמען ביים אויער, דרעהען און דרעהען, ציהען און ציהען, אז איך זאג אייך, דער שניידערקעס קלעפ זענען אקעגען דעם קאטאוועפליך געווען.

א מאל האבען מיר ערגיץ אין א שטעדטעל געדאווענט שבת פרשה שקלים. דער חזן האט צום דאווענען זיך שטארק מכין געווען, ווייל ער האט ארויסגעקוקט אויף יענעם שטעדטעל'ס חזנות. שבת-צונאכטס האבען צו איהם זיך פערקליבען מענשען א גאנצער עולם, מען האט געטרונקען פונש, וויין, און ס'איז געווען א פרעהליכע מלוה-מלכה. דער חזן האט געמאכט חן, זיך געפיעסטעט, זיך געקלאגט אויפ'ן האלז, אז ער האט א ביסעל זיך צוגעקיהלט און מוז עטליכע טעג אבהיטען זיין כלי, זיך ווי דער שטיינער איז אלץ געקוויינקעלט, געקוויינקעלט און פון דעסטוועגען האט ער דעם עולם, ווייטער טאקי ווי דער שטיינער איז, פארט צוליב געטאן, געזאגט „אליהו'ס" און געזונגען א וואלעכיל. דעם חזן איז גראד אויסגעקומען נייטיג נאך עפיס צו שיקען, און ווי ער האט ארוף געטאן: אברהם'קע! הא-הא, דא האט מיינער געעפענט א פיסקעל און א זאג געגעבען: „חזן, מען האט פון אייך געלאכט! גאנץ הויך אויף א קול און פרעהליך, ווייל איך האב געהאט אין קאפ א ביסעל משקה. דער חזן נעבעך איז געווארען אנגעצונדען, רויט אנגעבלאזען ווי אן אינדיק, דאס פנים האט איהם זיך געמינעט און דער גאנצער עולם איז געבליבען עפיס ווי צומישט מיט אויסגעגלאצטע אויגען. איך האב געמיינט, אז דער חזן וויל מיר נישט גלויבען. בערעדעוודיגט בין איך גראד דענסטמאל געווען פונ'ם ביסעל פונש, נו האב איך מיך צולאזט מיט מיין זיס צינגעל און אנגעהויבען צו שווערען: „ווי איך בין א יוד, חזן, מען האט פון אייך געלאכט! אט-א די דאזיגע מענשען טאקי האבען שטארק חוזק געמאכט!... ווער, שמועסט, יענער, יענער, וואס טרינקט און סוד'עט זיך אלץ מיט אייך, ער האט, כ'לעבען, זעהר געלאכט בשעת מיר האבען געארבייט אין דער קדושה. עפיס האט ער, דאכט זיך, געזאגט: קאטשאן! ווייס איך וואס קאטשאן הייסט? אינדיקווימען צי קאטשקעפוטער..." דער חזן האט פערביסען די ליפען, כלומר'שט געמאכט זיך לאבענדיג און געזאגט דעם עולם אויף מיר, אז איך בין א שוטה, תמעוואטע, ווייסט נישט, ווער עס האט מיך געשווירען, צו די אלע מעלות בין איך נאך גראד איצט א ביסעל פארלעקט אויך, נאר ער מוז אזא אנשיקעניש האלטען צוליעב דעם קול'כען. דעם עולם איז געווארען עפיס אויך פריקרע.

די מלוה-מלכה האט זיך נישט געקלייעט און מען איז זיך פונאנדערגעגאנגען עפּיס צושטערכעט. איהר קענט אייך משער זיין, וואס איך האב דערנאך געלייזט. דער חזן האט מיר געוויזען, וואס פאר א גאט מיר האבען און דאס ביסעל פּונש איז מיר באקאם אויסגעפאלען.

איך בין מיט דעם חזן ווייטער ארומגעפאהרען, זיך אויסגעשלעפּט אין א סך יודישע שטעדטלעך און אויף שבת נחמו זענען מיר אריינגעפאהרען קיין צבוע'טשיץ. דער חזן האט ארויסגעקוקט אויף צבוע'טשיטשער חונות. ער האט דארט איינגעלעגט די וועלט און געארבייט אויף אלע כלים. די נבאים האבען איהם געבעטען, ער זאל דארט פערבלייבען אויף ימים נוראים, און דערנאך וועט מען מיט איהם זיך אויסגלייכען. אלצדינג, אם ירצה השם, גומר זיין. איך בין דערווייל אביסעל בעקאנט געווארען מיט צבוע'טשיטשער קונדסים און בין, ברוך השם, ביי דער דארטיגער ווייסער חברה געווען א שטיקעל חשוב. דהיינו, אז ס'איז אויסגעקומען צולויפען מיט א הורא נאך דעם דארטיגען שטאדט-משוגע'נעם, האט מען מיך געלאזט לויפען פאראויס, אדער מען האט בעדארפט עמיצען מאכען א פאנפע, פלעגט מען דערצו נעהמען קליאטשע ביי מיר פון דער קאפּאטע, און ווען ס'איז א מאל געראטען ארויסצוגנב'נען פונ'ם שמש'ס שאפקעלע דעם שופר, פלעגט מען מיך מכבד זיין מיט דעם ערשטען בלאז. עס וואלט מיר אנהויבען אפילו צו ווערען רעכט גוט, נאר וואס העלפט מען אבער, אז ס'איז נישטא קיין מזל!

הערט נאר מיין סוף ביים חזן! ראש השנה קענט איהר זיך פארשטעלען ווי מיין חזן נעבעך האט געהארעוועט. ער האט געארבייט, אז מען זאגט, אויף אלע זאסטאווקעס, געדרעהט איטליכעס ווארט א מאל צעהן ארויף און אראב, אויסגעטייטשט עס מיט דעם פינגער, פון דער געמבע איז ער פלוצים אריין אין דעם ביי-קול — היידי-די-די אהער, היידי-די-די אהין, און איז שיער נישט געקראכען אויף די גלייכע ווענד. דער באס איז אחריפּנעט געווארען פונ'ם שטייגער מאכען, ביי איטליכען שטיקעל א ניי שטייגערעל, נאך א מאל לאטומדום-דום-דום!! ווידער אמאל לאטומדום-דום-דום!! ער איז אבגעגאנגען מיט שווייס און זיך אלץ געווישט מיט דעם פאטשיילכען, וואס איז איהם נישט ארויס פון דער האנד, מיט וועלכער ער האט עס געדרעהט אין דער לופטען. דעם פלייטער נעבעך האט שוין נישט געדינט דאס קול, ער האט בעדארפט אריבערשרייען דעם באס, נאר עפּיס דעם חזנ'ס א ווארט — א פייף, א קוויטש, און איך, שלים'מזל, האב כמעט אלע





דנג בעדארפט א קוויטש טאן, טא-טע-ניא! אדער א לאנגען טראטאטא-טי! אוש ט... הכלל, מען האט געארבייט, זיך געריסען אויף וואס די וועלט שטעהט.

אין דער שוהל האט געדאווענט א יונגער-מאן, א נגיד. ער איז געזעען א ביסעל פון היינטיגער וועלט, א דיקער, א געזונטער, א שטיקעל לץ און זעהר א גוטער מענש. ער פלעגט ליעב האבען זיך נאריש צו מאכען מיט קינדער און ער האט שרעקליך פיינט געהאט דעם חזן פאר זיינע מיאוס'ע העויות. אז דער חזן איז אביסעל זיך צופאהרען אין דעם „אתה זכר" וואס אין דער מוסף'דיגער שמונה-עשרה, זיך גענאנגען א גאנג ווי אויף א פאטשטאווען הענג, ארויסווארפענדיג געטאקטע ונאמר'לעך „פא מאלאדעצקי", האט צו מיר ווי א קעצעלע זיך צוגערוקט דער נגיד, און עפּיס מיט אנ'ערנסט פנים'ל מיך שטילערהייט א פרעג געטאן: זאג נאר, קליינער, קענסט-דו מאכען א ווינשעל? און מניה-וביה טאקי איז שוין ביי איהם אויף דער אונטערשטער ליפּ פארטיג געווארען א ווינשעל, אזא גרויסע, אזא רויטע, אז איך האב מיך שטארק צולאכט. אבער דענסטמאל גראד האט דער חזן שוין אויסגעטאקט א ונאמר'ל און געווארט, איך זאל מאכען טראטא-טא-טי! אז דער עולם האט געזעהן, דער חזן איז עפּיס געבליבען שטיל ווי דערווארגען, האט מען אנגעהויבען פאטשען אויף די סטענדערס. דער חזן האט מיט כעס זיך ארומגעקוקט צו מיר, גלייך ווי איך וואלט איהם גע'גזל'ט, אדער נישט געוואלט אבגעבען וואס איהם קומט. די אויגען האבען איהם געפייערט און דאס פנים איז איהם געווען רויט, אויסגעפריעט ווי א צימעס. דער באס האט אויסגעדרעהט דעם קאפּ צו מיר מיט א ברום, ווי א קוה צו א קעלבעלע, הייסט עס, ענטפער שוין אב דיין טראטא-טא-טי! נאר קוים וואס איך האב מיך גענומען מיט פינגער צום גארגעל א הילך צוטאן, האט דער נגיד אקעגען מיר געמאכט נאך א מאל א ווינשעל, און איך האב נישט-ווילענדיג, פון דער העלער הויט, אויסגעשאסען א געלעכטער הויך אויף א קוויטש! דער חזן האט זיך צוטומעלט, פערפלאנטעט, פערפלוטעט, און ארויסגעשפּרונגען פון די האלאבלעס, אראב פונ'ם גלייכען שליאך, האט איבערגעהיפּערט א שטיק שמונה-עשרה און דערצו נאך געמאכט עטליכע גרייזען. דער עולם האט פון אלע זייטען געמאכט פערוואונדערט: אי, אי! געקלאפּט און געפּאטשט אויף די סטענדערס, די ווייבער דארט אין דער ווייבערשער שוהל האבען זיך שטארק דערשראקען און אין איין אטעם א געשריי געטאן: אוי, עס ברענט!... דא האבען שוין ווידער די

מאַנסבילען זיך דערשראָקען, זיך אָנגעהויבען שטופען און אַרויסלויפען פון דער שוהל. דער כלל, ס'איז שוין געווען אַ צעררודערט דאַווענען. דער עולם איז שרעקליך נישט צופרידען געווען.

אויף מאָרגען נאָך ראש-השנה האָט דער חזן מיך אַרויסגעטריבען און אַליין איז ער נעבעך בבושה וחרפה אַוועקגעפאָהרען, זיך ווייטער ערגיץ אַרומשלעפען. איך, שלים'מזל, בין איבערגעבליבען אין צבוע'משיי ווי אויפ'ן וואַסער.

---

# ז.

ראש-השנה האָב איך אין צבוע'טשיץ געגעסען ביי אַ יודען, וואָס איז שווער אַקוראַט צו בעשטימען, וואָס פאַר אַ מענש ער איז געווען: עפּיס נישט קיין חסיד, נישט פון היינטיגער וועלט, עפּיס אַ אַהין אַ אַהער און דאַכט זיך ווידער נישט אַ הין נישט אַהער; נישט געקליידעט אַלטפּעטעריש, נישט היינטיג מאָדיש, נישט, ווי מען זאָגט, פליישיג, נישט מילכיג, עפּיס „נאָ״ האַלבגעבראָטען, גלאַט פאַר זיך עפּיס אַ מין יוד. איך האָב דערנאָך אין דער וועלט בעגעגענט אַ סך אַזעלכע מיני יודען, נאָר איך בין קיינמאָל אויף זיי קיין מבין נישט געווען און נישט געקענט רעכט פאַרשטעהן, וואָס פאַר אַ מענשען זיי זענען... אַז איך בין געבליבען עלענד, זיך אַרומגעבלאָנקעט ווי אַ שעפּעלע איינער אַליין, נישט געהאַט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען, האָב איך מיך מישב געווען און בין געגאַנגען צו דעם דאָזיגען יודען און האָב איהם דערצעהלט מיין אומגליק, די גרויסע צרה וואָס מיך האָט געטראָפען. דער דאָזיגער יוד איז געווען בטבע נישט קיין שלעכטער, אַ שותק, אַ רענדעל אַ וואָרט, ער האָט מיך שווייגענדיג אויסגעהערט און אַלץ געגלעט די וואָנסעס. דערנאָך האָט ער פערטראַכטערהייט אַ סאַך געטאָן מיט דער האַנד, איך זאָל בלייבען, האָט עס געהייסען, און געזאָגט אין שטוב, מען זאָל מיר געבען עפּיס עסען. ביי נאַכט, אַרום זייגער צעהן, עלף, אַז אויף דער גאַס האָט מען שוין נישט געזעהן קיין משוגע'נעם הונד, און אין דרויסען איז געווען האַטש אַנ'אויג אַרויסצונעהמען, איז ער מיט מיר געגאַנגען העט-העט אין עק שטאָדט ערגיץ אין אַ פערוואָרפען געסעל. אין דעם דאָזיגען געסעל איז געווען רוהיג, שטיל ווי אויף אַ בית-עולם, עס האָט נאָר זיך געהערט דאָרט אַ רוישען פון ביימער, וואָס דער ווינד האָט צו-ווילען מיט זיי געטרעסעט, ווי מיט אַ לולב, אויך אַ געשושקעריי פון עטליכע איבערגעבליבענע דאַרע בלעטלעך ערגיץ. דאָרט אויף אַ בוימיל און אַ קיל און אַנ'אָסענדיג רענגעדעל, וואָס האָט צו-ווילען געקראָפּעט אויף

ארבגעפאלענע בלעטער און אויף פערטריקענטע גראז פון אלערליי מיני נארטענוואַרג. איז דער ווינט אויף א רגע אנשווינגען געוואָרען, האָט פוז דערזוויטענס זיך געלאָזט הערען א געקלאַפערייי ערגיץ פון א מיהל און א ליאַרעם, אַ גערויש פון אַ האַסטיג פליישענדיג וואַסער. קוים האָט דער ווינד ווידער אויף דאַס ניי אָנגעהויבען, האָבען מיט איהם, בייים אָנהויב בלאָזען זיך פון דער שטאָדט, פערטראָגען מטושטש'ע, פערמישטע מיני קולות: אַ קרעה פון אַ האָהן, אַ מריקען פון א קוה, אַ סקריפ פון אַהין-און-אַהער זיך שליידערענדיגען טויער, א געררודער, א געטומעל פון א בעל-העגל'ישער פאָהרענדיגער יאַזדע און אַ בילען פון ערגיץ אַ בעל-הבת'ישען הונד. אַ פנים, אַז אין יענעם געסעל זענען נישט געזעסען קיין יודען, זיסט וואָלט דאָך דאָרט נישט געווען קיין גערטנער מיט ביימער, אויף דער ערד וואָלט דאָך נישט געווען צוזייעט, צושפרייעט, קיין בלעטער, און מיין יד וואָלט דאָך געמוזט טאַפּען דעם וועג, ער זאָל חלילה אין דערמיט נאָס נישט אַרויף אויף אַ קוה, אָדער נישט אָנשלאָגען זיך אין צובראָכענע טרעפלעך פאַר איטליכער טיר. מיין יוד איז אַלץ געגאַנגען, נישט צורעדען מיט מיר אפילו איין וואָרט, ביז צום סוף זענען מיר צוגעקומען צו אַ הויפעל און אַריינגעגאַנגען דאָרט אין אַ נידריגס, נישט קיין גרויס הייזעל. אין אַ קליין פאָרצימער האָט געצאַנקט אַ ליכט, דאָרט האָט מיין יוד אויסגעטאָן זיין אויבערקלייד און איז אַריינגעגאַנגען אין צווייטען חדר, מיר אָבער האָט ער געהייסען וואַרטען דאָ אין דעם פאָרצימער. מיר איז גראָד אויסגעקומען דאָרט שטעהן אונטער דער צוגעמאַכטער טיר, האָב איך געהערט אָט אַזאַ מין שמועס:

„עד כאן אומרים בשבת הגדול“, — דערמיט האָט זיך געענדיגט דאָס לעצטע בלעטעל פון די, וועלכע דער רב האָט מיר געגעבען, און אַזוי ווי ס'איז געווען שוין שפּעטליך ביי-נאַכט, האָב איך געלייענט קריאת-שמע און זיך געלעגט אויף מיין אָרט אין בית-מדרש שלאָפען.

---

# ט

קוים וואָס איך האָב דערלעבט מאָרגען פריה אָבצודאַוונען, האָב איך עפּיס איבערגעהאַפּט אין דער גיך, איבערגעלאָזען ווייטער אויף דעם שמש מיין ביידעל מיט דעם פערדעל און מיך געיאָגט צום רב.

אין שטיבעל ביים רב האָב איך געטראָפען אַ היבשען עולם מענשען, אָהן עין-הרע — דיינים און נגידים. דער רב אַליין איז דאָרט ניט געוועזען. אַלע אין שטיבעל זיצען עפּיס אַזוי ווי פערטראַכט. נגידים זענען אפילו תמיד אַביסעל פערטראַכט, פערזאָרגט, און קוקען אויף יענעם מיט אַ מרה-שחורה'דיגען פנים, עפּיס אַזוי, אַז עס ווערט פערקיהלט אין בויך. עס גלוסט זיך אוועקגעהן און זיי מעהר נישט אָנקוקען. איך חיים אָסור נישט. אַז מען האָט געלד, וואָס האָט מען דאָ אַזוי צו טראַכטען, צו זאָרגען און צו מאַכען אַזאַ ערנסט פנים? דאַכט זיך, צו געלד צעהלען בעדאַרף מען עפּיס ניט האָבען אַזעלכע הויכע געדאַנקען. מען קען, דאַכט זיך, האָבען אין קאַסטען געלד און קוקען אויף אַ מענשען גלייך, נישט מיט קיין קרום פנים... מילא גאָרנישט, נישט דאָס בין איך אויסען.

— וואָס זיפצט איהר אַזוי, ר' חנא? — האָט איין נגיד דעם אַנדערן געפרעגט.

— איך זיפץ, ר' בעריש — האָט ר' חנא געענטפערט — אויף דער אבדה, וואָס מיר האָבען פערלאָרען. יצחק-אַברהם איז געווען זעהר אַ נוצליכער מענש, מיר האָבען אַלע אין איהם געהאַט אַ פריינד, אַ מהוער און אַ בעל-סוד. ער איז אונז צופריה אָבגעשטאָרבען. ער האָט בעדאַרפט האָטש נאָך עטליכע יאָהר לעבען. אַ שאָד כ'לעבען! מיר מעגען טאַקי אַלע זיפצען אויף אַזאַ גרויסע אבדה. קיינעם איז יצחק-אַברהם אַזוי נישט אָבגעשטאָרבען ווי דער שטאָדט, אונז אַליין, מיין איך

— טאַקי גאַנץ אמת, ר' חנא — האָבען אַלע געענטפערט און זיך שטאַרק פערטראַכט

— איך האָב נאָך היינט אַ חתונה — האָט זיך אָנגערופען איין דין — איך בין מסדר קדושין.

— און מיר חלש'ט גאָר דאָס האַרץ — האָט געזאָגט דער אַנידערער דין — פון אַלע זאַכען וואָלט איך גענומען עפּיס אין מויל אַריין. מיר איז שוין מאַקי צייט צו עסען, איך האָב נאָך היינט חוץ אַ גלעזעל צוקאָריע נישט טועם־טעם געווען.

— מיינע מערידען כהוען מיר אָן גאָר צרות! — איז אַריין אין דער מיט נאָך אַ דין — זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס טהוט איהר עפּיס צו אייערע מערידען? מעהרענצימעס, זאָגט מען, זאָל דערצו גוט זיין. וויכ איך? איך האָב אַלץ ביז אַהער געהאַלטען פון געקאָכטע פלוימען מיט צענעס.

— צו מערידען איז די בעסטע רפואה — האָבען יענע צוויי דינים זיך גלייך אַרויסגערעדט — זיך גאָר נישט ווּיסענדיג מאַכען און גאָר נישט טאָן, מיר האָבען עס בקבלה פון אונזערע טאַטעס..

איך בין געזעסען ווי אויף שפּילקעס און געצעהלט די מינוטען, דער רב זאָל אַריינקומען, איך זאָל שוין זוכה זיין צו הערען דעם סוף פון דער גאַנצער מעשה און צו וואָס בין איך דאָ אַזוי נייטיג געווען. ס'איז מיר צו גרוים געוועזן איטליכע רגע און איך בין מיד געוואָרען וואַרטענדיג. גאָט האָט געהאָלפען, דער רב איז אַריינגעקומען מיט אַ געקניטשטען שטערען, וואָס האָט בעוויזען, אַז אינוועניג אין קאָפּ זענען דאָ פיעל מחשבות, און מיט אַ פאַרענטפערן זיך, וואָס ער האָט געלאָזט דעם עולם אויף זיך אַ ביסעל וואַרטען. ער איז געווען, זאָגט ער, טרוד אין אַ האַרבער שאלה מיט אַ לונגען־לעבער.

— זענט איהר, רבותי, דאָ אַלע? — טהוט דער רב אַ פרעג, אַנידערזעצענדיג זיך אויף זיין שטול.

— אַלע, רבי, אַלע, חוץ איין רב פייבוש פעהלט צום מספר.

— רב פייבוש איז היינט אַ בעל... ווי זאָל איך זאָגען? אַ בעל־שמחה... חברה קדישא, רב פייבוש מיין איך, וועט נעהמען אַ נוטען רח"ש קבורה־געלט פון יצחק אַברהם'ס יורשים, מיין איך — רופט זיך אָן איינער פון די נגידים מיט אַ שטאַרק פערקרימטער, עסיג־זויערער צורה, וואָס האָט די גאַל אין מויל.

— איך בעט איבער אייער כבוד, רבותי, וואָס איך פאַרנעהם אייך מיט אַזאַ מעשה — ווענדעט זיך דער רב צו דעם עולם — איהר ווענט דאָך מענשען, סוחרים, איטליכער פון אייך איז אַ טרוד, פאַרדרעהט אין זיינע עסקים און האָט אודאי קיין צייט נישט! נאָר וואָס זאָל איך טאָן, ס'איז דאָך אַ מצוה מקיים צו זיין צוואַת המת. ער, עליו השלום, האָט עס פון מיר פערלאַנגט און פערדינט מאַקי מיט רעכט, מען זאָל מטלא זיין די בקשה זיינע, אַזוי ווי איהר וועט צום סוף אַליין אַרויסזעהן. זייט זשע מיר הונדערט מאָל מוחל, רבותי!

— ניש'קשה, ניש'קשה! — האָבען די אַלע נגידים זיך אָנגערופען — אדרבה, רבי, די מעשה געפעהלט אונז זעהר. מיר וואָלטען נישט מיד געוואָרען זי צו הערען ביז אין סוף אַריין חאָטש אַ טאָג מיט אַ נאַכט, אַזוי שען געפעהלט זי אונז. און גאָר אָהן דעם, האָט יצחק אַברהם עס טאַקי ביי אונז אַלע פערדינט, מיר זאָלען פון זיינעט וועגען אַוועקלעגען אַביסעל צייט און הערען זיין בעשרייבונג. מסתמא וועט דאָך עס צו עפּיס פיהרען. דער סוף מוז אודאי זיין וואונדער־שען און מיר וועלען קיין חרטה נישט האָבען, וואָס מיר האָבען אַזוינס געהערט.

דער רב, זאָל לעבען, נעהמט עפּיס אַ פעסעלע פאַפּירען און אויסהוסטענדיג זיך אַביסעל, טהוט ער אַ זאָג:

— מיר זענען נעכטען, דאַכט זיך, געבליבען דערביי: „האָב איך געהערט אָט אַזאַ מין שמועס".

— יאָ, דאָ! דאָ! — רוף איך מיך אָן, און טהו אַ לעג פאַר דעם רב די עטליכע בלעטלעך, וואָס ער האָט מיר געגעבען נעכטען.

— אַ־אַ, גוט, גוט, רב מענדעלי! — מאַכט דער רב פריינדליך צו מיר און שטעלט מיך פאַר פאַר דעם עולם:

— דער דאָזיגער אורח, רבותי, איז רב מענדעלי... אונזער רב מענו עלי! איך האָב איהם געלאָזט זיך מטריח זיין צו מיר, וויל ער איז נייטיג צום ענין. אַצונד, רבותי, הערט, זייט מוחל וואָס עס שטעהט געשריבען ווייטער.

עס ווערט באַלד מאַקי, ווי דער שטייגער איז, אַהוסטעריי, אַ גאָזשנייצעריי, מיט די בייגקלעך אַ געריקעריי. דער רב, זאָל לעבען, קוקט אַריין ערנסט אין די פּאַפּירען, גלעט די באָרד און האָרט, ביז דער עולם ווערט זיך בערוהיגט.

אונטער דער צוגעמאכטער טיר — הייבט דער רב אן לייענען ווייטער — האב איך געהערט אט אזא מין שמועס:

— גוטען אבענד, הערר גוטמאנן!

— ווילקאממען, הערר יאקאבזאהן! א, וואס פאר א גאסט! שאן זייט דריי וואכען ווארען זי ניכט ביי מיר. וואס זאל עס דייטען, הערר יאקאבזאהן?

— ליבער הערר גוטמאנן, ווי האב איך געקאנט? זי ווייסען דאך, היינט איז די היילינע פייערטאגע ימים טובים־צייט, און די היעזיגע יודען זענען אצונד נאך מעהר פאנאטיש ווי אנ'אנדערס מאל, זי קענען דאך מיין לאגע, ווי אבהענגיג איך בין פון דיזע לייט, זיי זאלען מיך, א שטייגער, דערזעהן געהן צו איהנען...

— זי האבען פאלקאממען רעכט, הערר יאקאבזאהן. אויב אזוי האבען זי רעכט. יא, זי זינד אבהענגיג, זי האבען פאמיליע.

— האט איהר שוין געענדיגט אייער ווערק, הערר גוטמאנן?

א, יא, דאס בוך איזט מערקווירדיג געלונגען. זעהר א ניצליכער ספר! שאדע נור, דאס ביי אונז זעהר ווייניג מענשען זינד, וועלכע העב־רעאיש לעזען.

— זאגען זי בעסער, הערר גוטמאנן, דאס איהר קיין בעלוינונג פאר אייער ארבייט האט, און זי מוסען אפטמאל נעבעך דארבען און דערצו נאך אומפערדיענט ליידען פעראכטונג און רדיפות.

— גלויבען זי מיר, הערר יאקאבזאהן. דער שרייבער, דער דיכ־טער, ברויכט אייגענטליך קיינע אנדערן לאהן אויסער פערשטאנדען צו ווערדען. פעראכטונג, רדיפות, מאנגעל, דיזע שפארנען נור זיין גייסט צו ארבייט אן, ערשט דענסטמאל גלוסט זיך ארבייטען, און פערדינטע פעראכטונג'ס, אומ'כבוד, איזט עבען זא דעם מענשען אנגענעהם ליעב ווי פער־דינטע אכטונג. פיר די ווארהייט, דעם אמת, צו ליידען, איזט אייגענטליך





קיין ליידען. ליידען הייסט חנפ'ענען, צבוע'טשען, זיך זעלבסט פער־לייגנען. זיין געוויסען, זיין הערץ, זיין שכל צו פערקויפען. זי מיינען, איין חונף, איין פאלשער מענש צו זיין איזט איינע גרינגע, לייכטע ארבייט? חלילה! עס איזט אבער עבען זא שווער ווי איין גנב צו זיין. דער חונף, דער צבוע'ק, דער פאלשער, מוז איממער זא פירכטען, איממער זא אויף דער הוט זיין, זיך שטענדיג זא היטען ווי דער גנב. גלויבען זי דען, דאס אלע מיינע פערפאלגער, וועלכע מיך רודף'ן רעליגיעז, אמת פרום און גליקליך זינד? א, ניין, ניין! איין געוויססער טייל פון זיי רודף'ען, פערפאלגען מיך בלאס אויס נייד, אויס קנאה. גאנץ פשוט, זיי פיהלען זיך פאר לעדיגע, אונוויסענדע, אונניצליכע מענשען, זיי שטעכט, פאר וואס איז דא איין פערשטענדיגער מענש, וועלכער אויף זיי א מבין איזט און נעהמט זיי דורך און דורך מיט אפענע אויגען. זיי שייען זיך פאר אפענע אויגע זא ווי פעלדער־מייזע פאר די שטראהלען פון דער ליכטיגער זון

— ווירקליך, הערר גוטמאנן, מיט זעלכע אייגענשאפטען אין זעלכע גוטע מחשבות זינד זי באמת טאקי בעניידענסווערטה, כען דארף זי טאקי מקנא זיין. וויססען זי, וואס אייגענטליך בין איך יעצט צו איהנען געקאממען? איהר האט מיר שוין איינינע מאל געזאגט, אז איהר ברויכט נייטיג א יונגעל צו שיקען, א מאל, א גאנג. אצונד האב איך אזעלכען בעקאממען און האב איהם געבראכט. עס שיינט, ער איז איין עהרליך יונגעל, האטשע אביסעל א לעקיש, ניט גע־שליפען.

איך האב דעם דאזיגען שטועס כמעט אין גאנצען פערשטאנען, דאס הייסט נישט דעם געדאנק, דעם פשט דערפון, דאס איז געווען נישט פאר מיין מח, איך האב נאר פערשטאנען ווערטער. א טייל ווערטער זענען געווען פון אונזער לשון, יודיש־דייטש, און אויפ'ן ביסעל דייטשע ווערטער האב איך שוין געקענט ווי ס'איז מיך אנשטויסען, מחמת ארומפאהרענדיג מיט דעם חזן האב איך אלע סארטען מענשען געהערט רעדען. דער חזן אליין פלעגט ליעב האבען אריינצווארפען א מאל אין זיין שמועס עפיס א דייטש'ם ווארט, ווען עס האט איהם גע־פאסט, און רעדען מיט א פתח, וואו ביי אונז, פראסטען עולם, קומט אויס מיט א קמץ — גוט שבת! גוטע וואך, קנאבעל, וכדומה. א מאל פלעגט איהם נאך גאר אויסקומען צו זאגען אז ער זינגט נאך נאטע

און קאַרכיש דאַוונען קען ער אויך... די תלמוד־תורה האָט מיר אויך געגעבן אַביסעל דייטש פון די טייטשווערטער אין חומש, ווי אַ שטייגער: „ועלטה" — און אַ נעפּעל, „וסעדו לבכם" — און לעהענט־אונטער אייער האַרץ, „ירכי" — מיין דיך, „מחשף" — ענטפּלעקט, „באחו" — אויפ'ן געמייזאַכץ, „בין המשפתים" — צווישען די געמאַרקען, „ותחללה" — און דו האָסט זי פאַרשוועכט, „קוסמיות" — האָכערליך, וכדומה נאָך אַזעלכע טייטשען. אין דער צעלניק־קלייט האָב איך אויך געכאַפּט עטליכע דייטשע ווערטער פון די עלטערע משרתים, וואָס פלעגן אַמאָל אין אַ שמועס מיט אַ קונה זיך צולאָזען אויף דייטש: „מיין האַר, קוקען זיי אָן די וואַרע! איך האָב באמונות ניכט טייער געביטען. שוין וועלוועלער פון באַרשטש, זאָג איך איהנען, זיי וועלען, מיין האַר, קיין חרטה ניכט האָבען". נאָר חוץ דעם גאָר פאַרשטעהען מאַקי אַלע יודען דייטש. ס'איז דאָך פאָרט זייער מאַמע־לשון...

די טיר האָט פלוצלים זיך געטאָן אַנ'עפען און מען האָט מיך אַריינגערופען אין דעם צווייטען חדר, מיין יוד, זעה איך, זיצט אָהן דעם הימעל. דער דייטש נעהמט מיך אָן ביי דער האַנד און זאָגט צו מיר גאָר כריינדליך:

— נו ליבער, יונגער מענש! דו ווילסט ביי מיר אין הויז זיך שטעלען? ביי מיר וועסט־דו נישט האָבען קיין שווערע מלאָכות. דו וועסט בעדאַרפען טאָן געוועהנטליכע זאַכען און געהן אַמאָל אַ גאַנג.

איך האָב אויסגעשטעלעפּעטשעט אַ פּאָר אויגען און עפּיס אַזוי תמ'־עוואַטע געקוקט, אַז דער דייטש האָט נישט געקענט זיך איינהאַלטען אַ שמייכעל צו טאָן. ער איז מיר אָבער זעהר געפעלען. זיין פּנים האָט אויסגעזעהן עפּיס אַזוי גוט און ער האָט מיט מיר גערעדט עפּיס אַזוי פריינדליך, נישט ווי אַלע אַנדערע, ווי דער שניידער, דער חזן, אַ שטייגער, און ווי די מאַמע מיינע אפילו. ער האָט געקוקט אויף מיר מיט אַזאַ רוהיגער, גוטער מינע, אַז עס האָט מיך צו איהם עפּיס געצויגען. איך האָב אויפגעהויבען די האַנד צו מיין שמישען־מיטצעל (וואָרום איך בין שטענדיג געגאַנגען אין אַ שמישען־מיטצעל, סיי ווינטער, סיי זומער אין די גרויסע היצען, בשעת אפילו איך בין געגאַנגען באָרפיס), האָב אים אַ קאַפּ אונטערגעהויבען און געהאַלטען איבער דעם קאָפּ, דערנאָך האָב איך עס אַ רוק געטאָן אויף איין זייט, אויף דער אַנדערער זייט קאָפּ, אַ ביסעל אַ ביג געגעבען צום פּנים, אַ שלעפּ געטאָן פון אונטען.





אַהין־אַהער, אַ קאַפּעלע העכער, און מיט דער אַנדער'ער האַנד אַ טאַפּ געגעבען די פּאות, אַ קראַץ די פּאָטיליצע. איך האָב פּשוט אַליין נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט דעם קאָפּ און מיט דעם מיצעל, ביז לסוף האָב איך מיר געמאַכט האַרץ און האָב עס אויף גאָט'ס בעראָטה ראַפּטאָם אַראָבגעחאַפּט פונ'ם קאָפּ. איך האָב בשעת מעשה געפיהלט, ווי איבער מיין הוילען קאָפּ וועהט עפּיס אַ קיהל ווינטעלע, גלייך מען זאָלט מיך געשוירען. אַלע רגע האָב איך געמוזט מיך אַ טאַפּ טאָן ביים קאָפּ. כ'איז מיר פאַרגעקומען ווילד משונה, עפּיס ווי אין באָד

— נו מיין ליבעס קינד — האָט דער דייטש געזאָגט און אַרויפגעלעגט זיין האַנד מיר אויף דעם אַקסעל — דו ביסט אַ גוטער בורש! ווי הייסט־דו?

איך בין געשטאַנען פערדולט, אַקוראַט ווי אַמאָל פאַר יענעם דייטש אין דער תלמוד־תורה. האָב געעפענט אַ מויל, אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגען און געקוקט לעקישעוואַטע, גאָר ווי אַנ'אָנגעמאָלטער גולם.

— ווי הייסט־דו? — האָט דער דייטש מיך נאָך אַמאָל אַ פרעג געטאָן.

— איך ווייס?!

— ס'טייטש, דו ווייסט נישט, ווי דו הייסט! ווער דען־זשע ווייסט?

— די מאַמע — האָב איך געענטפערט — די מאַמע מיינע פלעגט מיך רופען יצחק אברהם'צע, דער תלמוד־תורה־מלמד — איצע אַברהם'עלע, דער שניידער — ממזר'וק איציק אַברהם'על, דער שוסטער, בשעת ער פלעגט מיר צו־ווינטשעווען, ווען איך האָב געטראָגען די פּאַמייניצע, האָט מיך גערופען — איטצוניאָ אַברהם'וניאָ, און דער חזן — אַברהם'קע. היינט ווי זאָל איך ווייסען ווו אַזוי איך הייס?

— גערעכט! — האָט דער דייטש געזאָגט מיט אַ שמייכעל — נאָר זיבען נעמען ווי יתרו האָסט־דו פאָרט נישט. דו האָסט נאָר איין צונויפגעפּאָרטען נאָמען: יצחק־אַברהם, זעהר אַ שענעם נאָמען, נאָך די אָבות. איך וועל דיך מאַקי אַזוי רופען. דו הייסט ביי מיר איזאַק־אַבּרהאַם, נו, זאָג, ווילסט־דו ביי מיר זיין, אַבּרהאַם?

— איהר זאָלט מיך אָבער נישט הרג'ענען, שלאָגען. איך האָב שוין, כ'לעבען, קיין גאַנץ ביינדעל נישט.

ביי דעם דייטש האָבען זיך געשטעלט אין די אויגען טרעהרען;

ער נעהמט מיך אָן ביים אַקסעל און אַריינקוקענדיג מיר גלייך אין פּנים אַריין, מאַכט ער אַזוי:

— נעבעך, נעבעך! עס ווייזט אויס, דאָס ער האָט זעהר פיעל יעלימטען. אַזוי יונג און האָט שוין נעבעך קיין גאַנץ ביינדעל נישט! יאַ, יאָ! — האָט ער זיך אָנגעריפען דערנאָך צו מיין יודען — יאַ, ער איז טאַקע ווירקליך פלומפּ, זעהר נאַאיוו, תּמ׳עוואַטע, אָבער איין גוטער בּורשע.

מיין יוד האָט געשוויגען און נאָר געגלעט די וואָנסעס.

ניין! — האָט דער דייטש ווידער צו מיר געזאָגט — איך וועל דיך, אויף מיין וואָרט, נישט אָנריהרען. דו ביסט דאָך אַזאַ מענש ווי איך, חוץ דעם ביסט דו נאָך איין עלענטער אויך, זיי רוהיג, איך וועל דיך נישט שלאָגען, נו, בּלייבּסט=דו בּיי מיר?

— יאָ! — האָב איך געענטפערט, און בּין געבּליבּען בּיים דייטש.

דער דייטש איז נעבעך געווען זעהר אָרעם, נאָר די אָרימקייט אָבער האָט בּיי איהם אין הויז קיין שליטה נישט געהאַט אַרויסצוּווייזען זיך מיט איהר אומריינקייט, פוילקייט, אָבּגעלאָזענהייט און מיט אַלע איהרע איבּעריגע מיאוס׳ע סימני דלות, ווי געוועהנטליך בּיי אַלע אַנדערע, און בּפרט נאָך בּיי יודישע אָרעמע נישט קיין פאַרמעגליכע לייט. אין שטוּב בּיי איהם איז געווען ריין, אַלצדינג אויף זיין אָרט. עס האָט געלייכטען, געפינקעלט אין איטליכם ווינקעלע. די מאַדאַם, זיין ווייב, האָט אַכטונג געגעבּען אין איטליכער שפּאַריגע, איז נישט געזעסען קיין רגע לעדיג, האָט געקאָכט, געבּאַקען, געשמירט, גערייניגט, געאַרבּייט, גענעהט, פערריכט גרעט, און בּיי די אַלע דאָזיגע מלאכות, וואָס מאַכען אַנ׳אַנדערן בּייז ווי אַ רוח, איז זי שטענדיג געווען רוהיג שטיל, מיט אַ פרעהליך פּנים. צו אַלצדינג האָט זי געהאַט צייט. ווי פערטראָגען אין דעם בּעל=הבּת׳ישקייט זי איז געווען, איז איהר פונדעסטוועגען נאָך איבּערגעבּליבּען צייט צו נעהמען אַ מאָל אַ בּוך אין דער האַנד, צו לייענען און וויסען, וואָס טהוט זיך, וואָס הערט זיך אויף דער וועלט. דער מאַן איז בּיי איהר געווען געהויכט און געקרוינט. זי האָט פון איהם אי פון זיין שרייבּען געהאַלטען עולם=ומלואה, נישט צוגעלאָזען צו איהם קיין שום עגמת=נפש. וואָס האָט איהם געקענט שטערען פון דער אַרבּייט, און איז געווען מיט איהם בּאמת איין גוף, איין נשמה. זייער עלטסטע טאָכטער, אַ פיינע, אַנ׳ערדלע, פלעגט צוהעלפען דער מוטער, פלעגט וואַשען, פּרעסען, טאָן וואָס מען בּעדאַרף און זעהר שען שטריקען. זי האָט געהאַט אויף איבּערצוּבּייטען נאָר איין קלייד, אָבער ווי שען און ריין איז עס תמיד געווען, גאָר שפּאָגעל=ניי, ווי ערשט פון דער נאָדעל! אַלע טאָג, אין איין בּעשטימטער צייט, פלעגט זי לערנען מיט איהרע צוויי קליינע שוועסטערלעך, וועלכע זי האָט מדריך געווען. זי געגעבּען אַ גוטע עדוקאַציע, האָט זיי תמיד געצוואָגען און געפיהרט ריין מיט אַנ=

געטאָן. דער עלטערער זוהן האָט געלערנט אין אוניווערזיטעט. פר
דאָרט פלעגט ער אָפט שיקען אַהיים צו די עלטערן הייסע וואַרימע בריעף,
אין וועלכע ער פלעגט זיי טרייסטען און בעטען, זיי זאָלען זיך נישט זאָר־
גען, נישט אָפּעסען זיך דאָס האַרץ דערפון, וואָס זיי זענען נישט אין
שטאַנד איהם צו העלפען מיט עפּיס געלד אויף זיינע בעדערפענישען.
אמת טאַקי, ס'איז איהם אַביסעל ענגליך, ער ליידעט אַביסעל מאַנגעל,
אָבער ער האָפט, אַז ער וועט ווי עס־איז זיך אויסדרעהען און נישט שטאַר־
בען פאַר הונגער. נישקשה, פלעגט ער אויסלאָזען די בריעף מיט אַ
טרייסט, דאָס וואָס איהר האָט מיר געגעבען, האָבען עס אַנדערע רייכע
טאַטעס און מאַמעס זייערע קינדער בשום אופן נישט געגעבען; איהר האָט
מיר געגעבען אַ סך מעהר פון געלד: איהר האָט מיך געלעהרענט, אויס־
געבילדעט מיין פערשטאַנד; איהר האָט אויך אויסגעאיידעלט מיין האַרץ.
אַריינגעלעגט אין מיר גוטע געפיהלען: ליעבשאַפט צו מענשען, רחמנות
צו בידנע אומגליקליכע לייט, און מיך געוועהנט זיך צו בעגניגען מיט
וועניג, איבערצוטראָגען צרות אונטער אַ שלעכטע צייט מיט אַ פרעהליך
געמיטה — אַזעלכע מדות טובות, וואָס רייכע עלטערן קענען זיי מיט זיי־
ער געלד אַליין און מיט דעם גאַנצען פאַרמעגען זייערע קינדער נישט גע־
בען... דעם זוהנ'ס ראַזיגע בריעף פלעגען אַלע אין שטוב זעהר אָפט
לייענען הויך, זיך בשעת מעשה פרעהען און צוגלייך זיך בעוואַשען] מיט
טרעהרען. הכלל, דאָס איז געווען זעהר אַ טייערע, זעלטענע פאַמיליע.
איך האָב דענסטמאָל אָבער נאָך גאָר אַזוי ווייט קיין שכל נישט געהאַט
דאָס אַלצדינג צו פערשטעהן, אַקוראַט ווי איך בעשרייב עס דאָ איצט.
איך האָב נישט מעהר ווי געפיהלט, אַז טעמאָן און זיין ווייב זענען עפּיס
גאָר אַנדערע מיני מענשען, נישט אַ שטייגער ווי לייזער דער שניידער
מיט לייזעריכען, ווי רב עזריאל דער מלמד מיט זיין פלונית'טע און אויך
נישט אפילו ווי דער רייכער צעלניקער מיט זיין דיקער, געזונטער צעל־
ניקערין, די אשת־חיל, וואָס האָט געהאַט אַ פּיסק אויף שרויפען, גע־
טראָגען אַ האַלז פערעל, אַ זיידען קלייד און איינגאַנצען איז זי געווען פער־
שמירט, פערשלומפערט. איך האָב מעהר נישט ווי גלאַט געזעהן, אַז
דאָס איז נישט דאָס הויז, נישט, מ'שטיינ'ס־געזאָגט, יענע יודישע אָבּ־
געלאָזענע, צוקראָכענע קינדערלעך, נאָר אין תוך אַריין אָבער צו פער־
שטעהן, ריכטיג אָבצושאַצען דעם ווערטה פון דעם דייטש'ס פאַמיליע.
דאָס איז דענסטמאָל נאָך נישט געווען פאַר מיין מוח.

דער דייטש מיינער איז געווען טאָג ווי נאַכט אין זיין בעזונדער





ציטער. אַרום איהם האָבען זיך געוואַלגערט ביכער אויפ'ן טיש און אונ־
טער'ן טיש, און ער האָט אַלץ געשריבען. ער איז געווען אין דעם טרי־
בען זעהר פערטיפט, אַריינגעטאָן דערינען מיט לייב און לעבען, און מען
האָט בעשיינפערליך געזעהן, אַז ער האָט דערפון חיות. ער פלעגט דערי־
ביי אַ מאָל רעדען צו זיך אַליין, לאַכען, אָדער קריצען מיט די צעהן.
גלייך ווי ער וואָלט מיט עמיצען עפּיס געהאַט וואָס צוטאָן. האָט מען
איהם אַ מאָל אין דער מיט מפסיק געווען מיט עפּיס אַ זאַך, פלעגט ער
זיך אַ חאַפּ טאָן פלוצלים, גלייך ווי ער וואָלט אַראָבגעפאַלען פון'ם הי־
מעל, האָט געקוקט עפּיס צוטראָגען און געענטפערט בוידעם, נישט גע־
שטויגען, נישט געפלויגען. איך פלעג נישט איין מאָל מאַכען מיט די
אַקסלען און אָוועקגעהן, נישט צו וויסען, וואָס ער האָט געזאָגט. שטי־
וועל האָב איך איהם פערשפּאָרט צו פוצען, וואָרום ער איז זעהר זעל־
טען אויסגעגאַנגען. דערפאַר האָט ביי איהם דער חאַלאַט און די שטעק־
שיך זעהר מיאוס קריעה געריסען.

מיין עיקר אַרבייט איז געווען — פּאָלגען אַ גאַנג. ער פלעגט מיך
אָפט שיקען אויף דער פּאָסט, אָבצונעהמען און אויפצולעגען בריעף.
אָדער „פּאָסילקעס". אַ מאָל פלעגט ער מיך שיקען צו איינעם מיט אַ קווי־
טעל, אָדער מיט אַ בוך וכדומה נאָך אַזעלכע גענג. דאַכט זיך אין פלוג,
הא, וואָס איז דאָס פאַר אַזאַ אַרבייט? זעהר אַ גרינגע זאַך, נאָר אָבער
ניין! ס'איז נאָך אַזאַ ביטערע, מיאוס'ע שווערע אַרבייט גאָר נישטאָ.
אַז איך פלעג אַ מאָל אָבטראָגען איינעם אַ קוויטעל, פלעגט ער פאַרדרע־
הען שטאַרק מיט דער נאָז, גלייך ווי ס'איז איהם פערגאַנגען אַ ריח פין
שאַרפען, ערשט אָנגעריבען חריין, און מיט אַ ביזן פנים מיר הייסען קו־
מען מאָרגען. מאָרגען האָט ער געזאָגט — איבערמאָרגען. איבערמאָרגען
האָב איך איהם אין דער היים נישט געטראָפען, און ביים קומען צו איהם
שפּעטער נאָך אַ מאָל, פלעגט ער שוין אויף מיר אַ היק טאָן: וואָס וויל
אָט־אָ־דאָס יונגעל פון מיר האָבען? עפּיס איז דאָך פון איהם נישט פּטור
צו ווערען! אַן'אַנדערער פלעגט פּשוט אָנזאָגען זיינע משרתים, מען זאָל
מיך נישט לאָזען אויף דער שוועל; אַ דריטער פלעגט איבערלייענען דאָס
קוויטעל, קווינקלען זיך און אָוועקגעהן, מיר נישט צו זאָגען אפילו אַ
וואָרט; אַ פערטער פלעגט זיך אָנרופען: זאָג דעם הערר דיינעם, אַז איך
בין נישטאָ אין דער היים! פערשטעהסט־דו?... הכלל, מען פלעגט
מיך טרייבען, אויסוויכען ווי אַן'עפּוש, אַז מען האָט מיך נאָר דערזעהן
פון דערווייטענס מיט אַ קוויטעל צי מיט אַ ביכעל, פלעגט מען פראַסט

די מיר פערשליסען, אָדער אָנרייצען אויף מיר אַ הונד — אַ משרת...
מען האָט געזעהן, אַז פיעל פון יענע בעלי־הבתים, צו וועלכע איך בין
געגאַנגען, בעקומען פשוט דעם שלאַק, דער רוח נעהמט זיי צו פאַר אַ
ביכעל, עס מאָרדעוועט עפּיס מיט זיי די ביינער. פאַר וואָס זיי האָבען
דערפאַר אַזוי מורא? — דאָס האָב איך דענסטמאָל נישט געקענט פאַר־
שטעהן. האָט איינער אונטער צעהן אַ מאָל זיך שוין דערבאַרעמט און צו־
גענומען אַ ביכעל, פלעגט ער עס באַלד טאַקי אַ שליידער געבען צו אַל־
די־שוואַרצע יאָהר, ערגיץ אונטער אַ בעט, אָדער אונטער אַ באַנק, און
מיר געבען אַ צעריסען קערבעל אָהן אַ נומער... יענע צייט איז פאַר
מיר געווען זעהר אַ ביטערע. איך ווינש, אַלע מיינע שונאים זאָלען גע־
פּרובט ווערען, געהן מיט ביכלעך צו יודישע נגידים, הערען דערבײַ זיי־
ערע שטעכווערטלעך, זעהן, ווי עס ענדערט זיך זיי דאָס געשטאַלט, ווי
זיי בלאָזען זיך אָן, ווערען אש־להבה, און אָנקוקען זייער פינסטער
פרצוף־פנים!

מיין יודעל, אָדער הערר יאַקאָבזאָהן, פלעגט אָפט קומען צום
דייטש שפּעט בײַ נאַכט, זיצען דאָרט אביסעל און שמועסען. און ווען
איך בין נישט מיד געווען, פלעג איך אַ מאָל זיך צוהערען אונטער דער
טיר צו זייער שמועס, גלאַט אַזוי, אַבי די צייט צו פערטרייבען. איינ־
מאָל האָב איך געהערט, ווי יאַקאָבזאָהן האָט עפּיס דערצעהלט פון אַ
דאָקטאָר שטיינהערץ און זיך אַלץ שטאַרק גע'חידוש'ט.

— עט — האָט גוטמאַן זיך אָנגערופען — וואָס חידוש'ט איהר זיך
דאָ אַזוי, הערר יאַקאָבזאָהן, און ווערט נתפעל? דער דאָקטאָר שטיינ־
הערץ איז אַ קליין מענשעלע און דעריבער טאַקי איז ער אַזוי רייך און
בײַ איטליכען גאָר די נשמה. איז דען עס בײַ אייך אַ נײַס? עס פערשטעהט
זיך, אַז מען ווערט אַ קליין מענשעלע, איז מען דאָס לעבען און מען
דערגרייכט אַלצדינג אויף דער וועלט.

איך בין פערצאַפּעלט געוואָרען הערענדיג די דאָזיגע ווערטער.
כ'שיטש, גוטמאַן, מיין הערר גוטמאַן, זאָגט אויך, אַז אַ קליין מענשעלע
איז די נשמה און איז רייך!... פאַר גרויס וואונדער האָב איך אַ שפּרונג
געטאָן, זיך אָנגעהאַפּט בײַם קאָפּ און בין געווען שטאַרק צוטראָגען. גוט־
מאַן אָבער האָט מיך גראַד אַ רוף געגעבען, און אַז ער האָט דערזעהן
מיין נאַריש פּנים דענסטמאָל, איז איהם אונמעגליך געווען זיך איינצוהאַל־
טען, נישט צו טאָן אַ שמייכעל. מיין יודעל האָט אָנגעקוקט מיך, געשאָ־





קעלט מיט דעם קאָפּ און געמאַכט: ע־ע! ער איז נאָך טאַקי אַלץ
תם'עיוואַטע, דער איינגער לעקיש וואָס פריהער!...

אין אַ קורצע צייט אַרום האָב איך ווידער געהערט אונטער דער
טיר, ווי יאַקאָבזאָהן האָט אין אַ שמועס גערעדט פון איסר וואַרגער, ווי
רייך און גליקליך ער איז, אין שטאָדט דער גאַנצער פיהרער. זיין חשיבות,
זיין שטאַרקייט איז עפּיס גאָר שלא כדרך הטבע!

— ס'איז גאַנץ פּשוט — האָט גוטמאַן געזאָגט — איסר וואַרגער
איז אַ קליין מענשעלע, און איז בײַ דעם גביר די נשמה. דאָס אַלצדינג
איז דוקא כדרך הטבע, ס'איז גאַנץ נאַטירליך, און מען האָט זיך דאָ
גאָר נישט צו חידוש'ען.

— יאָ, טאַקי זעהר אמת, גוט אויף דער וועלט איז טאַקי נאָר אַ
קליין מענשעלע! — האָט יאַקאָבזאָהן געזאָגט מיט אַ זיפץ, זיך באַלד טאַ־
קי געזעגענט און אַוועקגעגאַנגען.

## ב

ברוך-הבא, קליין מענשעלע! ווידער דאָס קליינע מענשעלע, נאָך אַ מאָל טאַקי מיינע ערשטע, פריהערדיגע געדאַנקען! דאָס קליינע מענשעלע איז מיר געווען זעהר אַנ׳אָנגעלעגטער גאַסט, פּונקט ווי געוואונשען, אין דער רעכטער צייט ווען איך בין געווען זעהר צובראָכען, דערשלאָגען פון די צרות, וואָס איך בין אויסגעשטאַנען, און בין שטאַרק געוועהן חאָטש אַביסעל זיך אויסצורוהען. אַ גאַנצע נאַכט, נאָך דעם פריהערדיגען שמועס, האָב איך שטאַרק אומרוהיג מיך געוואָרפען פון איין זייט אויף דער אַנדערער און בּיי מיר אַלץ געטראַכט אַזוי: איסר וואַרגער איז אַ קליין מענשעלע, אַ נשמה, און אַ רייכער גליקליכער מענשהייסט דאָך עס אַ פּנים, אַז מען איז אַ קליין מענשעלע איז מען אַ רייכער, אַ גליקליכער! און אַ פּנים טאַקי, ווי ס׳זעהט אויס, קענען מענשען הערען קליינע מענשעלעך אויב נאָר זיי ווילען. און אַז זיי ווערען קליינע מענשעלעך, ווערען זיי אַי רייך אַי גליקליך און דערגרייכען אַלצדינג אויף דער וועלט, האָב איך דאָך טאַקי, אָט אַ פּנים, זעהר רעכט, וואָס מיר האָט תמיד זיך געלוסט ווערען אַ קליין מענשעלע. יאָ, דאָס אַלצדינג איז רעכט, טאַקי זעהר גוט! די שאלה איז אָבער, ווי אַזוי ווערט מען אַ קליין מענשעלע? ווי קומט די קאַץ איבער׳ן וואַסער? ווען אפילו איך זאָל מיך דאָ אפילו בייגען, קרימען, איינהויקערען זיך אין צעהנטען, וועל איך דאָך פאָרט נישט ווערען אַ קליין מענשעלע. אַ פּנים, אַז אַ קליין מענשעלע צו זיין איז אַ גרויסע קונץ, טאַקי אַ קונץ, וואָס אַ קונץ הייסט, נאָך אַ סך אַ גרעסערע ווי צו מאַכען מיט דער רייף און אַלע אַנדערע קאָמעדיאַנטסקע קונצען. דרינען מוז אודאי שטעקען עפּיס אַ גרויסע המצאה, וואָרום זיסט, וואָלטען דאָך אַלע געקענט זיין קליינע מענשעלעך, נשמה׳לעך, רייכע און גליקליכע לייט!...

גאָר די דאָזיגע אַלע געדאַנקען האָב איך זעהר לאַנג אַלץ גע-





טראַכט, געטראַכט אויף מיין געלעגער, אין אַז איך בין לסוף אַנטשלאָפען געוואָרען, האָט מיר זיך גע׳חלום׳ט וואונדער-שענע זאַכען.

עס האָט מיר זיך גע׳חלום׳ט, איך בעגעגען אויף דער גאַס אַ קליין מענשעלע, וואָס אַרבייט מעשים, דרעהט זיך און וואַרפט זיך אויף אַלע זייטען, אָט שפּרינגט עס צו צום קהל-שטיבעל, חאַפּט זיך דאָרט אַריין צווישען אַ געזעמעל קהל׳ס-לייט, דרעהט און מאַכט מיט זיי גאַנץ די קאָמעדיע. דער עולם לאָזט זיך נישט לאַנג בעטען, נעהמט זיך צום בייטעל און בעצאָהלט איטליכען גאַנץ פיין פאַר גדי אָנשטעלען... פון דאַנען איז עס, דאָס קליינע מענשעלע הייסט עס, ווי אַ גלגול אַריין צו דעם בעל-טאַקסע אין בוזעם, איהם געטאָן אַ געשמאַקען קיצעל, ביידע האָבען געלאַכט, עס האָט זיי עפּיס משונה הנאה געטאָן, און דערנאָך איז עס אַרויס צוריק אינגאַנצען ווי אָבגעגילדט פון׳ם בעל-טאַקסע׳ס קעשענע. דער בעל-טאַקסע נעבעך האָט דריי מאָל אויסגעשפּיגען און באַלד טאַקי זיך געמאַכט גאָר אַנדערע קעשענעס!... פון׳ם בעל-טאַקסע׳ס קעשענע איז עס פוץ אַריין אין דעם מויל פאַר אַ פּאָר שענע נפשות, בשעת זיי האָבען זיך גענעצט מאַכען „ספּראַוועטשנע צענעס" אויף פלייש. גאָר וואָס זיי זענען גרייט געווען אַרויסזאָגען: פינף און פערציג גראָשען אַנ׳אָקע, האָט עס זיי עפּיס אַ שמיר געגעבען, אַריינגעחאַפּט זייער צונג אין זיין הענטעל, די שענע נפשות, נעבעך; האָבען זיך פּאַראַיקעט און גאָר אַ זאָג געטאָן: זעכציג!... פון זייער מויל, וואָס איז געוואָרען, נישט פאַר קיין יודען געדאַכט, אַ „חאַלעווע", האָט עס ווי אַ דבוק זיך אַנגעטשעפּעט אין אַ גביר׳על, מיט איהם געדרעהט-געדרעהט, געקעהרט וועלטען און געמאַכט פון איהם אַ לעדערנעם דישעל... פון דעם לעדערנעם דישעל איז עס מגולגל געוואָרען אין אַ „קאָבלעפּעל". פון׳ם קאָבלעפּעל אין אַ טלית-קטן און אין אַ קורץ רעקעל, און פּלוצלים זיצט עס גאָר ריי-טענדיג אויף דעם ראָש, אויף דעם קהל׳שען צאַפּ, וואָס פּיטערט זיך געוועהנטליך צווישען דער טשערעדע שטאָדט-בהמות!... הכלל, דאָס קליינע מענשעלע האָט געאַרבייט, [געטאָן און אַלצדינג, וואָס עס האָט געטאָן, איז עפּיס אויסגעקומען נאָר גוט, גוט און גוט. איך האָב איהם אַזוי שטאַרק מקנא געווען, אַז איך האָב אַזש אָנגעהויבען מיך צוגויפצי-הען, האָב אַרונטערגענומען די פיס אונטער זיך, זיך געקרימט, געקוועטשט און איינגעהאַלטען דעם אָטהעם, ביז איך האָב אויפגעהערט צו רעדען, צו פיהלען, צו זעהן און צו הערען — און פּלוצלים בין איך, אַזוי וואויל איז מיר, געוואָרען אַ קליין מענשעלע, אַזוי קליין ווי אַ פלוי! איך האָב מיך

פשוט מחיה געווען. ס'איז מיר אָבגעגאַנגען די פּיינער, ליכטיג געוואָרען אין אַלע רמ"ח אברים. באַלד מאַקי בין איך געוואָרען אַ נשמה, בײַ איטליכען דאָס לעבען, און דאָס גליק האָט מיר אָנגעהויבען צו גײען פון אַלע זייטען. איך בין געפאָהרען אין אַ קאַרעטע, אָנגעטאָן ווי אַ שררה, אַלע האָבען מיר אָבגעגעבען כבוד, מיר צוגעטראָגען דאָס שענסטע, דאָס בעסטע, מיין קוויטעל איז געגאַנגען. איך האָב געטאָן, וואָס איך וויל, און געפיהרט די גאַנצע שטאָדט בײַ דער נאָז. איטליכער האָט פון דערווייטען אויף מיר געטייט מיט די פינגער: זעהט, זעהט! אָט פאָהרט די נשמה, אָט געהט די נשמה, אָט רעדט דאָרט עפּיס די נשמה, אָך, קוקט נאָר אָן די נשמה! שאַ! וואָס זאָגט עפּיס די נשמה? וואָס, איהר האָט נדן=געלד? לענט עס אײַן בײַ דער נשמה! איהר האָט עפּיס אַ משפּט, אַ בוררות? געהט, כ'לעבען, צו דער נשמה! איהר בעדאַרפט אפשר האָבען אַ טובה? צו אַ טובה איז נאָר די נשמה! אַ חכם, אַ בעל=עצה, אַ חשוב, אַ מאַכער, אַ גבאי, אַ צונויפנעהמער, איז מאַקי נאָר די נשמה!...

פלוצלים אָבער האָב איך אָנגעהויבען זיך אויסצוגלייכען, אויסצוציהען, עפּיס האָט אָנגעהויבען ליכטיג צו ווערען מיר אין די אויגען — און גוט מאָרגען דיר, ממזר'וק, איציק=אברהם'על! איך אַליין מאַקי ליג, ווי בײַם טאַטען אין ווייגהויז, אויף מיין געלעגער. איך טאַפּ מיך: דאָ אַ טאַפּ, דאָרט אַ טאַפּ, יאָ, ווי איך בין אַ יוד, איך בין עס מאַקי אַליין! איך שלים'מזל מיט מיין אייגענעם כבוד, אינגאַנצען ווי גרויס איך בין. פון וואַנען, טראַכט איך, האָב איך עס פלוצלים דאָ מיך גענומען? אָך, האָב איך עס אַביסעל מיך פיינט געהאַט, פאַר וואָס איך בין אויפגעשטאַנען און פאַר וואָס איך בין עס מאַקי אַליין!

נו האָב איך דערנאָך בײַ מיר געטראַכט. ניש'קשה! איך וועל שוין דערגעהן, ווי אַזוי מען ווערט אַ קליין מענשעלע מיין טויט זאָל דאָ אפילו זיין, מוז איך עס דערגעהן. דאָ האָב איך באַלד אָנגעהויבען ווידער צו טראַכטען אַזוי: בשעת מיר האָט זיך גע'חלום'ט, אַז איך בין געוואָרען אַ קליין מענשעלע — אַ רייכער, אַ גליקליכער, אַ פיינע=בריה און אַ גאַנצער מאַכער אין שטאָדט, האָב איך עס דערנסטמאָל, דאַכט זיך, אויפגעהערט צו דענקען, צו פיהלען, צו זעהן און צו הערען, איז דאָך אַ פנים משמע, אַז מען קען אַנדערש נישט זיין אַ קליין מענשעלע, סיידען מאַקי מען מוז פריהער אויפהערען צו דענקען און צו פיהלען, דאָס הייסט, פשוט איז פּייט, מען זאָל לגמרי גאָר נישט דענקען, גאָר נישט פיהלען, יענער





זאָל אפילו דאָ פאַר דיר די כפּרה ווערען און זיך אַ מעשה אָנטאָן. נאָר וואָס מהוט מען אָבער דערצו? ווי אַזוי הערט מען עס אויף צו דענקען און צו פיהלען? עס איז דאָך מאַקי די גאַנצע מלאכה, דרינען ליגט דאָך מאַקי דער הונד בעגראָבען! איך בין געפאַלען אויף אַ המצאה — פּרעגען מיין העדר. איך האָב אָבער צוריק מאַקי זיך מישב געווען: ס'טייטשט ווען גוטמאַן זאָל וויסען דעם סוד דערפון, וואָלט ער דאָך אַליין געבליבען געוואָרען אַ קליין מענשעלע! ער וואָלט דאָך געווען רייך, זיך נישט אַזוי געמאַטערט, נישט אַזוי געליטען נויט און פערשפּאָרט זיך נעבעך שוואַרצען דעם פּנים, שיקען ביכלעך און אונטערוואָרפען זיין די מיינונגען פון איטליכען בעזונדער. איך האָב איבערגעקלערט די זאַך אויף אַלע זייטען און בין געבליבען בײַ גאָרנישט.

דעם גאַנצען טאָג דערנאָך בין איך אַרומגעגאַנגען ווי אַ דולער; עס האָט מיר זיך געשפּאָלטען דער קאָפּ, איך האָב נישט געוואוכט, וואָס איך מהו און אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין. צו וואָס איך האָב מיך צוגעריהרט, האָב איך אָנגעמאַכט שאָדען. איך האָב יענעם טאָג צובראָכען צוויי טהע=גלעזער; עטליכע פאָרצעלאַיענע טעלער זענען מיר פון דער האַנד אַרויסגעפאַלען, האָב איבערגעקעהרט אַ טינטער מיט טינט און פערביטען די יוצרות בײַם סאַמאָוואַר: אין דעם אָרט פּונ'ם וואַסער האָב איך אַריינגעשאָטען קוילען און אין דעם אָרט פון די קוילען אַריינגעגאָסען וואַסער. אַלע אין שטוב האָבען כיר אָנגעקוקט שטאַרק פערוואונדערט, זיך געשושקעט און געפיהלט, אַ פּנים, אַז ס'איז מיט מיר עפּיס נישט גלאַטיג. גוטמאַן האָט אָנווייזענדיג אויף מיר דער מאַדאַם זיינער, אַנידערגעלעגט אַ פינגער אויפ'ן שטערען און איהר געזאָגט שטיל: בײַם יונגעל איז דאָ, אין קאָפּ, עפּיס נישט רוהיג. נאַריש תמ'עוואַטע האָט ער תמיד אויסגעזעהן, נאָר היינט זעהט ער עס נאָך מעהר אויס. ער איז נעבעך ווי שטאַרק דערשלאָגען, ער איז נאָך נאָר אַ קינד!...

אַ לאַנגע צייט בין איך געווען עפּיס בייז ווי צעהן רוחות, זיך אַלץ געקרימט, נישט געווען צופרידען, נישט מיט זיך און נישט מיט קיינעם אין דער וועלט. דאָס האַרץ האָט מיר געקלאַפּט שרעקליך שטאַרק, עס האָט מיר דאָרט אינווייניג געקריכט, זיך גערודעוועט ווי אין אַ מיהל. עפּיס ווי אַ קול האָט מיר אַלץ געשריגען: יצחק אברהם! וואָס וועט פון דיר זיין פאַר אַ תכלית, ביז וואַנען וועסט=דו אַזוי פערשוואַרצט ווערען און זיין פערוואָגעלט? ווער אַ קליין מענשעלע יצחק=אברהם! טהו אַלץ

דינג, וואָס די קענסט, און ווער אַ קליין מענשעלע, וועסט-דו לעבען גליקליך, אין עושר, אין כבוד און אויסנלייבען דיר דיינע ביינער!... דאָס קול האָט נישט אויפגעהערט קיין רגע מיר צו פיקען „דעם קאָפּ. איך בין ארומגעגאַנגען ווי אַ נעבכטיגער, שטאַרק צומישט און מיר קיין עצה נישט געקענט געבען, וואָס מען טהוט, וואָס מען הייבט אָן. פּלוצלים איז מיר ווי אַ בליץ אַריין דער געדאַנק — זיך שטעלען פאַר אַ משו״ת׳ל ביים דאָקטאָר שטיינהערץ! ביי איהם וועל איך גאַנץ גוט מיך צוקיקען צו איטליכען פּיצעלע און מיט דער צייט דערגעהן דעם סוד, ווי אַזוי מען ווערט אַ קליין מענשעלע.

מען בעדאַרף זיין אַזאַ מעגעגע, אַזאַ דערשלאָגען יונגעל ווי איך בין געווען, צו פאַרשטעהן מיין האַרץ דענסטמאָל און די משונה שטאַרקע געפיהלען, וואָס דער ראָזיגער געדאַנק האָט אין מיר אויפגעוועקט. איטליכער אויף דער וועלט, אפילו אַזעלכע, וואָס פאַרשטעהען אַ׳עסק, גאַנץ קלוגע אין מילא-דעלמא-זאַכען, כמעט איטליכער, ווי איך האָב עס שפּעטער מיט דער צייט אַרויסגעזעהן, האָט זיך זיינע מאַנקאָליעס, זיינע אַבאַבאָנעס, זיינע נאַרישקייטען, שגעונות, וואָס ער רעדט זיי זיך איין, וואָס עס ליגען איהם איינגעבאַקען אין האַרץ, און איטליכענס איינגערעדטע זאַכען קומען פאַר דעם אַנדערן עפּיס משונה ווילד, אָהן טעם, אָהן ריח. קיינער קען נישט אַריין אין יענעמס לאַגע, פיהלען זיין האַרץ און פערטראָגען זיינע נאַרישקייטען, איטליכער נעהמט נאָר אַ ראיה פון זיך אויף איינער לאַכט פונ׳ם אַנדערן און אַלע זענען משוגע!...

איך האָב אויסגעזוכט אַ מעקלער, איהם צוגעזאָגט אַ שען מעקלעריי, אַז ער זאָל מיך אַריינדרעהען פאַר אַ משרת׳ל ביים דאָקטאָר שטיינהערץ. עס האָט נישט געהגערט לאַנג, האָב איך אָבגעטראָטען, כמעט זיך אָבגעטראָגען, פון מיין גוטען העדר גוטמאַן, פאַרגעסען דעם זיי געזונד און איבערגעגאַנגען אויף מיין נייעם אָרט צום דאָקטאָר.



יג.

מיט מיין אַריבערטרעטען דעם ערשטען מאָל די שוועל פונ׳ם דאָקטאָר׳ס הויז בין איך געגליכען געוואָרען נאָר צו אַ וואַנץ, וואָס חאַפּט זיך אַריין צום גאַסט אין אַ שפּעלטעל פון אונזער בעט, זיצט דאָרט איבער דעם גאַנצען טאָג, אַרויסנעהמענדיג זיך די אויגען קוקענדיג, ווען וועלען מיר, מענשען, זיך שוין אָבפּאַרטיגען פון אונזערע געשעפטען, זיך אַריינלעגען אין בעט, זו זאָל שוין קענען למזל מאַכען מיט אונז בעקאַנטשאַפט, איבערשמועסען אַביסעל מכח דער פּרנסה. די גאַנצע כונה פון איהר קומען איז דאָך טאַקי נאָר דאָס שטיקעל פּרנסה — צו האָבען פון אונז, פיינע בריות, די יניקה... דער דאָקטאָר שטיינהערץ, דער פיינער בריה, איז פערטראָגען געווען ערגיץ אין וויכטיגע זאַכען, נעשאַרט גאָלד פון אַלע זייטען, און איהם איז גאָר אויף דעם זינען נישט געקומען, אַז היינט פריה האָט צו איהם אין הויז זיך פערקליבען עפּיס אַ וואַנץ — כמזר׳וק איציק אַברהם׳ל, וואָס וועט איהם דאָ גוט נאָכקוקען אַלע זיינע געננ, חאַפּען דעם סטריה זיינעם אין דער פּרנסה און לערנען זיך ביי איהם די קונץ, ווי צו פערוואַרפען זיך אין אַ קליין מענשעלע.

אַ גאַנצען טאָג האָב איך געאַרבייט, געטאָן די מלאָכות, וועלכע די מאַדאַם האָט מיר געגעבען, און שטילערהייט אין האַרץ אַלץ געגאַרט, אוי, איך זאָל שוין דערלעבען זעהן דאָס קליינע דאָקטאָר׳ל! מיט אַמאָל עפענט זיך פאַרנאַכט אויף די טיר און עס קומט אַריין אַ הויכער מענש, אַ בורלאַק מיט אַ בויך, הויך און גרויס ווי גוג-מגוג. קוים וואָס איך האָב איהם נאָר דערזעהן, האָב איך אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגען און איהם אָנגעקוקט, אויף מיין שטייגער, שטאַרק תמ׳עוואַטע. דעם בורלאַק איז מיין קוקען נישט געפעלען. ער האָט מיר דורכגעשטאָכען מיט זיינע אויגען און אויף מיר ביין, אויף יוני׳ש, אַ היק געטאָן:

— פּשטאָ טי טאַק סמאָטריש, באָלוואַן׳

אַזאַ לשון האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געהערט, איך בין געוואָרען צומישט. האָב אָנגעהויבען ציטערן, פלאַטערן און אַ זאָג געטאָן, אַליין נישט צו וויסען וואָס דאָס מויל רעדט:

— איך הייס איציק-אַברהם׳ל, הייס איך... אַברהמ׳קע!... איך בין אַ יתום... דאָ אַ משרת׳ל, בין איך דאָ!...

— ווידנאָ טשטאָ טי באָלשאָי דוראַק! — האָט זיך אָנגערופען דער בורלאַק — נו-זשע דו, פון היינט אָן סמאָטרי! אַז איך וועל קומען, זאָלסטו פון מיר געשווינד אַראָבנעהמען דעם פעלץ, די קאַלאָשען, סלישעש?!

איך האָב מיך פאַר איהם עפּיס אַזוי איבערגעשראָקען, אַז איך האָב אינגאַנצען, ווי גרויס איך בין, מיך דערלאַנגט אַ וואָרף אויף דער ערד און שטאַרק אַרומגעחאַפּט מיט מיינע הענטלעך דעם בורלאַק׳ס געזונטע פיס, אויסצוטאָן איהם די קאַלאָשען. גאָט האָט מיר געהאָלפען איבערצוקומען בשלום דעם דאָזיגען שרעק און דער בורלאַק איז אין זאַל אַריין. איך האָב שפּעטער אַביסעל אַריינגעבראַכט דעם סאַמאָוואַר און אַ גאַנצען אָוועגד דעם שענעם פאַרשוין מיט׳דער מאַדאַם בעדינט.

ביי נאַכט האָב איך אויף מיין געלעגער אַלץ געטראַכט, ווער זאָל עס זיין אָט דער דאָזיגער בורלאַק, אָט-אָ דער פעמפיק? אַ גאַנצע נאַכט זיצט ער עפּיס אַליין מיט דער מאַדאַם און מאַכט מיט איהר קוטצוניו-מוצוניו, ער זי — ליובעניו, און זי איהם צוריק — קעצעלע. וואָס איז דאָס עפּיס פאַר אַ מין קעצעלע? און וואו איז ערגיץ, וואונדער איך מיך, דער דאָקטאָר אַליין — אַזוי האָט אַ פּאָר טעג כסדר דער פעמפיק געמאַכט׳ זיינע לאַנגע וויזיטען. ווי ער איז נאָר אַרויס אָדער אַריינגעגאַנגען, האָב איך מיך אויסגעצויגען אויף דער ערד, אָנצוטאָן אָדער אויסצוטאָן די קאַלאָשען. ער פלעגט בשעת מעשה זיך האַלטען ביי די זייטען און קוקען מיט גדלות אויף דער סטעליע. ס׳איז איהם קיין פּיצעל אפילו נישט אָנגעגאַנגען, אַז ער האָט מיט זיינע גראָבע פיס ווי מיט קאָפּיטעס מיר צוגעקלעהמט די פינגער. איר האָב טאַקי לעת עתה נאָך אַלץ נישט געוואוסט, ווער זאָל עס אַזוינס זיין, אָט דער פעמפיק, אָט-אָ דער געזונטער עשו?

אָבגעפּאַרטיגט זיך איינמאָל אין אָוועגד פון מיין אַרבייט און איבער-געלאָזט דאָס קעצעלע שפּילענדיג זיך מיט דער ליובעניו, בין איך מיר





אַרונטערגעגאַנגען אונטען אין דער קיך, אַביסעל בעסער בעקאַנט צו ווערען מיט דער קעכנע, און האָב זי דאָרט אנגעבן עפּיס מיט אַ רחמנות-פּנים׳ל געטאָן אַ פרעג:

— זאָגט מיר, דוואָסיע, איך בעט אייך, ווער איז עס אָט-אָ דער, וואָס קומט אָפט צו גאַסט? וואָס איז עפּיס אַ גאַנצער שמועלקע מיט דער מאַדאַם אין שלאָפט... אין ספּאַלניע?

— האַ, וואָס?! — האָט די קעכנע געמאַכט און מיך אָנגעקוקט פערוואונדערט — וואָס זאָגסט-דו? ס׳טייטש, עמיצער שלאָפט אין דער ספּאַלניע! וואָס הייסט עמיצער?

— ווי איך בין אַ יוד! — האָב איך מיך אָנגעהויבען צו שווערען — זאָל איך ג.זוי אויפגעריכט ווערען! זאָל איך אַזוי הערען שופר של משיח, ווי איך אַליין מיט מיינע אייגענע אויגען און אויערן האָב איך איהם געזעהן און געהערט אַריינגעהן אַהין! ס׳טייטש, אודאי, איך זאָל מיט אייך טאַקי אַזוי געזונד און גליקליך זיין! ווי הייסט ער עפּיס דאָרט ביים שפּיץ-נאָמען, קעצעלע, צי קאָטערל? ווייסט איהם דער שוואַרץ יאָהר!

— נו, און דער בעל-הבית? — האָט די קעכנע געפרעגט מיט אַ פרעהליך פּנים׳ל און די אייגעלעך האָבען איהר זיך צופלאַקערט אַזוי ווי אין אויווען בשעת חלה-באַקען

— דער בעל-הבית! — האָב איך געענטפערט און ביי דעם נאָמען עפּיס אַביסעל געשטאַמעלט, ווי איינער וואָס ווערגט זיך און וויל פאַר יענעם עפּיס נישט אַרויסרעדען — דער בעל-בעל-הבית נעכטינט, אַ פּנים, נישט אין דער היים. ער האָט געמוזט ערגיץ אַוועקפאָהרען אַרבייטען אין זיין עסק...

— נו, אַז ס׳איז יאָ אַזוי די מעשה — האָט די קעכנע געזאָגט מיט עפּיס אַ ווילד געלעכטערל — בין איך טאַקי אַ בעלן אַליין אַרויפצוגעהן זעהן. איך וועל מיר אויסזוכען עפּיס אַן׳אויסרעד. ס׳איז כדאי, כ׳לעבען, צו זעהן, אַז די דאַמעס זענען נישט בעסער פון די דינסטען... זאָלען זיי נייטש מאַכען אַזוי קיין חן!

אין עטליכע מינוט אַרום איז די קעכנע צוריק אַראָבגעקומען פער-פלאַמט, רויט אָנגעצונדען ווי אַ העליש פייער און האָט אויף מיר געבעך געעפענט אַ פּיסק מיט טויטע קללות:

— אַ דו עבבריש, יונגאַטש איינער! ביסט דאָך ווערטה, מען זאָל

בערד, מילאָ איז דאָך גאַנץ גרינג צו גלויבען, אַז מענשען קענען אויך זיך פערוואַרפען אין קליינע מענשעלעך און דורכדעם מאַכען אַ גליק! נאָך אַ מאָל, האַ! אַז אַ מענש קען ווערען אַ וואָלף, אַ חיה רעה, וואָס לויפט אַרום משוגע'נער־ווייז און בילט, וואָס פרעסט און איז מזיק ווען ער בעגעגענט, איז דאָך פון אַ מענשען אין אַ קליין מענשעלע זיך צו פאַר־קעהרען עפּיס נאָר נישט אַזוי שווער. מען בלייבט דאָך טאַקי ביי דעם פריהערדיגען געשטאַלט, מיט דעם אייגענעם פּנים, ווי איטליכער, נאָר פון גרויס ווערט מען קליין... יאָ, איך געה, דאַנקען גאָט, דאַכט זיך, אויף אַ שטיקעל דרך. די מעשה דערפון איז, אַ פּנים, טאַקי אַזוי. דאָ שמעקט עפּיס אַ המצאה'לע, אַ פּאָקוס! מען מוז די זאַך בעטראַכטען, גוט נאָכקוקען און דערגעהן דעם סוד, די וועלט זאָל אפילו זיך איבער־קעהרען!

מיט דעם דאָזיגען נייעם געדאַנק מיינעם, האָט מיין קינדערשער שכל, ווי איהר זעהט, געשטעלט פעסטער אַ פיסעל און שוין געמאַכט אַ טריט ווייטער. אַנשטאַט וואָס פריהער איז מיין גלויבען אין דעם קליי־נעם מענשעלע געווען מגושם, שטאַרק קינדעריש — עס קומען גלאַט בפשטות אויף דער וועלט אַראָב פאַרטיגע קליינע מענשעלעך, איז ער איצט שוין אויסגעפיינטער, אויסגעאיידעלטער, עס ליגט שוין אין איהם אַ כוונה, עפּיס אַ כח, אַ רוחניות־זאַך מיט אַ דרך הטבע, דאָס הייסט: קומען אויף דער וועלט קומען מענשען טאַקי אַלע גלייך ווי זיי זענען, נאָר אַ טייל מענשען קענען זיך פערוואַרפען און ווערען אַ מאָל קליינע מענשעלעך דורך שמות, דורך רוחות. דרינען ליגט שוין נאָר עפּיס אַנ'־אויבער־הסברה!..

אַז איך בין אין עטליכע טעג אַרום געשטאַנען אונטער דער טיר, וואָס געהט פון דעם פאָדערצימער אין דעם דאָקטאָר'ס קאַבינעט אַריין, איז מיר אויסגעקומען צו האָרכען אַזאַ מין שמועס צווישען דעם דאָקטאָר און דעם רופא זיינעם.

— היינטיגע וואָך, דאָקטאָר, האָט איהר געהאַט אָהן עין־הרע זעהר אַ גוטע. איך האָב אייך, נישט קשה, אַ סך צוגעשאַרט. איך טהו פאַר אייך דאָס מייניגע בשלמות. צופּויק אומעטום אייער גרויסקייט, וואָס נאָר עפּיס. זאָג איך, מען בעדאַרף האָבען אייך, אייך, נאָר אייך. און איהר פאַר מיר, דאָקטאָר, מאַכט זיך ניט וויסענדיג.

— וואָס זאָגסט דו, געטצעל? ס'טייטש, און נעכטען, ערשט נעכטען?





דיך דאָ צורייסען ווי אַ הערינג, זאָל מען דיך צורייסען! ס'איז דאָך העזה פון אַזאַ סמאַרקאַטש, פון אַזאַ פערשטונקענע נשמה, פון אַזאַ שטיק פלייש, אַזאַ ווערימדיג בחור'ל! אבֿרהם עזות־פּנים, צו דיין קאָפּ, צו דיין לייב און לעבען! וואָס עס האָט געוואָלט זיין מיר און כל ישראל, רבונו של עולם, טאַקי צו דיין קאָפּ! פערחאַפּט זאָלסט דו ווערען, רבונו של עולם. אַ־אַ, קיין תחית המתים זאָלסט־דו, ליבער האַרצדיגער פאָטער, נישט אויפשטעהן! אַזוי יונג און קען שוין צונויפפיהרען אַ וואַנד מיט אַ וואַנד, לאָקש—בוידעם—פּאָלעצע! ס'טייטש, אויף קיין גוט אָרט זאָלסט די נישט ליגען, דער הערר אַליין, ס'טייטש, זיצט דאָך עס מיט דער מאַראַם דאָרט אין ספּאַלניע!

— גאָט איז מיט אייך, דוואָסיע! וואָס זאָגט איהר? בין איך אַרויס מיט דער שפּראַכע פערריכטען מיין מזל ביי דער קעכנע — בעטראַכט זיך נאָר, דוואָסיע, וואָס איהר רעדט. ס'טייטש, אָט־אָ דער הויכער בורלאַק, אָט־אָ דער גראָבער פּעמפּיק!...

— אַ רוח אין דיין טאַטענס־טאַטענס־טאַטענס־טאַטען אַריין, שייגעץ!

— האָט די קעכנע זיך צושריגען אויף אַ קוויטש און אַ חאַפּ געטאָן די קאָטשערע — ס'טייטש, שייגעץ, דעם בעל־הבית רופסט־דו בורלאַק, רופסט־דו, שייגעץ! אַרויס, שייגעץ, וואָרום איך וועל דיר דאָ פּלעטען דעם קאָפּ!

איך האָב מיך אַרויסגערוקט געשווינד פון דער קיך און בין מיר ווידער אַרויפגעגאַנגען אויבען, שאַ־קיטש. אַז איך האָב מיך אַנידערגע־לעגט אויף מיין אָרט אין פאָדערצימער שלאָפען, האָב איך נישט געקענט פאַר גרויס וואונדער קיין אויג צו־מאַכען און אַלץ ביי מיר געטראַכט: וואָס הער איך און וואָס זעה איך? דער דאָקטאָר איז נאָר אַ הויכער, אַ גרויסער, אַ דיקער! היינט וואָס זשע האָט גוטמאַן געזאָגט, ער איז אַ קליין מענשעלע?! זאָל גוטמאַן זאָגען אַ ליגען, אַזאַ גראָבען ליגען? ניין, עס קען נישט זיין! גוטמאַן האָט קיינמאָל קיינעם נישט אָבגענאַרט, וואָס גוטמאַן האָט געזאָגט, איז תמיד געווען אמת. וואָס טהוט זיך דאָ אַזוינס? דאָ מוז אודאי עפּיס זיין... צי שטעקט דרינען נישט אפשר נאָר אַ כשוף, אַ קאָמעדיע? ווי באַל. אַז מענשען קענען אַ מאָל זיך פערוואַרפען אין אַ וואָלף, אין אַ וואָלקעלאַק, און אָננעהמען אַלערליי געשטאַלטען, וואָס דאָס איז דאָך אַ געוויסע זאַך, אַזוי קלאָר ווי דער טאָג, וואָרום איך האָב עס אַ סך מאָל געהערט דערצעהלען פון אַלטע יודען מיט גרויי־גרויע

— וואס, דאקטאר, נעכטען? וואס איז אזוינס געווען נעכטען?

— ער האט א קורצען זכרון! ווי הייסט, דו האסט פארגעסען, געטצעל? צוליב וועמען האב איך נעכטיגען קראנקען געהייסען שטעלען א דרייסיג פיאווקעס, צווישען אונז גערעדט, ער האט אזוי בעדארפט דיינע פיאווקעס, ווי איך מיט דיר. א נאס טיכעל צום קאפ וואלט גאנץ גענוג געווען. פע, מענסט זיך, כ'לעבען, שעמען, געטצעל! נאר צוליב דיר, וואָרהאפטיג, בין איך נעכטען געווען א קליין מענשעלע!...

— איהר, דאקטאר, זענט געווען נעכטען א קליין מענשעלע, ווי איהר זאגט, און איך בין געווען צוליב אייך א קליין מענשעלע תמיד, אי אייער־נעכטען, אי נעכטען, אי היינט. צווישען אונז גערעדט, האט דען דער היינטיגער חולה בעדארפט א דאקטאר? ער האט פראסט דעם קאטער. אויף מיר קוקענדיג נאר האט ער אייך גערופען און אצונד איז שוין דא א האפנונג, אז ער וועט אייך טאקי שוין בעדארפען אקעגען א פאר וואכען רופען און נאך צוויי מאל אין טאג. ניש'קשה, ער איז רייך, א חזיר, ער מעג קרענקען, ניש'קשה, א פאר וואכען...

— נו, נו, וואס זשע ווילסט דו, געטצי?

— פיאווקעס, דאקטאר! איך האב א סך פיאווקעס!...

— זיי רוהיג, געטצעל? דו וועסט איהם שטעלען פיאווקעס. שא! האסט דו נאר גוטע סחורה, געטצעל? דו ווייסט דאך, איך בין א מקפיד אין אזעלכע זאכען...

— עכט פרישע פיאווקעלעך, דאקטאר, גאט זאל מיר אזוי העלפען! איך אליין האב אויך פיינט יענעם צו נארען...

הע־הע! אזוי איז נאר די מעשה?! — האב איך געטראכט בײַ מיר אין הארץ, נאכדעם ווי איך האב געהערט אזא שמועס און די זאך א ביסעל בעסער צונומען, ליגענדיג בײַ נאכט אויף מיין געלעגער — א פנים, ווי איך הער דא און זעה, הייסט א קליין מענשעלע נישט פשוט זיין א קליי־נעטשקער, ווי איך, נארעלע, האב פריהער געמיינט. מען קען גאר זיין א גרויסער, אפילו א גאנץ גרויסער, און פארט א קליין מענשעלע, מען קען דערבײַ טאקי אפילו בלייבען א גרויסער, תמיד טאקי א גרויסער. איך בין מיך משער, אז א קליין מענשעלע הייסט גאר צאפען פרעמד בלוט און אויסנארען געלד... אט וואו דער הונד ליגט בעגראבען! איצט־א האב איך א ביסעל שוין אנגעהויבען רעכט צו פארשטעהן און קומען צום אמת'ן שכל. אט וואס הייסט רייבען זיך אין דער וועלט, צווישען לייט!





נאר וואס העלפט עס אבער, וואס איך וויים שוין פון דעם סוד, אז איך בין דאך נישט קיין דאקטאר, קיין רופא און קען נישט שטעלען קיין פיאווקעס, מוז זוכען עפּים אנדערע מיטעל. עפּים כמו אזוי ווי אזא וועג, נאר אויף אנ'אנדער אופן, עפּים צאפען און פארט נישט צאפען פשוט בלוט. דערצו מוז אודאי זיין נאך א סך אנדערע מיני תחבולות, וואס מען מוז זיי דערגעהן. דא האב איך שוין פשוט מעהר נישט וואס צו טאן. וואס־זשע טהוט מען ווייטער? הא! גיט מיר פלוצלים א קלאפּ אין קאפּ, אפשר איסר וואַרגער! כ'לעבען, מאך איך צו מיר אליין, דאס איז גאר נישט קרום. מען בעדארף זיך ארײַנדרעהען טאקי צו איסר וואַרגער, ווי איך בין א ייד צו איסר וואַרגער! דאס הארץ זאגט מיר עפּים: צו איהם, צו איסר וואַרגער! איסר וואַרגער איז דאך אויך א קליין מענשעלע און זעהר א גרויסער פארנעהם. הא?!...

אט אזעלכע געדאנקען האבען מיר זיך געדרעהט אין דעם קאפּ און מיך ניטט געלאזען שלאפען כמעט די גאנצע נאכט. יענע נאכט בין איך עלטער געווארען מיט עטליכע יאהר מעהר און געפיהלט אין מיר עפּים א פארענדערונג. אויף מארגען האב איך נישט געמאכט לאנג שיהות, אויפגעזוכט מיין בעקאנטען מעקלער, איהם צוגעזאגט נאך א בעסער מעקלערית ווי פריהער און נאך אין עטליכע טעג ארום האט ער מיך ארײַנגעשלייערט צו איסר וואַרגער.

שטעה אויף, די מיר פארקיטעל, בעני. איך צום ערשטען מנין נעה איך, חאפען א קדושה, פון דער שוהל, בעני, נעה איך אויפ׳ן היילינען ארט איך, יאהרצייט האב היינט איך. אויפ׳ן פריפעטשיק צונעשטעלט א טעפעל קאליש האב איך, גיב דא אכטונג צום טעפעל קאליש. פטר ארויס די מאמע און לעג מיך. דרעמעל איך, הארך איך — פיק, פיק, פיק. דער האהן מיט די היהנער, אין דר׳ערד אריין, שטעהען פיקען א ריפטעל ברויט, נעשמאק אויפ׳ן טיש פיקען זיי. א־קיש! שריי איך. א־קיש דיר היינט, א־קיש דיר מארגען, וואס וויסען היהנער? פיקען טאקי אלץ. בעדארף, גראד, א, אין דר׳ערד אריין, לינען א הילצערנער לעפעל, א פליישינער, חאפ דעם לעפעל, לאז מיך צו די היהנער. הארך איך, לויפט אויפ׳ן פריפעטשיק, מיינער חאפט שטעקט אריין, ניט היהנער אריין, דעם פליישינען לעפעל אין דעם מילכינען טעפעל אריין,. און מאכט אן א שאלה! דער לעפעל פליישיג, רבי, וואס־דען? פון דער־ניי דאך נים נעקארבט מיט דריי קארבען, ווי א יודיש מילכיג לעפעל. פליישינס דערמיט, ווי איך בין א יוד! נים נענעסען. אסור חזיר! לאמיך אזוי בעהיט ווערען פון קריינק! דאס טעפעל מילכיג, עס שטעהט דאך תמיד פונ׳ם פריפעטשיק אויף דער מילכינער באנק. זינט מיין ציג מיר נע׳פגר׳ט, איז אוים מיר מילך, א פיג מיר מילך!... היינט, רבי, פסק׳ענט מיר א שאלה!

— עפים א גרוים טעפעל? — פרעגט דער רב.

— גרעסער פון מיין קאפ — ענטפערט בעני — אפשר אקענען אנ׳עמער, איך זויף מיך דערמיט אן פול ווי א פעסעל און ארבייט אוועק דעם גאנצען טאג אהן א פאפאם.

— כשר! — פסק׳עט דער רב.

בעני נעהט ארוים און א ווייבעל לויפט אריין מיט א יאמער, א קלאג:

— רבי, איך האב שוין מעהר קיין כח נישט אויסצוהאלטען! איהר האט אודאי זעהר גוט נעמיינט, רבי׳ניו, וואס איהר האט צווישען אונז נעמאכט א לעבען, נישט צונעלאזט קיין גט, נאר אזא לעבען אויף אלע מיינע שונאים נעזאגט נעווארען. אייערע טייערע ווערטער זענען צו איהם אזוי פיעל צונעשטאנען ווי אנ׳ארבעס צו דער וואנד. ער הערט דען א וועלט, ער טהוט זיך טאקי זיינס און מאכט מיר אלץ דעם טויט. איך שווארץ דאס פנים, ליי, בארג, קויף־אן ייפ׳ן מארק אייער הינער,

—

יד

— נאר איין וארט, רבי, ניש׳קשה!... הא, וואס, זאל איך?

— לאזט זיך אין דער מיט לייענען הערען אונטער דער טיר עפים א גראב קול און באלד טאקי, נישט ווארטענדיג אויף קיין ענטפער, רוקט זיך אריין אין שטיבעל א געשפיקעוועטער יוד מיט א פערוואקסען פנים, אהן א קאפאטע, נאר אין א פערלאטעט לייבעל, פון וועלכען עס קוקען ארויס שטיקלעך פערשמירטע ציצית, וואס באמבלען זיך אויף די קניע, און אין גראבע תחתונים, מחילה, מיט גרויסע מגושם׳דיגע שטיוועל, אויף וועלכע ס׳איז געלעגען אפשר א פוד בלאטע נאך פון פאר א יאהרען און וואס האבען פון זיך ארויסגעגעבען א שטארקען ריח עפים פון שוויס אינאיינעם מיט דיאד.

— א, בעני! — זאגט דער רב, א קוק געבענדיג אויף דעם דאזיגען פארשוין — וואס וועסט דו עפים זאגען, בעני?

— וואס זאל איך זאגען? — ענטפערט בעני, א קראץ געבענדיג זיך אין דער פאטיליצע — עס, נארנישט, זאג איך. געלד פאר׳ן חודש האב איך שוין ביי דער רבי׳צין אבגענומען. וואסער נאך נעכטען ביי נאכט די אלע זעקס מאל אבגעגעבען. האב נעכטען די גאנצע נאכט האב איך געהאט דאס פיהרעניש. רב יצחק אברהם׳ס שטארב האט מיך, ניש׳קשה, גוט אבגעפיהרט, די שענע מיינע „בולי־בתים", נעבען איהם אין שכנות, האבען דאס וואסער אויסגעגאסען, געבליבען די בולי־בתים אהן וואסער, נו נישטא וואסער, נישטא מיט וואס צו קאכען. ווער שולדיג? דער וואסערפיהרער, איך שולדיג. יענעם גלוסט זיך שטארבען, נו, מילא? ניין! געהט עס אויס צו וועמען? צום וואסערפיהרער, צו זיין קאפ. געה פיהר זיי, א אין דר׳ערד אריין! פיהר זיי וואסער. די גאנצע נאכט נים געשלאפען. א קעגען טאג אז צוגעמאכט אנ׳אויג האב איך, קומט וועקט די מאמע, זאל לעבען, מיך וועקט מיך: בעני, בעני!

האָב מ'איז עפּיס צו פּערדינען, אַבי צו דערהאַלטען די נשמה פון די הונגעריגע, אָבגעריסענע, אָבגעשליסענע קינדערלעך, און ער... ער הייסט נישט מעהר ווי די חסיד'אַרניע, וואו ער פערברייגגט די גאַנצע טעג מיט זיינע לייט אונטער'ן אויווען, טרינקען, שמועסען, דערציהלען מעשיות און קומט ער אַהיים, מוז איהם אַלצדינג זיין. ער זאָל עס חאָטש אַ קוק טאָן אויף די קינדער, פרעגען האָטש פון יוצא וועגען, וואָס זיי מאַכען. זיי געהען איהם כלל נישט אָן, ווי זיי וואָלטען געווען פרעמדע. צו מיר רעדט ער נישט קיין גוט וואָרט, גלייך ווי איך וואָלט געווען צו איהם פערקויפט, זיינס אַ דינסט, וואָס איך בין נישט ווערטה צו וואַשען איהם די פיס און טרינקען דאָס וואַסער. איך הער נישט מעהר פון איהם אַלץ: שטיאָ! טפּוש'טע! שפלה! אונטער עפּיס אַ יום-טוב פאָהרט ער זיך אַוועק צו זיין רבי'ן, נעהמט ביי מיר צו דאָס לעצטע און ליגט דאָרט אָב אַ צייט מיט זיין קאָמפּאַניע, אַזעלכע ווי ער. עס זאָל עס איהם אָנהויבען אַרען אַ היים, אַ ווייב מיט קינדער, וואָס זענען זשעדנע אַ שטיקעל ברויט און קומען נעבעך אָב. לאָמיך אַ מאָל אַקעגען דעם זיך אָנרופען מיט עפּיס אַ וואָרט, סטראַשעט ער מיך, ער מוז מיך גאָר אַוועקוואַרפען, מיך מאַכען פאַר אַ וויסטע עגונה, און ווייזען מיר, ווער עלטער איז, וואָס אַ יודענע איז אַזוינס. אַ יודענע, זאָגט ער, איז אַ גאָרנישט מיט אַ נישט! היינט אין דער פריה קומט ער פון'ם קלייזעל, אין שטוב איז קאַלט, חאָטש וועלף צו טרייבען, שוין מעהר פון צוויי טעג אַז קיין רויך פון מיין קוימען איז נישט געגאַנגען. די קינדער ציטערען, צאַפּלען און בעטען עסען. דאָס קליינע קינד אין וויעג איז שוין הייזעריג שרייענדיג, וויל נעבעך זייגען און ביי מיר איז נישטאָ קיין קאַפּ מילך. פון וואַנען זאָל עס זיך נעהמען, אַז איך דאַרב און צוויי טעג איז אין מיין מויל קיין לעפעל געקעכטס נישט געקומען. שטיאָ! מאַכט ער מיט אַ גרינג געמיטה, לעג מיר אַריין אין קלומעקעל אַ העמד מיט דער שבת'דיגער קאַפּאָטע. איך האָב פערשטאַנען, אַז ער קלייבט זיך פאָהרען „אַהין“ מיט זיין כנופיא, עס נעהמט דאָך אַ חנוכה. דאָס האַרץ איז מיר געווען זעהר פערביטערט, נעהם איך און רוף מיך אָן: גזלן איינער! וואָס טראַכסט-דו זיך? קוק חאָטש אָן דיינע קינדער, ווי זיי דאַרבען, ליידען, און דו האָסט אין זינען פּוסטע נאַרישע זאַכען! מילא דאָס ווייב, זאָגסט-דו, איז אַ גאָרנישט, אַ שטיאָ, אַ יודענע, אַ צווינ, אָבער די קינדער, גוואַלד דיינע קינדער!... ווי איך האָב עס איהם נאָר אויסגערעדט, אַז ער פאַלט עס אויף מיר אָן מיט אַ כעס, מיט אַ געפּילדער: אַזוי, שטיאָ! דו ווערסט עס מיך אַזוי זודלען





און אָנרופען נאַרישקייטען אַזעלכע הויכע זאַכען, וואָס זענען נישט פאַר דיין ווייבערשען מח!... אַזוי, דו שפלה איינע! נו היינטיגס מאָל איז אַנ'עק, איך מוז דיך אויף אייביג, טאַקי אויף אייביג אַוועקוואַרפען, אַז דו זאָלסט בלייבען אַ וויסטע עגונה. ניש'קשה, איך בין אַ מאַנסביל, און דיך, שפלה, מוז איך אָנלערנען, דו זאָלסט וויסען, וואָס איז אַזוינס אַ יודענע... ער האָט זיך נישט געקיהלט מיט די רעד און מיך נאָך אָנגעהויבען צו קנייפּען. נאַט, זעהט, זייט מוחל, ווי ער האָט מיר צוקנייפּען די הענד, ברויז און בלוי מיר געמאַכט דאָס לייב! גוואַלד, רבי, ראַטעוועט מיך! לאָז ער מיר געבען גט. איך האָב שוין מעהר קיין כח נישט אויסצוהאַלטען!...

— געה שוין, געה אַהיים! — זאָגט דער רב מיט אַ וויינער ציטערדיגער שטימע און די אויגען בעפּייכטען זיך איהם פאַר רחמנות — איך וועל נאָך היינט שיקען דעם שמש, ער זאָל איהם צו מיר ברענגען.

קוים איז דאָס ווייבעל אַרויס, קומט די שמש'טע אַריין, שאַרענדיג מיט די פאַנטעפעלעך, אָנגעטאָן די ז׳פּע אויף איין אַרבעל, מיט אַ ליילעך אונטער'ן אָרם.

— נאָט העלף! — מאַכט זי צום רב מיט אַ פרום פּנים'ל, נאָכדעם ווי זי האָט פריהער מיט דער האַנד אַ שמיר געטאָן די מזוזה און אַ קוש געגעבען די פינגער — איך האָב געוואָלט אויף אַ רגע מטריח זיין דעם רבי'ן, מאריך ימים זאָל ער זיין, מיט אַ „שאלת נשים“. נאַט אייך, רבי, זייט מוחל, דעם ליילעך.

אַז דער רב האָט זיך אָבגעפאַרטיגט מיט דעם ליילעך, איז ער צוגעגאַנגען צום טיש און אָנגעהייבען ווייטער לייענען:

# טו

איסר וואַרגער איז געווען איינער פון די אָרנעהמסטע בעלי-הבתים אין צבוע'טשיץ, אַלע האָבען פאַר איהם געהאַט דאָס נײַנ-יאָהריגע קרחת און עס האָט מיט איטליכען געזאָרפען, אַז ער האָט אַרויסגערעדט אַ וואָרט. וואָס טײַטש איסר, עפּיס אַ קלײניגקײט איסר! איסר אַלײן האָט נישט געהאַנדעלט, נישט אַרײנגעטאָן קײן האַנד אין קאַלטע וואַסער, און פון דעסטוועגען האָט בײַ איהם אין שטוב תמיד געקאָכט ווי אין אַ קעסעל, דער אַרײַן, יענער אַרויס, קינד און קײט אַלע בײַ רב איסר'ן. מײנט איהר אפשר, איסר איז געווען אַ גרויסער למדן, אַ גרויסער יחסן? — חלילה! אַפילו נישט קײן קלײנער. ער האָט קוים-קוים געקענט דאַווענען און איז געווען, ווי מען זאָגט, „המכּה בּעברתי", דאָס הײסט, שטומפּיג אויף דער עברי. פון דעסטוועגען האָט ער גיזהאָט אַ טלית-און תפילין-זאַק וועהר אַ גרויסען, זעהר אַ גראָבען פון עטליכע בּני-פקועה'לעך, אַרומגעליאַמעוועט מיט רויטע קרײקעס. דאָרט אינוועניג האָט זיך געפונען אַי אַ סידור „דרך החיים" מיט אַלע נויטיגע דינים, אַי אַ תהילים מיט מעמדות, אַי אַ „חוק'ל" און אַ „שערי ציון". אַ האַנד צום שרײַבען האָט ער געהאַט זעהר אַ שווערע, די-פען האָט, ווי אויף צו להכעיס, בשום אופן נישט געוואָלט בײַ איהם געהן אין זײַנע שליחות: ער האָט זי געשטופּט אַ הין און זי איז נאָר פערקראָכען קײן בּויבעריק, זי האָט געשפּריצט, געמאַכט קלעקען, געקריצט, געדרינגעט און זיך געשמעלט דיבּאָם. עס האָט איהם נעבּעך געגונג מיה געקאָסט איטליכס געשריבען וואָרט, און אײדער ער האָט בײַ איהר אַרויסבּעקומען שוואַרץ אויף ווײס זײַן חתימה „איסר" זענען איהם די אויגען פונ'ם קאָפּ שיער ניט'ז אַרויסגעקראָכען און איז פּשוט אָבּגעגאַנגען מיט שווײס. ער פלעגט דערנאָך זיך ווישען דעם שטערען מיט דעם אַרבּעל פונ'ם העמד אָדער פון דער קאַפּאָטע און סאָפּען, גלײַך ווי ער וואָלט געהאַקט האָלץ. די מעלה אָבער קען מען אויף איהם יאָ זאָגען, אַז אין דעם אויסלעגען איז





ער נישט געוועזען, ווי אַנדערע, אַ שטאַרקער מחמיר, אײן אות האָט בײַ איהם נישט געשפּילט אַזאַ חיכטיגע ראָלע. שטעה פאָרענט צי היגטען, אָדער שטעה אַפילו גאָר ניט, מאַכט אויך נישט אַזוי אויס, מען וועט זיך אָנשטויסען, ניש'קשה. און ווען ער פלעגט דרינגען אַ מאָל עפּיס מסופּק זײַן, דאָ איז איהם די פען דוקא בײַגעשטאַנען אין די נויטען. זי פלעגט זיך טאָן אַ יאָג, מאַכען אַ צוק מיט אַ קלעק און דערמיט האָט ער שוין געקענט יוצא זײַן לכל הדעות. פון זײַנע אַלע זאַכען שטעל איך דאָ אײַך אַרויס זײַן „ווײהאַכ" מיט זיבען גרײזען און זײַן עברי-זעצען אין דער הגדה: „תרח אבי, אַברהם ואבי, נחור ויעבדו". העלבּעס דערפון וועט אײַך בּעסער געפעלען, ווײס איך נישט, מיר אָבער זענען בּײדע גלײַך זעהר געפעלען.

מילא דאָס האָט איהר איסר'ס לומדות, און וואָס אָנבּעלאַנגט זײַן יחוס, איז נישט געווען מיט וואָס זיך איבּערצונעהמען. ער האָט נישט געשטאַמט פון דער גילדענער פּאָהן און האָט אין דער יוגענד קײן פלעצלעך מיט פוטער נישט געגעסען. דער אמת טאַקי איז, אַזוי ווי איך בּין עס שפּעטער דערגאַנגען — ער איז געווען אַ קלײן מענשעלע און דערמיט האָט ער אַ ים בּעסער געמאַכט ווי אַנ'אַנדערער מיט זײַן תורה אָדער מיט זײַן סחורה. בײַ דעם צבוע'טשער גביר איז ער בּאמת טאַקי געווען גאָר די נשמה, נאָר עפּיס—איסר, הכּלל, איסר, איסר, נאָר איסר! איסר איז געווען זײַן נשמה, זײַן פּוס, זײַן האַנד, זײַן אַלץ מיט אַנאַנדער, און דורכדעם מטילא אַ גרויסער חשוב דער גאַנצער כּל-ולך אין דער שטאָדט.

אָט פון דעם רב איסר'ן האָב איך אַ סך זאַכען מיך אויסגעלערנט. ער, טאַקי נאָר ער, איז מײַן אמת'ער רבּי. ער האָט מיר געעפענט די אויגען; ער האָט מיר אין דעם מויל אַ פינגער אַרײנגעלעגט און מיר געגעבען צו פאַרשטעהן זעהר פיעל זאַכען, וואָס געהען אין דער וועלט פאָר, מיר פאַרענטפערט האַרבּע קשיות, דערקלערט גוזמות, רעמעזישען בײַ אונז אין דער פיהרונג; ער האָט מיך געשטעלט אויף אַ שטײגער, מיך אויסגעריבען, אויסגעשליפען און געמאַכט פון מיר אַ כּלי. קורץ, ער האָט מיר געוויזען אַ וועג און ענטפּלעקט דעם סוד, ווי צו ווערען אַ קלײן מענשעלע.

דאָס לײענען ווערט דאָ ווידער איבּערגעריסען. די רבּי'צען קומט אַרײַן, האַלטענדיג אין אײן רעדען, און מהוט זיך אַ שטעל גלײַך אַקעגען דעם ו"ב.

— נישט אויסצוהאַלטען — זאָגט זי עפּיס חי אַביסעל בּייזליך — אַ פולע שטוב, אָהן עין־הרע, אַלע: וואו איז דער רב? דער רב, זאָג איך, איז אַצונד פערנומען. עס העלפט נישט. צום רב! ווער איז דען דאָרט נישטאָ? די נעכטיגע צוויי יודען פון דער דין־תורה — דאָ! דער בּעדער — דאָ! פעררייבּט איהם שטאַרק ניט, שרייט ער, די באָד, הייצט ער מעהר ניט, איז אויס שכירות דעם רב. די קצבים מיט אַ נייעם לונג־און־לעבּער — אויך דאָ! דער משולח פון רב מאיר בעל־הנס, דער פון ישיבה, יענער פון די נשרפים און די עגונה מיט די דריי קינדערלעך — אַלע אַלע דאָ! עס העלפט נישט קיין רעד, דער רב אַליין מוז צו זיי אַרויסגעהן. איך וויל מיך אפילו זיי מעהר נישט ווייזען.

דער רב הייבּט זיך אויף פוג'ם אָרט, בּעטענדיג דעם עולם, מוחל זיין אַ ווײלע, אויף איהם וואַרטען.

— אַ, רב מענדעלי! וואָס מאַכט איהר גוטס? — ווענדעט זיך צו מיר די רבּי'צען, נאָכדעם אַז דער רב איז אַרויסגעגאַנגען — שוין אַ לאַנ־גע צייט טאַקי, רב מענדעלי, זענט איהר הי בּיי אונז נישט געווען. האָט איהר אונז, ווייבּער, עפּיס געבּראַכט נייע ספרים?

— פאַר ווייבּער ספרים! — טהוט אַ שמייכעל איינער פון די נגידים, וואָס מיט אַ פערקרימטע עסיג־זויערע צורה.

— די מאַנסבּילען מיינען, אַז נאָר פון זייערט־וועגען בּעדאַרף מען דרוקען ספרים — רופט זיך אָן מיט פערדראָס די רבּי'צען — אַלצדינג פון זייערט־וועגען. ווייבּער האָבּען גאָר קיין נשמה נישט, זענען גאָר קיין מענשען נישט און בּעדאַרפען אויף דער וועלט קיין זאַך ניט האָבּען. גע־נוג פאַר זיי אַז דאָס וואָס זיי לעבּען, וואָס זיי טראָגען, וואָס זיי האָבּען קינדער און האָדעווען זיי, וואָס זיי קאָכען וואַרמעס, היטען־אָב די מאַ־נען און ווערען פערשוואַרצט.

— געלויבּט איז דער אויבּערשטער, וואָס מען זעהט זיך געזונט — ענטפער איך — ניש'קשה, רבּי'צען, איך האָבּ אין אײך נישט פאַר־געסען. איך האָבּ אײך געבּראַכט אַ „תחינת ארץ ישראל“, נאָר אַ שפּאָ־געל־נייע. זעהט איהר, רבּי'צען קרוין, איהר בּעשולדיגט אומזיסט די מאַנספאַרשוינען, מען האָט אײך, כ'לעבּען, אויך אין זינען. קומט, זייט מוחל, און בּעטראַכט די תחינות, וואָס מען מאַכט פאַר אײך אָן. וואָס ווילט איהר האָבּען? מיר דאַכט זיך, מען האָט שוין גענוג, איבּערגענוג אײך, ווייבּער, אָנגעמאַכט... נישט דאָס בּין איך אויסען.





— איי־אַיי, רבּי'צען! — כאַפּט זיך אָן אַ נגיד מיט אַ זים שמייכע־לע — איהר ווילט, כ'לעבּען, מאַכען אַ מרידה אונטער די ווייבּער! הע־רענדיג אײך, וועלען דאָך אונזערע ווייבּער פערדרייסען די נעז, אָנהייבּען פאָדערן עפּיס נאָר נייע זאַכען און אונז נאָך חלילה וועלען גבּ'ן! נאָר איך פרעג אײך, רבּי'צען, אַז ס'איז שוין יאָ געקומען צו רעד, זאָגט־זשע, זאָלט איהר מיר געזונד זיין, פאַר וואָס־זשע האָט פאַרט שלמה המלך אָנגעשריבען, אַז אפילו אונטער טויזענט ווייבּער האָט ער נים גע־פונען אי איינע אַ רעכטע?

— טאַקי דריבּער האָט ער נישט געפונען — איז די רבּי'צען אַרויס מיט אַ תירוץ — ווייל ער האָט געהאַט, מחילה, טויזענט ווייבּער. מאַנס־בּילען, וואָס זוכען צו האָבּען אַ סך ווייבּער, קענען טאַקי איינע אַ רעכטע אויך נישט האָבּען. זאָגט מיר, איהר וואָלט אויף זייער שטעלע בּעסער געווען, מאַנסבּילען?...

— נאָר פאַר וואָס אָבער — האָט נאָך איינער זיך אָנגערופען — שטעהט אין אונזערע ספרים, אַז די גאַנצע חכמה פון אַ אשה בּעשטעהט אינגאַנצען נאָר אין דעם שפּינדעל?

— ס'איז דעריבּער — ענטפערט די רבּי'צען — ווייל דאָס האָט אָנגעשריבּען אַ מאַנסבּיל. אודאי זענט איהר די חכמים, אַז איהר, מאַנס־בּילען, געוועלטיגט און האַלט די ווייבּער געבּעך אין אייערע הענד! דער שטאַרקער בּלייבּט תמיד דער קלוגער, דער גערעכטער, ווי זאָגט מען עפּיס: דער מלאך־המות שעכט און בּלייבּט גערעכט. נאָר ווערטלעך אין דער זייט. איך פרעג אײך נישט מעהר, ווי קענט איהר אונז אָבּ'פּסק'ענען אַזעלכעס, וואָס מיר חיסען און וואָס מיר זעהען מיט אונזערע אויגען, אַז ס'איז נישט אַזוי! ווענייג ווייבּער נביאות אי חכמות זענען בּיי אונז יודען געווען אַ מאָל אין די אַלטע צייטען, און ווענייג ווייבּער הכמות, בּריות, זענען דאָ בּיי אונז אויך היינטיגע צייטען, וואָס שטעהען אַ סך העכער פון אַנדערע מאַנסבּילען? מיר דאַכט זיך, אַז טאַקי דאָ, בּיי אונז, אין דער שטאָדט, קען מען אויפצעהלען פיעל ווייבּער, וואָס נאָר זייער בּריה'שקייט און חכמה אַליין האָבּען די מאַנען צופערדאַנקען אַלצדינג, זייער כּבוד אי זייער עשירות. ווען נישט די ווייבּער זייערע, וואָלט פון זיי גאָרנישט גע־וואָרען. פונדעסטוועגען זאָל אויסקומען אַ מאָל עפּיס בּיי אַ שטאָדט־זאַך אָדער בּיי עפּיס אין אַנדערן וויכטיגען ענין, ווייסט מען נישט מעהר ווי די ראָזינע בּעלי־הבּתים, וואָס טויגען נישט, מחילה, אַ קאָץ אַנ'עק צו־

בינדען. ווייבער זענען פאררעכענט ווי גארנישט, די דעה האבען נאר בעלי־הבתים. אלץ בעלי־הבתים, אויף אסיפות — בעלי־הבתים, אין שיהל — בעלי־הבתים, אפילו אין מרחץ אריין, מחילה, רופט מען אויך נאר בעלי־הבתים — בעלי־הבתים אין באד אריין!...

— עפּיס זענט איהר מיר היינט, רבי'צען, זעהר אויפגעבראכט — האט דער נגיד ווייטער זיך אנגערופען — עפּיס רעדט איהר מיט פערדראס, ס'איז אייך, א פּנים, עפּיס נישט גוט אויפ'ן הארצען און איהר לאזט אויס אייער כעס צו די מאנסבילען, נעבעך!

— וואס זאל איך טאן? — ענטפערט די רבי'צען מיט א זיפץ טיעף פונ'ם הארצען — אז ווען עס קומט צו רעד פון אונז, ווייבער, און איך בעטראכט אונזער פינסטערע, ביטערע לאגע, קאכט זיך טאקי אין מיר איבער דאס בלוט.

— נאט, רבי'צען! — חאפּ איך מיך אונטער און גיב דער רבי'צען א תחינה, וועלכע איך האב ארויסדערטאפּט פונ'ם פּעקעל — איך ווייס, אז די תחינה איז פאר אייך גוט. פאר אייך, רבי'צען, איז טאקי, כ'לעבען, גוט די תחינה...

— אמת טאקי, רב מענדעלי! האט די רבי'צען זיך אנגערופען צושאקלענדיג מיט'ן קאפּ — פאר אונז, בידנע ווייבער, איז טאקי נאר גוט תחינות, איין איינציגע רפואה צו הערצער פול מיט מכות, מיט וואונדען; איין־איינציג מיטעל אויסצוויינען זיך חאטש א מאל און אויסצוגיסען דאס שווער ביטער געמיטה אין הייסע ווארמע קוואלען טרעהרען... ס'איז נאר א וועהטיג, א צוזעצעניש, ווי די מאנסבילען, וואס פארשטעהען נישט און ווילען גאר נישט פארשטעהן אונזער הארץ, ווי זיי לאכען, שפּאטען פון די ווייבערשע תחינות און פערגינען אונז נישט אויך די דאזיגע איינציגע רפואה. זיי זאלען זיצען א מאל אין דער ווייבערשער שוהל, א שבת אדער א יום־טוב, און צוזעהן דארט ווי א סך אומגליקליכע ווייבער, וואס האבען זיך קוים ארויסגעריסען פון דער היים: די מיט א פינסטערע דאליע פון איהר מאן, יענע א וויסטע עגונה, איינע מיט א שווער טראגען, די אנדערע מיט א פערביטערט געמיטה פון איהר'ס א זייגענדיגס, קראנק קינד, וואס לאזט זי דורך די נעכט נישט שלאפען און פערמאטערט זי נעבעך, די מיט געשוואלענע, אבגעבריהטע הענד פונ'ם שטעהען בים אויבען און יענע מיט א פערזארגט, אויסגעבלייכט פּנים פון





דער שווערער פאנשטשיגע, פונ'ם שטענדיגען געהן אין יאך, — ווי די דאזיגע אלע פעראומערטע דערשלאגענע נעבעך שטעהען ארום דער זאגערין דארט, יאמערען, קלאגען מיט אויפגעהויבענע אויגען צום בארמהערצדיגען, געטרייען פאטער אין הימעל, בעוואשען זיך מיט טרעהרען און וויינען פון זיך ארויס די נשמה — ווען זיי, די מאנסבילען זאלען עס בעטראכטען און צוזעהן מיט זייערע אייגענע אויגען, וואלט, כ'לעבען, זיי זיך נישט געעפענט דאס מויל צו שפּעטען פון די ווייבערשע תחינות...

א דאנק אייך, רב מענדעלי! וואס איהר האט אין מיר נישט פארגעסען, איך וועל אייך באלד אריינשיקען פאר דער תחינה — אזוי האט די רבי'צען א זאג געטאן צום סוף, ווענדענדיג זיך צו מיר, און איז שטילערהייט ארויסגעגאנגען

אלע מענשען אין דעם שטיבעל זענען געבליבען שטיל, ווי דאס לשון האט זיי אבגענומען. די רבי'צען מיט איהרע רעד האט אויף מיר אנגעווארפען עפּיס א מרה שחורה. איך בין מיר געזעסען אומעטיג אין א ווינקעל און צוקייט דער רבי'צענס איטליכס ווארט. איהרע ווערטער זענען געווען אנגעזאפּט ווי א שוואם מיט שארפע, ביטערע געפיהלען, האבען מיך געשטאכען, געצופּט און אנגעהאפּט בים הארץ, וואס מעהר איך האב זיי צוקייעט. מיר איז דערנסטמאל געווען צו מוטה עפּיס גלייך ווי מען וואלט פאר מיינע אויגען געפּאלמעסט א לעבעדיגען מענשען, ארויסגענומען דאס ווארמע, נאך צאפּלענדיגע הארץ, עס געעפענט, געשניטען אריינצוקוקען און זעהן אלצדינג, וואס דארט אינוועניג געהט־פאר. איך בין זיך מורה, דאס ערשטע מאל אין מיין לעבען איז מיר אויסגעקומען, ערנסט צו בעטראכטען די שפל'ע לאגע פון די ווייבער, צו פארשטעהן זייער הארץ, און צו האבען אויף זיי רחמנות. עפּיס נאר טאקי אזוי, רעכען איך, טוט זיך פיהלען א גוי, א נוטער נעלערענטער גוי, אז ער הייבט אן צו בעטראכטען די לאגע פון יודען, צו שעצען זייער ווערטה און זיי צו בעדויערן פאר די צרות, וואס זיי, שלאפינקע, שטעהען־אויס פון די אומות־העולם — די שטארקע בעלי־הבתים זייערע...

דער עולם אין שטיבעל הייבט זיך אן צו ריהרען און איך שלאג מיך ארויס פון די געדאנקען.

— וואס זיפצט איהר אזוי, רב חנא? — האט אין נגיד זיך אנגערופען און אליין אויך עפּיס ווי א קרעכץ געטאן.

— עט, רב בעריש — האט רב חנא געמאכט מיט א קנייטשעל — איך ווייס, כ'לעבען, נישט, וואס יצחק-אברהם וויל האבען מיט זיין מעשה. עפּיס קומט דא פאר אזעלכע ווערטער, וואס פּאסען כּלל נישט פאר איהם. וואס זאגט איהר, רב בעריש, צו די שטעכווערטלעך? איהר זענט א מבין, וואוהין זיי דערלאנגען? ווער ווייסט ביז וואנען דאס לייענען וועט נאך געדויערן. איך האב היינט אסור נישט קיין צייט. איך זיץ דא ווי אויף שפּילקעס.

— איך זיץ אויך, כ'לעבען, ווי אויף שפּילקעס — האט רב בעריש געענטפערט — אויב איך בין א מבין, רב חנא!... פּע, פּע! איך וואלט מיך אזוינס פון יצחק אברהם'ן קיינמאל נישט געריכט! ער איז, דאכט זיך, נישט געוועהן קיין נארישער מענש און פערשטאנען אנ'עסק... אפשר וואלט א סברה געוועהן, מיר זאלען איצט טאקי אוועקגעהן. מיר וועלען דאך בעשעפּטיגטע מענשען. אט, כ'לעבען, פּאלגט מיך, לאמיר אוועקגעהן.

— חלילה, חלילה! — האבען זיך עטליכע נגידים אנגערופען — עס וועט אויסזעהן, אז מיר האבען זיך געפונען געטראפען. אדרבה, דוקא זיצען אויסהערען ביז אין סוף אריין. דאס בעסטע איז זיך נישט-וויסענדיג מאכען.

רב חנא האט ווייטער א זיפץ געטאן און רב בעריש האט מיט דער האנד זיך אנגענומען ביי דער נאז און געברומט עפּיס אונטער זיך, ווי איינער, וואס איז שטארק ברוגז.

— א, גוט מארגען, גוט מארגען! — זאגט רב פייבוש אריינקומענדיג אין שטיבעל זעהר פרעהליך, בגלופין, און דאס פּנים פלאמט איהם, ווי ביי איינעם, וואס איז אביסעל פארלעקט — איך בין ביז איצט טרוד געוועהן און נישט געקענט מיך אויסרייסען אהער. וואס איז די מעשה? — האט ער געמאכט א קוק נעבענדיג אויף די נגידים — וואס זיצט איהר עפּיס אזוי אומעטיג?

וואס איז די מעשה, רבי פייבוש, וואס איהר זענט אזוי פרעהליך? — פרעגען איהם די נגידים. כלומר'שט פארשטעהען זיי נים, וואס איז די מעשה, אז ער האט אין חברה-קדישא געחאפּט א לעק.

— כען האט שוין, א פּנים, דערוויל אבגעליינט אהן מיר — זאגט





רב פייבוש — א שאד, כ'לעבען, וואס איך האב נישט געהערט. עס האט געמוזט זיין זעהר שען.

— אזא יאהר זאלט איהר האבען — ברומט רב בעריש שטיל אונטער דער נאז.

ניש'קשה, רב פייבוש, ס' איז פאר אייך, מיין איך, נאך אויך גענוג איבערגעבליבען — טרייסט איהם מיט א ביטער שמייכעלע איינער פון די נגידים, וואס מיט א פערקרימטע, עסיג-זויערע צורה.

— א, גוט מארגען, רבי! — זאגט רב פייבוש יום-טוב'דיג צום רב, וואס איז צוגעקומען צום טיש — זייט מיר מוחל, רבי, וואס איך האב מיך פארשפּעטיגט. ביז אצינד בין איך פערטראגען געוועהן אלץ וועגען יצחק אברהם'ן. חברה האט ערשט למזל זיך אויסגעגליכט וועגען דעם קבורה-געלד. בּיידע צדדים האבען אביסעל זיך איינגעשפּארט, פערעקשנ'ט. חברה איז אבער געוועהן גערעכט און האט טאקי אויסגעפיהרט. פון וועמען דען זאל חברה אבלעקען א ביינדעל, אז נישט פון אזא פעטען בר-מינן? — א שאד, כ'לעבען, רבי, וואס איהר האט דערווייל געלייענט און איך האב נישט געהערט. א-ווא, א-ווא! אזא מעשה, כ'לעבען, מעג מען הערען — מתוק מדבש! פשוט מחיה געוועהן האב איך מיך נעבטען הערענדיג זי פון אייער כשר'ן מויל. דער סוף מוז זיין נאר אנטיק. א שאד, כ'לעבען, אביסעל פערשפּעטיגט, א-ווא.

— אודאי, רב פייבוש — רופט זיך אן דער רב, זעצענדיג זיך אויף זיין שטול — אודאי האבען מיר דערוויל אהן אייך היבש אבגעלייענט, נאר ניש'קשה, ס'איז נאך געבליבען שירים. אט וועל איך מיך טאקי נעהמען לייענען ביז אין דעם סוף אריין.

## טז

דער רב האָט נישט געמאַכט לאַנג קיין שיחות און אָנגעהויבן ווייטער לייענען אַזוי:

בטבע איז איסר געווען אַ פערביסענער, זעהר אַ בעהאַלטענער מענש, מען האָט בײַ איהם קיינמאָל נישט געקענט וויסען דאָס מינדעסטע, וואָס ער דענקט און ווי מען האַלט מיט איהם. וואָס ער האָט געמיינט, האָט ער נישט גערעדט, און וואָס ער האָט גערעדט, האָט ער נישט געמיינט. אפילו דאָס ווייב זיינס האָט בײַ איהם גאָרנישט געוואוסט, ער האָט פון איהר און פון זיינע קינדער זיך געהאַלטען תמיד ווייט. אַלע אין שטוב האָבען פאַר איהם געהאַט דרך-ארץ — ער האָט נישט גערעדט, נישט גע'טענה'ט קיין סך און קוים האָט ער עפּיס אַרויסגערעדט אַ וואָרט, האָט עס געמוזט בעשאַפען ווערען, טאַקי גיך אין דער הייסער רגע. זיין פּנים איז שטענדיג, אין אַלע צייטען און אין אלע אומשטענדען, געווען אַלץ איינס: תמיד ערנסט און ווי עפּיס פערטראַכט. קיין הויך געלעכטער האָט מען פון איהם קיינמאָל נישט געהערט. זעלטען-זעלטען נאָר פלעגט ער מיט אַ פערמאַכט מויל מאַכען עפּיס אַ שמייכעל, נאָר דאָס וויערע שמייכעל איז אָבער געווען נישט מעהר ווי אַ ציה מיט איין זייט פון די דינע ליפען; דער איבעריגער טייל פּנים האָט דערפון אפילו נישט געהאַט קיין רמז דרמיזא, איז געבליבען אײַז קאַלט, די אויגען גלעזערנע, אַזוי ווי פריהער.

אַ גוטען ברודער אָבער האָט איסר געהאַט, און וועלכען ער האָט געקלעפּט מיט לייב און לעבען. מיט איהם איז ער שוין געווען בערעדעוודיג, זיך נישט פאַרשטעלט אויף קיין האָר. מיט איהם האָט ער ליעב געהאַט צו פערברענגען אָפט די צייט בײַ אַ גלעזעל ווײַן, און אַרײַנצולאָזען זיך אין אַ שמועס. מיט איהם איז איסר עפּיס ווי איבערגעהיפען געוואָרען און איז געווען נאָר ניט דער איסר. פאַר איהם איז געווע





זיין האַרץ אָפען אויף ביידע טויערען און ער, דער גוטער ברודער זיינער, האָט אַהין געקענט אַלע צייט פראַנק און פריי אַריינגעהן, איבערלייענען דאָרט און וויסען איסר'ס אַלע סודות. ווער שמועסט, אַז איסר איז נאָך געווען אַ קאַפּ פאַרלעקט, דענסטמאָל פלעגט ער שוין גאָר אַוועקנעהמען די האַנד פונ'ם האַרצען און וואָס אויף דער לונג דאָס אויף דער צונג. ער פלעגט געוועהנטליך מיט זיין גוטען ברודער זיך פערקלייבען צו זיך אין צימער, גאַנץ אָבגעזונדערט, אַוועקשמועסען און אויסרעדען זיך פריי דאָס האַרץ. פאַר מיר אָבער איז עס קיין סוד נישט געווען. איך האָב שוין לאַנג בעקומען די נאַטור, צו שטעהן אונטער דער טיר און זיך צוהערען צו דעם, וואָס מען רעדט

איך וויל דאַ אײַך איבערגעבען אַ מקצת פון איסר'ס שמועסען מיט זיין גוטען ברודער, צו וועלכע איך האָב מיך אונטערגעהערט, וואָס דאָס וועט אײַך אַביסעל חאָטש דערקלערען איסר'ס גאַנג, איסר'ס שטה אין דעם לעבען און איסר'ס בלוק אויף דער וועלט, און וועלכען איך האָב אייזענפעסט מיך געהאַלטען.

— הער נאָר אויס, גוטער ברודער! — האָט איסר וואַרנער זיך אָנגערופען איינמאָל, אַז ער איז געקומען מיט זיין גוטען ברודער עפּיס פרעהליך, אַביסעל פערקנאַקט, און מיט איהם זיך אַנידערגעזעצט בײַ זיך אין דעם בעזונדערען צימער. הער נאָר, דו, טפּש איינער! איך זאָג דיר, אַז אַזאַ טייער, אַזאַ גוט פאָלק, ווי יודען זענען, איז אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ. טאַקי זעהר אַ גוט פאָלק, אַ גאָלדענס, בנאמנות! מען קען פון זיי האָבען — אַ גראָשען...

— זאָג בעסער, איסר, אַ נאַריש פאָלק, ס'איז נאָך אַזעלכע נאַראָנים ווי יודען אויף דער גאַנצער וועלט גאָר נישטאָ!

— גערעכט, גוטער ברודער! וואָס אמת איז טאַקי אמת. ס'איז נאָך אַזאַ טייער, אַזאַ גוט, אַזאַ נוצליך, אַזאַ גאָלדען, אַזאַ נאַריש פאָלק ווי אונזערע אתה-בחרתנויקעס, גאָר נישטאָ, נישטאָ, נישטאָ!

— וואָס האָסט-דו עפּיס אַזוי זיך צורעדט, איסר, אין די שבחים פון כנסת-ישראל? גענוג גערעדט! דערצעהל נאָר בעסער, מיט וואָס האָט זיך אויסגעלאָזען דער סוף פון דער היינטיגער אסיפה?

— וואָס פאַר איין אסיפה?! וואָס פלוידערסט-דו מיר עפּיס, גוטער ברודער.

— רעד רבורים, איטו: וואָס הייסט, דו האָסט פאַרגעסען די אסיפה, היינטיגע אַסיפה מכּח דעם פלייש?

— ווייס איך פון וואָס דו רעדסט, טפּש איינער! אַ וויכטיגע זאַך אַביסעל די אסיפה! זי האָט געהאַט אַזאַ ממשות, מ'שטיינ'ס-געזאָגט, ווי אַלע אַנדערע זייערע אסיפות. חע-חע, יודישע אסיפות!... דו האָסט בעדאַרפט שטעהן דאָרט און זעהן עפּיס שענס. אַריינקומענדיג אהינצו, האָב איך געטראָפען אַ גערודער. דער עולם האָט געזושעט, געזושעט סכּנות, ווי די פליגען! איך האָב מיך מישב געווען, וואָס וועל איך דאָ מיך שטעלען אַ ים ברייען מיט דעם גאַנצען פּעקעל שוטים, און נישט לאַנג געטראַכט טהו איך אַ זאָג גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין: מה רעש, אַז מעהר מיט עטליכע גראָשען? ס'איז נאָך נישט גאָר אַזאַ אומגליק. גלויבט מיר, יודען, אַ סך אַ גרעסערער אומגליק קען זיין, אַז דער בעל-טאַקסע וועט אין כּעס ווערען און חלילה זיך וועלען אָבזאָגען! גלויבט מיר יודען, ס'איז אַזוי. — תּאמר מיינסט-דו, איך האָב געוואוסט, וואָס איך רעד, פאַר וואָס ס'איז אַזוי? אסור! נו, האָסט-דו בעדאַרפט זעהן, ווי עטליכע שענע בעלי-הבּתּים, וואָס האַלטען זיך פאַר קלוגע, געניטע מענשען, האָבען געמאַכט ערענסטע פּנים'לעך, זיך גענומען פאַר די בערדלעך און מיט אַ נאַריש קניטשעל זיך אָנגערופען: טאַקי אמת, ס'איז אַזוי. מען האָט גאָר נישט צו רעדען, אַזוי, ס'איז געוויס אַזוי... דער איבעריגער עולם האָט אקעגען דעם נישט געהאַט, וואָס צו ענטפערן, גלייך ווי אקעגען אַ געוויסער, שוין איין אויסגעמאַכטער זאַך, און זענען אַלע כּמעט ווי געבליבען עפּיס ווי דערוואָרגען. עמיצער זאָל עס זיך בערעכענען, האָטש זיך אַליין פרעגען: פאַר וואָס איז דאָס אַזוי? איינער נאָר, עפּיס אַ שיגעץ, אַ ממזר בן-הנדה, אויף וועלכען איך האָב שוין לאַנג אַנ'אויג, האָט נישט געוואָלט נאָכגעבען און אַלץ גע'טענה'ט: ס'איז גאָר נישט אַזאַ אומגליק, אדרבּה, אדרבּה... איז דען אַ בעל-טאַקסע מסיני? ניש'קשה, אָהן אַ בעל-טאַקסע קענען מענשען אויף דער וועלט אויך לעבען. נאָר די קלוגע, געניטע בעלי-הבּתּים, וואָס פאַרשטעהען אַנ'עסק, האָבען אויף איהם געקוקט, ווי אויף אַ יונגעל, נישט קיין געניטען מענשען, מיט וועמען ס'איז גאָר נישט כּדאי צו רעדען, און האָבען איהם אפילו נישט מזכּה געווען מיט אַ וואָרט. פונדעסטוועגען, הערסט-דו, וויל איך דעם דאָזיגען שיגעץ פערזאָרגען, דו וועסט מיר מוזען, גוטער ברודער, אויף איהם אָנשרייבען אַ שיר-המעלה, צולעגען איהם אַ גוט קניטעל, עס זאָל רייסען, גוט אָנרייסען... דו ווייסט דאָך, איך האָב דערצו אַ שווערע האַנד.





— דאָס, איסר, איז אַ שפּעטערדיגע זאַך. כּסתּמא וועט שוין זיין דערכּם. לאָמיך שוין נאָר דערלעבען הערען, מיט וואָס די אסיפה האָט היינט זיך אויסגעלאָזען.

— וואָס פאַרשטעהסט-דו דאָ נישט, טפּש איינער! ס'איז דען נאָך אַזאַ גוט, נאַלדען פאָלק ווי יודען ערגיץ דאָ? מען האָט אַלצדינג נאָכגעגעבען, אַרויפגעצויגען נאָך עטליכע גראָשען, מעהר נאָך, וויפיעל מיר האָבען אַליין זיך געוואונשען, און מען איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען שטאַרק צופרידען. איך בין, טפּש איינער, אודאי צופרידען...

— אודאי, איסר, מעגסט-דו צופרידען זיין, אָבער...

— וואָס אָבער? — טפּש איינער! וואָס אָבער? אָבער אַ רחמנות! ווילסט-דו אפשר זאָגען? האַ, אַ רחמנות אויף אַ שטאָדט אָרעמע לייט! געה שוין געה, נאַרעלע איינער, מיט דיין נאַרישען פּוסטען וואָרט רחמנות! רחמנות, זאָג איך דיר, האָבען אויסגעטראַכט נאָר שלאָפע, שלים'מזל'ניקעס, שאָף, וואָס וויל זיי פיהלען זייער שלאַפקייט, אַז זיי זענען טויגעניכטסען, אָהן כּח, אָהן בריה'שקייט צו דערלאַנגען זייער וואונש, צונעהמען אַלצדינג וואָס זיי פערלאַנגען; פיהלען, אַז זיי פעהלען אי נעגעל, אי צייהן, זיך צו ראַנגלען און וועהרען, — דעריבער האָבען זיי, אָט די שאָף, אויסגעטראַכט דאָס וואָרט רחמנות, עס גענומען פאַר אַ כּלי-זין, צו שרייען, מוסר'ן, בעטען רחמים, מאַכען רחמנות-פּנים'לעך, און מיינען דערמיט צו פועל'ן... ס'איז אָבער שווינדעל, גוטער ברודער, לויטער שווינדעל! מען פאַרשטעהט, ניש'קשה, אַזעלכע אָנשטעלען. מען פאַרשטעהט, פאַרשטעהט אַזאַ מוסר מיט אַזעלכע מוסר-זאָגער... איך בין שוין, ברודער, אַנ'אָנגעלערענטער, אַנ'אויסגעריכערט לולקעלע, אַ שטיקעל מבין, ברוך-השם, אין דעם סדר העולם, האָטשע נישט אַזאַ גרויסער למדן. מען ברויכט נאָר דערצו נישט קיין גרויסע לומדות, גענוג, כּ'לעבען, נאָר אַ גלייכען שכל, אַ שטיקעל תּפיסה, קען מען שוין תּופס זיין, אין וואָס די גאַנצע וועלט בעשטעהט. זי בעשטעהט פון צוויי צדדים: פון שטאַרקע און פון שלאַפע, פון וועלף, חיות רעות און פון שאָף, בהמות טהורות — די נעהמען און יענע גיבען דאָס הייטעל. אַנדערש קען עס גאָר נישט זיין. בייט איבער די יוצרות, וועט אויסקומען פונקט דאָס אייגענע. לאָז דער שלאַפער, אַ-שטייגער, נאָר בעקומען כּח, הע-הע! שווימט ער אַרויף פון אויבען, ווערט ער דער פּריץ און צופיהרט זיך די הענטלעך; לאָז דאָס שעפּעלע דערטאַפּען נעגעל און

ציהן, ... וועט עס שטארק קראַצען, שאַרפען די ציהן און אַראָבציהען די הויט. פּריוו, אַ שטייגער, איינעם פון די רחמנות־שרייער, פון יענע שלים־מזל׳ניקעס און מוסר־זאָגער, פּריוו זיי געבען עפּיס אַ התמנות אין קהל., אויף אַנ׳אַנדערענס אַ שטעלע, אַבי ער וועט נאָר דערשמעקען זיין כח, אַז ער האַלט די בייטש, הייבט ער שוין אָן צו שמייסען און צו געוועלטיגען ביד רמה. נעהם איינעם אַ נעבעכעל און גיב די טאַקסע איהם איבער, הייבט ער דאָס איינענע טאַקי אָן, לעהרנען בלק מיט דעם עולם — צופּען, רייסען און אַרויסציהען די קליי פון די ביינער. „ני דאַי באָך איז איוואַנא פּאַנאַ!״ איז דאָ אַ ווערטעל. זעהר אַ גלייך, אמת׳דיג ווערטעל! משוגע צי חסר־דעה האָט „פּאַן״ בעדאַרפט זיין איוואַנען איבערגעבען די בייטש. בלייב דיר ביי דיין רחמנות־פּנים׳ל, דו גוטע כשר׳ע נשמה, דו פרום שעפּעלע, זאָג דיר מוסר, זידעל, שריי וויפיעל דו ווילסט, פון דיינע נעגעל און ציהן, ווען דו זאָלסט זיי נאָר בעקומען, וואָלט, כ׳לעבען, טויזענטער מאָל נאָך ערגער געווען!...

— חלילה, איסר, וואָס פאַלט דיר איין? איך מיין גאָר נישט קיין רחמנות. נאָט אייך גאָר רחמנות! עפּיס אַנדערש גאָר מיין איך. דו איסר, זאָג איך, מענסט אודאי זיין צופרידען. מהיכא תיתי. אָבער איך, איך!...

— רעד־זשע, טפּש איינער, ווערטער!... אַזזוי! דו ווילסט אויך צופרידען זיין? געה־זשע, זיי מוחל, צו אַלדי שוואַרצע יאָהר אַהין... שמעק אריין די לאַפּע, וועסט דו אויך חאַפּען אַ לעק. ביסט נישט קראַנק, כ׳לעבען, אַליין צו בעשטעהן דיין שטעדטעל. דער רוח, ניש׳קשה, האָט דיך אויך נישט גענומען. מאָרגען, ברודער, געהט אַ נייע סדרא פון זעהר פיעל קהל׳שע ענינים, מען וועט מוזען, פאַרשטעהסט, אַביסעל צו־קנעליען. היינטיגע וואָך געהט ביי אונז תרומה. ווען, זאָגסט דו, טפּש איינער, ווען האָבען מיר פּרשה שקלים?

ווידער אַ מאָל אין אַ שמועס מיט זיין גוטען ברודער, זיצענדיג מיט איהם אין שטיבעל ביי אַ גלעזעל וויין, שטאַרק אויפגעראַמט, האָט איסר׳ן זיך געעפענט אַ מויל און אָנגעהויבען צו רעדען אַזוי

— זעהר קלוג, טפּש איינער, האָסט דו געטאָן, וואָס דו ביסט אַצינד געקומען, איך געה אַרום מיט אַ פול האַרץ מחשבות, ווי אַ קוה מיט פולע אייטער, עס בורטשעט אין מיר, בורטשעט און קען מעהר זיך נישט איינהאַלטען. איך מוז שטילערהייט אַ מאָל חאָטש דאָס האַרץ אָב־





ריידען. אַזוי פיעל הערען און זעהען ווי איך און שטענדיג שווייגען. טראָגען אין זיך, איז איבער אַלע מענשליכע כוחות. זאָל איך נישט האָבען, צו אַלדי שוואַרץ יאָהר, אַזאַ שווערע האַנד, וואָלט איך אויף פּאַפּיר מיך אַ מאָל אויסגעגאָסען און אָנגעשריבען אַ שען „טריאַטער״. כ׳לעבען... פּאַסמאַקעווע נאָר דעם וויין, ברודער! האַ, וואָס זאָגסט דו אויף איהם? דאָס האָב איך היינט בעקומען אַ מתנה פאַר עפּיס אַ געשעפטעל.

— זעהר אַ גוט גלעזעל וויין, איסר... פאַר אַ געשעפטעל, זאָגסט דו, וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ געשעפטעל?

— עט, אַ געשעפטעל! לעמיל׳ס עפּיס אַ משפט. לעמיל, דער שוטה, האָט מיך שוין לאַנג געבעטען, איך זאָל איהם דרינגען אַ טובה טאָן, גלייך ווי איך וואָלט געווען אין „סוד״ דער גאַנצער טהוער. די נאַראָנים ביי אונז אין שטאָדט מיינען, אַז אַלצדינג איז אָנבעלאַנגט אין מיר, אַבי איך וויל נאָר, קען איך העלפען. באשר עטליכע שרייבערלעך עסען ביי מיר אַ מאָל שבת פיש, ווייל די נשמה נעהמט זיי אויס נאָך יודישע פיש, מיינען שוין אונזערע נאַראָנים, אַז איך בין מיט אַלע דאָרט פון גרויס ביז קליין איין לעבען. ביים פּראָקוראָר פּישש, אַ כל־ולך! מיט דעם פּאָליצמייסטער אויסגעקאָכט — ברידער! אַלצדינג געווענדעט זיך אין מיר. נאָר זאָל זיין אַזוי, טפּש איינער. זאָלען זיי, די נאַראָנים, טאַקי אַזוי זיך מיינען און מיך קומען אַלץ בעטען טובות. ביי מיר איז פאַר זיי תמיד איין ענטפער: מיר וועלען זעהן, מיר וועלען זעהן! מיט אַ סמה־נפשך, פאַרשטעהסט דו, זאָג איך עס — שפּילט יענער אויס, הייסט עס: איך, איסר, האָב געזעהן, חאָטש איך האָב אַזוי פיעל געזעהן, ווי איך זעה מיינע אויערען, און נעהם דערפאַר אַראָב פון אויבען אַ מנה יפה. אַי וואָס, יענער פערשפּילט, פּערליר איך דאָך נישט מיין ווערטה, מיינע תקיפות. יענער דענקט זיך אַזוי: איך האָב פערשפּילט נאָר ווייל רב איסר האָט נישט געוואָלט זעהן, אָבער ווען רב איסר וואָלט טאַקי באמת געוואָלט זעהן, וואָלט איך גאַנץ זיכער טאַקי אויסגעשפּילט. נו, האָט יענער אויף מיר אַביסעל פאַראיבעל, לאָז ער מיך קומען ווערגען, לאָז ער מיך רופען קנאַקניסעל! אָבער איך האָב מיין שם „תקיף״ נישט פאַר־לוירען. עט, ער וועט זיך איבער׳רוגז׳ן, נאָך אַ מאָל טאַקי קיבען בעטען מיין לאַסקע און איך וועל איהם ווידער נאָך אַ מאָל טאַקי ענטפערן: מיר וועלען זעהן, מיר וועלען זעהן. פאַרשטעהסט־דו, ברודער? — לעמיל׳ן

האָב איך אויך אַזוי געענטפערט: מיר וועלען זעהן! און איהם דערבײַ טאַקי בתורת עצה אָנצוהערעניש געגעבען, אָבצושטעקען עפּיס דאָרט דעם, יענעם, פאַרשטעהסט-דו? דאָרט וואו מען בעדאַרף... איך האָב זעהר גוט געזעהן, אַז מײַן זעהן אַליין קען אַזוי פיעל העלפען, ווי אַ טויטען באַנקעס. לעמיל, דער שוטה, אָבער איז בײַ זיך געוועזען גאַנץ זיכער, אַז איך זעה און בעט דעם גביר מײַנעם, ער זאָל אויך זעהן. היינט בײַ טאָג, אין דער גאַס, האָסט דו בעדאַרפט זעהן, ווי לעמיל מיט'ן ווײַב זענען בײדע מיך בעפאַלען פאַר אַנ'עדה יודען מיט אַ שמחה, אַ פרייד און מיט טרעהרען אויף די אויגען: „רב איסר, טאַטעניו, נשמה'ניו! טאַקי פריהער גאָט, דערנאָך איך, נשמה'ניו, האָבען מיר צו פערדאַנקען מיט אונזער עסק, וואָס מיר האָבען היינט אויסגעשפּילט. ווען איהר, רב איסר, זאָלט זיך דאָ נישט געווען אַרײַנלעגען, וואָלטען מיר נעבעך געקענט געהן מיט די האָר. מיר זאָגען און מיר וועלען עס טאַקי דער גאַנצער וועלט זאָגען: אַז נאָר רב איסר, איין רב איסר! פערשטאַנען האָב איך, אַז געהאָלפען אייגענטליך דאָ האָט געהאָלפען מײַן אָנצוהערעניש — לעמיל האָט, אַ פּנים, אָבגעשטעקט, גוט אויסגע-פאָלגט מײַן עצה. האָסט בעדאַרפט זעהן, ברודער, בשעת מעשה, ווי זיי האָבען מיר דאָ אַזוי געדאַנקט, וואָס פאַר אַ קנײטשעלע איך האָב געמאַכט, גלײַך ווי אײנער רעדט: אי! וויפיעל געזונד און לעבען האָט מיר אײער עסק געקאָסט! וויפיעל מיה האָב איך דערבײַ געהאַט ביז איך האָב נע'פּועל'ט! — לעמיל האָט מיר שפּעטער אַביכעל אָבגעשיקט אַהײם מײַן רח"ש און דערצו נאָך עטליכע פלעשלעך גוטען ווײַן. נו, מבין אײנער, הא?... וואָס זאָגסט דו אויף דעם ווײַן?

— הלואי, איסר, לאָז מען אַזוי האָבען צו זאָגען אויף דיר, אויף דײַנע נאַראָנים און דעם גאַנצען שווינדעל... לחיים!

— ווער דערוואָרגען, טפּש אײנער! שווינדעל, זאָגט ער, שווינ-דעל! פאַר וואָס הייסט דאָס בײַ דיר שווינדעל? וואָס זענען דען די אַלע עסקים, אַלע מסחרים, האַק-און-פּאַק פון אויבען ביז אַראָב, נישט קיין שווינדעל? איך זאָג דיר: אַלע עסקים! אַלע, אפילו אין עולם-הבא-זאַכען אויך. פאַרשטעהסט דו?... אויף וואָס בעשטעהען דען אַלע מסחרים נאָך גאָר פון דער התחלה, ווי אַזוי ווערען זיי נעפיהרט און מיט וואָס לאָזען זיי זיך אויס לסוף? אפשר אויף דעם אמת, מוזט דו זיכער מײנען? נײן, ברודער! אמת איז נאָר אַ ווערטעל, וואָס איטליבער פאַרשטעהט עס אויף





זײַן גאַנג, אויף אַזאַ אופן ווי איהם טויג, ווי עס פּאַסט איהם צום ענין. דער אמת'ער אמת איז גאָר נישטאָ און קען טאַקי גאָר נישט זײַן, ער וואָלט אויך געשאַדט, פאַר אונזערע פיהרונגען, פאַר אונזערע מסחרים וואָלט ער גאָר נישט געווען קיין גוט אַרטיקעל. טויזענטער קאָנטאָרען, טויזענטער קלײטען און טויזענטער אַנדערע זאַכען אַזוינע, וועלכע דו זעהסט היינט בײַ אונז, וואָלטען ווי שפּין-געוועב זיך פונאַנדערגעפלויגען, און עס וואָלט פון זיי קיין זכר, קיין שריד ופליט נישט איבערגעבליבען. אַ סך נגידים אונזערע וואָלטען מיט די טאָרבעס זיך אַרומגעשלעפּט. גאָט ווייסט, וואָס נאָך און נאָך אַזוינס וואָלטען געווען... אפשר אויף אַרבייטען, מײנסט דו, בעשטעהט עס אַלצדינג? אויב אַזוי, ביסט דו אַ נאַר! אַרבייטען אַרבייט אַ בעל-מלאכה: אַ האָלץ-העקער, אַ שטײַגער, אַ וואַסערפיהרער, אַ טרעגער, וכדומה. מיט אַרבייט וועסט דו קיין סך נישט פערדינען, דו זאָלסט אפילו צוועצטערהייט אַרבייטען, וועסט דו פאָרט צעהן מאָל אין טאָג פגר'ן פאַר הונגער. געה גיב זיך טאַקי אָב, אַ שטײַגער, מיט אַ לעמיל'ס אַנ'עסק, וועסט דו דערויף אַרבייטען, שוויצען — וועסט האָבען דאָס לויפעניש, זיך אָבשרײַבען די פינגער און לסוף, אַז עס וועט דיר זײַן געראָטען, וואָס וועט דיר קלעקען דאָס פערדינסט? די חלה וועט דיר נישט קלעקען אויף דער המוציא, חלילה, אָבער, אַז געראָט דיר נישט, איז פערלוירען דײַן מיה און בלײַבסט נאָך בײַ דער וועלט אַ קאַבצאַן, אַ טויגעניכטס, וואָס פאַרשטעהט נישט מאי דקא-אמרי רבי'צען און קען אַ קאַץ אַנ'עק נישט צובינדען. דו האָסט פולע פיש און פער-שטונקענע הערינג... קנײטש, ברודער, נישט אַזוי דעם שטערען! איך זאָג דאָ דיר גאָר ניט אַזאַ פילוסופיאָ, נאָר פּראָסטע, רײנע ווערטער. פילוסופיאָ טויג אויך אויף כפּרות. צו-גרויסע חכמות איז דוקא אַ גרויסער הסרון, די וועלט האָט עס פײַנט, היט זיך דערפאַר ווי פאַר פייער, און איז טאַקי גערעכט. גרויסע בריות, געלערענטע מענשען געהען אַרום אין צוריסענע שטיוועל אָהן פּאָדעשוועס. פיעל בעסער געהט עס אין דער וועלט דעם קלײנעם מענשעלע. מען בעדאַרף גאָר אַזוי נישט טויגען, זײַן אַ גרויסער חכם, אַ בריה. דער עיקר, וואָס מען מוז אָבער האָבען, איז: אַ פּיסקעלע אויף שרויפלעך, עס זאָל זיך דרעהען, ווען עס קומט אויס, אין אַלע זייטען; אַ צינגעל אָהן בײנער, עס זאָל זיך וואַרפען אַהין-אַהער, אַ לעק דעם, אַ לעק יענעם; אַ רוקען, וואָס זאָל קענען, אַז מען בעדאַרף, זיך בויגען, אײַנהויקערן אין צעהנטען... — חנפה'נען, צבוע'טשען, ליגען, הייסט עס! — וועסט-דו זאָגען, מאַכענדיג דערבײַ אַ פרום

פנים'על. נו, לאָז זיך זיין אזוי, וואָס זאָל מען טאָן! געלד מוז מען האָבען, אָהן געלד ביסט-דו דאָך אודאי גאָרנישט, נאָך טויזענט מאָל קלענער, ווי דאָס קלײנסטע קלײן מענשעלע. דו ביסט אי קלײן אי געמיין. וואָס איז, ברודער, אין דער וועלט אַ קבצן? דו קענסט דען דיר גאָר אזוי משער זיין, אַ פנים, ווי נגידים האָבען פײנט אַ קבצן! דאַכט זיך, זיי רעדען אַמאָל מיט איהם און האָבען אויף איהם אַמאָל כלומר'שט רחמנות, אין אמת'ן אָבער קענען זיי איהם נישט לײדען, ער איז זיי גרויס אין די אויגען און טאַאַכטען: צו וואָס דרעהט זיך אַזאַ נפש אויף דער וועלט גאָר אַרום? עפּיס קומט ער זיי פאָר, ווי אַנ'אָנשיקעניס — אַנ'איבערבײנדעל, אַ שטיק חילדפלײש און עס גיט זיי עפּיס אַ שטאָך אין האַרץ, אַז זיי דערזעהען איהם. זיי דאַכט זיך אַלץ, אַז ער איז אויסען אויף זייער לעבען — אויף זייער בײטעל; אַז ער איז להוט נאָך זייער נשמה — נאָך זייער געלד. איך האָב אָסור נישט קיין ווערטער דיר עס אזוי ווייט אַרויסצוזאָגען. ביסט-דו, ברודער, אַ קבצן, ביסט-דו אָבגעשטאָרבען פון דער וועלט. דײנע פריהערדיגע פרײנד, באַם זיי זענען רײך, האַלטען זיך פון דיר ווייט. מאַכען זיי דיר אַמאָל אַ וויזיט, האָט עס נאָר אַ פנים, ווי אַנ'אויפגעקומענע גבירה האַפּט זיך אַמאָל אַראָב ערגיץ אין אַ קלײן שטעדטעל, אויף קבר-אָבות צו אַ געשטאָרבענעם טאַטען, אַ קבצן, אויספּוצענדיג זיך דערבײ אין פּערל, אין דימאַנטען, דאָס אָרעמע קלײנע שטעדטעל זאָל אָנקוקען, זאָל פון איהר הנאה האָבען... אין חומש צי אין שיר השירים, דאַכט זיך, שטעהט אויך, ווי זאָגט מען עפּיס: העני חשוב כמת (עני חשוב כמת), דאָס הייסט אַ קבצן שמעקט מיט קברות-בלעטלעך... אין געלד, ברודער, בעשטעהט די גאַנצע חכמה, אַלצדינג... האָסט דו געלד, האָסט דו די וועלט און יענע וועלט. נאָר הײנטיגע צײט געלד צו האָבען הייסט, ווי עס האָט תמיד אין אַלע צײטען געהייסען — זיין אַ קלײן מענשעלע, און אַ קלײן מענשעלע הייסט, לאָז זיך זיין, ווי דו, ברודער, זאָגסט — הנפ'נען, צבוע'טשען. וואָס אין דער קאָרט... לחיים, גוטער ברודער!

— לאָמיר זיין געזונד, איסר, און האָבען תמיד אַזעלכע לעמלעך!

נו, איסר, דײן גביר, בײ וועלכען דו ביסט די נשמה, וואָס איז ער אַזוינס?

— אָט פון איהם, ברודער, ווייל איך נישט רעדען. פאַרשטעהסט-דו? איך ווייל פון איהם נישט רעדען. פון דער צײט, וואָס איך האַלט איהם אויף דער אָרענדע, ווייל איך פון איהם נישט רעדען





— וואָס הייסט, איסר, אויף דער אָרענדע? נאַט אײך גאָר אַ נײס! וואָס הייסט, דו האַלסט דײן גביר אויף דער אָרענדע? אַ מיהל איז ער, צו אַלדי שוואַרץ יאָהר, אָדער אַ קרעטשמע, וואָס דו האַלטסט איהם אויף דער אָרענדע?

— וואָס מאַכט עס אויס, טפּש אײנער? וואָס איז די נפקא-מינה: אַ גביר, אַ מיהל, אַ קרעטשמע, אַ רוח, אַ טײפעל און דער שוואַרץ-יאָהר ווייסט, וואָס נאָך אַזעלכעס? אַלץ אײנס, אַבי אַנ'אָרענדע!... העּ-העּ-העּ, ברודער! דו ביסט נאָך גאָר אַ מלמד, אַ שוטה, מײן איך, אַ פּריץ. מען מוז דיר נאָך אַלצדינג אויסטײטשען. נו, לחיים! מאַך-זשע, ברודער, נאָך אַ כוס'ה... אַצינד וועל איך פּרובען ווי ס'איז דיר עס דערקלערען. עס וועט זיין טאַקי אַביסעל שווערליך, נאָר ניש'קשה, וועסט נישט קראַנק זיין זיך אָנשטויסען. לאָמיר טאַקי אָנהויבען פון אַ מיהל:

אַ וואַסער אָדער אַ ווינט איז אויף דער וועלט אַ גרויסער כח. קומט דאָס מענשעלע, וואָס וויל מיט אַלצדינג זיך בענוצען, שטעלט אַנידער אַ געבײ מיט רעדער, מיט שטײנער, און מאַכט, אַז דאָס וואַסער אָדער דער ווינט זאָל דרעהען די רעדער. די רעדער ווידער דרעהען די שטײנער און עס מאָהלט זיך. פאַרשטעהסט דו? הײנט, טפּש'ל מײנער, לאָמיר געהן ווייטער. ראשית חכמה איז כח, דערויף שטעהט די וועלט מיט אַלע זאַכען אין איהר. אַ נגיד, ווי דו ווייסט, איז אין דער וועלט אויך אַ גרויסער כח. אַלע ווערען פאַר דעם נגיד בטל, ווערען פאַר איהם די כפרה; אַלע קריכען און „שאַפּקעווען" פאַר דעם רײכען, אי אַזעלכע אפילו, וואָס זיי קומט פון איהם להלוטין גאָר נישט אַרויס; וואָס האָבען פון איהם נישט געהאַט אַמאָל, האָבען פון איהם נישט אַצינד און וועלען פון איהם נישט האָבען אי שפּעטער, קײנמאָל נישט, אפילו אַ טרונק וואַסער, נאָר טהוען עס גלאַט, ווייל אַ רײכען קומט כבוד, גאָר אָהן אַ שום נוצען פון איהם, ווייל אַ נגיד קומט אַלצדינג. און איך, איסר, זאָג: נײן! דער עיקר, וואָס אין אַ נגיד בעדאַרף מען שעצען, איז נאָר זיין געלד, דער נוצען הייסט עס, וואָס מען קען האָבען פון זיין געלד. פאַרשטעהסט דו? זיין געלד איז נומער 1, און ער אַלײן נומער 0, גאָר-נישט הייסט עס. אַזאַ נגיד, זאָג איך, וואָס ניצט דיר כלל נישט, זאָל בײ דיר אַזאַ אָרט פאַרנעהמען ווי גאָרנישט. ווי באַלד אַז נישט דער עיקר, צו אַלדי רוחות, וואָס-זשע איז מיט איהם אַזוי דער יחוס? קוק זיך אויף איהם אפילו נישט אום און הער איהם אַזוי ווי אין טשערנעשעוויס

די מגילה... היינט בעדאַרפסט דו וויסען וויטער, אַז אַ קלוגער בעדאַרף מיט אַלצדינג אין דער וועלט זיך בענוצען. פאַרשטעהסט דו? אצינד וועל איך דיר עס איבער׳חזר׳ן נאָך אַ מאָל. — נעהם דעם בוּם אין דער האַנד און זאָג מיר נאָך, מיט כּונה, טפּש איינער, זאָג: אויף כּח בעשטעהט אַלצדינג. אַ נגיד מיט געלד איז אין דער וועלט אַ גרויסער כּח, און אַ קלוגער בעדאַרף מיט אַלצדינג אין דער וועלט זיך בענוצען, בּכן בעדאַרף מען פונ׳ם רייכען קענען מאַכען אַ נוצען. וואָס מיינסט דו, מען זאָל בּיי איהם פּשוט גראָב נעהמען געלד, נאָר געלד? ניין! מען בעדאַרף אויך געבען איהם קענען שטעלען אַ ווינטמיהל, ער זאָל מיט זיין ווילדען כּח טרייבען און דרעהען אייערע רעדער — עס זאָל זיך מאָהלען! אָדער מען בעדאַרף געבען איהם זיין אַזוי ווי אַ קאָמעדיאַנט געבען דער קאָמעדיע, אָדער ווי אַ ציגיינער געבען זיין בער. האָסטו דו מיר, מיהלנער, אָבגעמאָסטען אַ פול מעסטעל פונ׳ם קאָרן דיינעם, נו געה מאָהל דיר געזונטערהייט אין מיין ווינטמיהל! האָסט דו בעצאָהלט מיר, קאָמעדיאַנט, פאַר אַ בילעט, געה־זשע דיר אַריין אין דער קאָמעדיע מיינער און זעה די שענע אָנשטעלען! אָדער האָסט דו געגעבען מיר, ציגיינער, עטליכע גראָשען, וועל איך הייסען מיין בער דיר טאַנצען! פאַרשטעהסט־דו? איך האַלט מיין גביר אויף דער אַרענדע, האַלט איך! דו ווילסט צום גביר צו מיין ווינטמיהל — גיב־זשע מיר אַ „מעסטעל“. איך בין דער אַרענדאַר. דו ווילסט, מען זאָל פאַר דיר מאַכען די קאָמעדיע, דיך „אונטערהאַלטען“ אַביסעל מיט אָנשטעלען — בעצאָהל מיר פריהער פאַר אַ בילעט, איך בין דער קאָמעדיאַנט. אָדער ווילסט־דו אפשר, מיין גביר זאָל זיך פאַר דיר שטעלען אויף די לאַפּעס, לעגען זיך פאַר דיר אין דער לענג, אין דער ברייט, און ברומען — אַרויס פריהער מיט עטליכע גראָשען, גיב מיר, זיי מוחל, וואָס מיין גוטער ווילען וועט זיין, איך בין דער ציגיינער!... היינט פאַרשטעהסטו, טפּש׳ל? גענוג פאַר היינטיגס מאָל געלערנט!... לחיים, גוטער ברודער!

— לחיים, איסר, פאַר דיין ווינטמיהל! לחיים, לחיים, פאַר דיין קאָמעדיע און פאַר דיין בער! דיינע רעדער זאָלען זיך דרעהען, דיין קאָמעדיע זאָל אָנגעהן, און דיין בער זאָל טאַנצען, טאַנצען, טאַנצען...



ט׳

עס פאַרשטעהט זיך, איסר׳ס דרך, איסר׳ס בליק אויף דער וועלט, איז פאַר מיר תּחלת געווען צו הויך, און אַ סך ווערטער דערפון גאָר תּרגום. איך האָב גאָר ניט געוואוסט, מיט וואָס מען עסט עס. נאָר יענע ווערטער זיינע אָבער, אַז געלד צו האָבען הייסט צו זיין אַ קליין מענשעלע, און אַ קליין מענשעלע הייסט חנפה׳נען, צבוע׳טשען, ליגנערן — דאָס האָב איך באַלד טאַקי אויפגעחאַפּט. אָט־אָ דאָ בין איך שוין דערגאַנגען דעם רעכטען סוד. אָבער גאַנץ גוט וואָס הייסט אַזוינס חנפה׳נען, צבוע׳טשען — דאָס האָב איך נאָך לעת־עתּה נישט רעכט פערשטאַנען.

איך מוז דאָ בעמערקען, אַז דעמאָלט האָב איך נאָך נישט גוט געוואוסט בּכלל צו אונטערשיידען, וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט. אַנ׳עבירה האָט בּיי מיר געהייסען: קוקען, אַ שטייגער, אויף די כּהנים בשעת דוכנ׳ן; נישט שלאָגען קיין כּפּרות, נישט געהן צו תּשליך; שניידען די נעגעל כּסדר, נישט איבערהיפּערן אַ פינגער איבער אַ פינגער; נישט צולעגען צו די אָבגעשניטענע נעגעל דריי פּיצלעך האָלץ, אָבגעשניצט פון אַ סטענדער צי פון אַ טיש, זיי זאָלען אויף יענער וועלט דאָרט דינען פאַר כּשר׳ע עדות; נישט גלויבען אין אַ בעל־שם; נישט גלויבען אין אַ לץ; נישט גלויבען, אַז אין דער גרויסער שוהל דאַווענען בּיי נאַכט מתים; נישט גלויבען אין עולם־התּוהו — דאָס הייסט: נישט גלויבען, אַז אַ סך מענשען געהען אַרום צווישען אונז, דאָ אויף דעם עולם, זיי האַנדלען, דאַכט זיך, זיי מאַכען געשעפטען, זיי פאָהרען אויף ירידען, קויפען און פערקויפען, הו־הא־הו! און בּאמת זענען זיי גאָר מתים, טויטע־געשטאָרבענע, נעבעך, אויף דעם עולם־התּוהו... נישט גלויבען, אַז צום בעזליודעווער פּלעגען קומען מתים צום משפּט, נעפיהרט פונ׳ם מלאָך־הדומה מיט אַ קאָמאַנדע מלאכי־חבלה ווי אַרעסטאַנטען אָדער נישט צו גלויבען, אַז „ער“ טאַקי, עליו השלום, האָט געהאַט קפיצת־הדרך — פון דאַנען אין הימעל איז בּיי איהם געווען אַ שפּיי, ער איז דאָרט געווען

אַ חשוב, געהאַט אין דער האַנד דעם שליסעל פון קינדער, פון שני אין רעגען; נישט גלויבען אין אַ גלגול, דאָס הייסט, נישט גלויבען, אַז מענשען ווערען מגולגל אין בהמות, חיות און עופות, אַז אַ געוויסער עושר, ווי עס שטעהט געשריבען, איז געוואָרען אַ מאָל אַ חזיר; איינער, עפּיס אַ פיינע בריה — איז געוואָרען, נישט פאַר אונז געדאַכט, אַנעזועל; נאָך איינער, עפּיס אַ גרויסער פּאָדראַטשיק — אַ פויגעל, וואָס האָט, נושט פאַר יודישע קינדער געדאַכט, שטאַרק אָנגעפּייפּט... ווייטער איינער, עפּיס אַ „גלאַסנע", איז געוואָרען אַ פיש נעבעך, פּונקט מיט אַזאַ „גאָלאָס", אַזאַ שטימע, ווי פון אַ שלייען... קורץ, אָט אַזעלכע מיני זאַכען האָבען ביי מיר געהייסען עברות. אָבער חנפה'נען, צבועיטשען, זיין אַ קליין מענשעלע, דאָס איז אין מיין צעטעל נישט געשטאַנען, טהיכאַ־תיתי, פאַר וואָס נישט זיין אַ קליין מענשעלע? מען איז דאָך רייך און גליקליך, איז דאָך טאַקי גוט. אַ קליין מענשעלע האָט מען נישט די העזה צו הרג'נען, צו שלאָגען — און אַז מען שלאָגט, טהוט דאָך עפּיס אַזוי וועה! אַ שניידער, אַ שניידערקע, אַז דערלאַנגט אַ טעלעמעטשע, ווערט דאָך אַזש פינסטער אין די אויגען. ווער שמועסט — אַ חזן, אַז ער דרעהט ביים אויער, קען מען טאַקי יאָהרצייט פאַרגעסען. און אויסציהען זיך אויף דער ערד אָנצוטאָן, אָדער אויסצוטאָן יענעם קאַלאָשען, בשעת יענער האַלט זיך ביי די וייטען און קוקט אויף דער סטעליע, דאָס איז, כ'לעבען, אויך עפּיס נישט קיין געשמאַקע זאַך. אודאי האָט מיר זיך געגלוסט זיין אַ קליין מענשעלע גלייך ווי די אַנדערע, פּטור צו ווערען מיט אַ מאָל פון אַלע צרות און לעבען ווי יענע אַלע גליקליך, אין עושר און כבוד. דעריבער טאַקי פלעג איך בעשטענדיג מיט גרויס חשק מיך אונטערהערען אונטער דער טיר, בשעת איסר וואַרגער פלעגט שמועסען מיט זיין גוטען ברודער. איך האָב זיך אָנגעהערט זעהר פיעל זאַכען און דערנאָך טאַקי זוכה געווען צו פאַרשטעהן גוט זייגע ווערטער. איך האָב איהם מיט דער צייט אַ סך בעסער פערשטאַנען ווי דעם תלמוד־תורה־מלמד.

אמת טאַקי, אַ לעקיש בין איך געווען אין דער יוגענד, זעהר נאַרישעוואַטע, נאָר ווי שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזען, בין איך נישט געווען אַ נאַר פון דער נאַטור, וואָס דען־זשע? אַ געמאַכטער. די מעשה דערפון איז, וואָס תמיד, פון דער קינדהייט אָן, בין איך געווען פערחיסט, פערוואָגעלט און דערשלאָגען. מען האָט מיך אויפגעהאָדעוועט מיט קללות, גראָבע מיאוס'ע ווערטער, מיט שמיץ, מיט קלעפּ און מיט טויט־





שלעג. ווער עס האָט נאָר געוואָלט, האָט אין מיר אַריינגעלעגט, מיר געבראָכען די דאַרע ביינער. נו ווי זאָגט מען עפּיס: פון על־חטא ווערט מען נישט פעט; פון אַ סך שלאָגען ווערט מען טאַקי דערשלאָגען. אַ קאַטאָוועס עפּיס, וואָס מיין לייב, מיין אויסגעדאַרט, אויסגעדייוועט לייב, האָט אין זיך נעבעך אַריינגענומען! איך נעבעך לייד הונגער, קעלט, פיהל, ווי עס געהען מיר אויס די כוחות, עס שטעכט מיך אין אַלע גלידער, ס'איז מיר נישט גוט — איז אָנשטאָט מען זאָל זאָגען: אַ רחמנות, אַ קינד נעבעך געהט אויס, אַ מענש, אָדער לאָז זיך זיין אפילו גלאַט אַ אָטם בעשעפעניש צאַנקט נעבעך ווי אַ ליכט, ער איז הויט און ביין, — יעהמט מען נאָך און מען רייסט מיר מיין דאַרע־קוואַרע שטיקעל פלייש, יעהמט מען נאָך און מען גיט מיר נאָך וועהטיג אי שטעבעניש, נעמט מען נאָך און מען צופּט מיר דאָס איבעריגע שטיקעל הויט אויס!... איך בין פשוט געווען פערטויבט, פערטומעלט און פערדולט. היינט דערצו נאָך, בעדאַרף מען וויסען, בין איך געבוירען געוואָרען אין בעזליודעוו, וואָס אין תוך אַריין איז זי אַ קליין שטעדטעל, און אַ קליין־שטעדטעלדיגער בלייבט טאַקי אַ קליין־שטעדטעלדיגער. די קליין־שטעדטעלדיגע לייט זענען עפּיס טאַקי גאָר אַנדערע מיני מענשען, מיט אַנדערע חושים, מיט אַנ'אַנדער טעם, אַנ'אַנדער ריח, אַנ'אַנדער מח. זיי שטינקען נישט, זיי שמעקען נישט, נישט פיש, נישט פלייש, עפּיס פאַר זיך מיני ברואים...

איך וויל דערמיט אייך נישט מעהר אויסבריִען, אַז איהר זאָלט זיך נישט וואונדערן, ווי קומט עס, וואָס אַזוי אַ נאַר, אַ לעקיש ווי איך, פלעג אַ מאָל פאָרט פאַלען גלייך און דענקען מיט אַ גאַנג. אמת טאַקי, אַ נאַר בין איך געווען און בין מיט מיין נאַרישקייט געפאַלען איטליכען אין די אויגען, אָבער פונדעסטוועגען נישט קיין נאַטירליכער, נאָר גלאַט אַ פערדולטער, אַ דער'הרג'טער, אַ דערשלאָגענער. עס האָט מיר אין קאָפּ נישט געפעהלט קיין קלעפּקע, נאָר די קלעפּקע איז נאָך נישט געווען בעאַרבייט, אָבגעהובלעוועט. אָט־אָ דאָס בין איך געווען. דעריבער האָב איך מיך נאָך געקענט שפּעטער עפּיס אויסלעהרנען, מיך עפּיס אָנשטויסען, און דעריבער האָב איך געקענט איבערנעהמען רב איסר וואַרגער'ס תורות.

ביי איסר וואַרגער האָב איך אַוועקגעדינט אַ סך יאָהרען. אין דעם משך צייט האָב איך מיך אויסגעשליפען, האָב גוט פערשטאַנען און געקענט אַלצדינג, וואָס אַ קליין מענשעלע בעדאַרף צו קענען, וואָרום איך פלעג זיך שטאַרק צוהערען מיט קאָפּ, און בין געווען דרינען אַ מתמיד.

איך האָב שוין געקענט אין מײַן גראַד אָבאַרפּיטען מעשים, מאַכן פֿילע תנועות און געהן אַלץ מיט שפּיצלעך. די גרעסטע הנאה האָב איך געהאַט אָבצוטאָן אײנעם אויף טערקיש, גלײַך ווי זיך וואָלט מיך אין אים נוקם געווען, האָטש ס'איז נישט געווען פֿאַר וואָס. גלאַט די זאַך אַלײן — דאָס אָבטאָן אויף טערקיש און דאָס אויסדרעהען זיך דערנאָך גלאַט ווי אויף אַ טעלער, האָט מיר געמאַכט פֿערגניגען, פּונקט ווי אַן אָרמען ישיבה־בחור מאַכט פֿערגניגען אַ שטיקעל אויפֿטהו אין דער גמרא. צי קומט דערפֿון עפּיס אַרויס צי נײן, אָבער אַ שענער אײַנפֿאַל, אַ כּוי־קעל שכל, איז דאָך עס דערוויילע!... דאָס געפֿיהל פֿון יוצר. פֿון רחמנות, האָט בײַ מיר נישט דערלעבט גאָר אָנהויבען צו וואַקסען.

„יושר איז אַ גומילאַסטיק, וואָס לאָזט זיך ציהען ווי מען וויל, דאָס איז אַ „כּי הנה כּחומר”, וועלכס דער מענש האָט ביד צו בויגען עס אַזוי אי אַזוי, צומאַכען דערפֿון עפּיס, וואָס עס איז נאָך זײַן פֿערלאַנגען. רחמנות, דאָס איז אַן'אויסגעטראַכט וואָרט, אײַנגאַנצען גאָר אַ שווינדעל. דו, אַז דו ביסט שלאַפֿער פֿון מיר, ביסט אַ שלימ'מזל'ניק, אַ מויגעניכטס, ווילסט־דו מיך אײַנרעדען כּלומר'שט רחמנות;” — אַזוי האָט געזאָגט איסר וואָרגער.

איך בין געווען איסר'ס אַן'אמת'ער תּלמיד, האָב מיר געגעבען מיה, מיך געפֿלײַסט, דעם רבי'ן מײַנעם צופֿרידען שטעלען, מאַן אַלע־דינג נאָך זײַן געשמאַק, ווי אים געפֿעלט, דערפֿאַר האָב איך געפֿונען חן און לײַטזעליגקײט אין זײַנע אויגען, אַזוי אַז ער וואָלט פֿאַר מיר, ווי מען זאָגט, קײן זאַק פּאָרשטש נישט גענומען.

אַז איך בין עלטער געוואָרען, האָב איך אָנגעהויבען מיך שטאַרק צו בעטראַכטען און זיך אַלײן אַלץ פֿרעגען: „מתי אעשה לביתי?” ווען הײסט עס, וועל איך שוין אָנהויבען עפּיס טאַקי צו טאָן, איך זאָל אויפֿגעריכט ווערען? „ואני באתי בימים” — און איך בין דאָך שוין אַ בחור, ברוך־השם, מיט אַ סימן בערדעל! אמת טאַקי, איסר'ס תּורה קען איך נוט, קען זי מיט אַלע פּשט'לעך, נאָר „לא המדרש עיקר — פֿלעגט דער תּלמוד־תּורה־מלמד זאָגען — נישט דאָס לערנען איז די קונץ, דער עיקר איז די מלאכה: דאָס שמײַסען”. איך האָב אַלץ געטראַכט, געטראַכט, אַזוי לאַנג־אַזוי ברײט, ביז איך בין געכאַפּט אויף אַ הכּרה אַזוי: אַ־אַ, דו נאַר אײנער! — מאַך איך צו מיר אַלײן — ווי איסר וואָרגער, דער רבי, זאָגט: „אַ קלוגער בעדאַרף מיט אַלצדינג אויף דער וועלט זיך





בענוצען, דעם נגיד, זאָגט ער, בעדאַרף מען נעהמען אויף דער אַרענדע, מיט אים שפּילען די קאָמעדיע, מאַכען מיט אים די קאָפּקע” — ס'טײַטש, איסר אַלײן איז דאָך שוין אויך אַ נגיד, טאָ נעהם־זשע אים, טומה אײנער, אויף דער אַרענדע, ווער, דו בהמה, איסר'ס אַרענדאַר, איסר'ס נשמה! איסר אַלײן איז דאָך אויך אַ כּח, נו, נעהם און שטעל אַ גינסטיהל, איכר זאָל דרעהען דײַנע רעדער! ס'טײַטש, געבראָטענע טויבען פֿליהען דיר אין מויל אַרײַן, און דו, בהמה, שרײַעסט עסען!...

איך וויל אײַך דאָ נישט אַ ים ברײען, איך הויב־אָן איסר'ן חנפֿה'נען, זיך מיר אוים טווײַענטער וועגען, ווי צו אים זיך צו־שמײכלען, ווי אים אײַנוועניג אין האַרץ אַרײַנצוקריכען, ביז איך האָב אים לגמרי דער־מאַפּט און ווער, אין אַ גוטער שעה, זײַן נשמה!... איסר איז דאָך נישט כּיהר ווי אַ מענש, ער האָט אויך ליעב געהאַט, מען זאָל אים חנפֿה'נען, קעצקען, מען זאָל אים בעוואונדערן און פֿון אים שטאַרק הנאה האָבען; הגם ער האָט זעהר גוט געוואוסט, וואָס פֿאַר אַ האַפּט, וואָס פֿאַר אַ מנוּוּל דאָס חנפֿה'נען האָט. ער אַלײן, אַ שטײַנער, אַז ער זאָגט אײַנעם: איהר זענט דאָך אַ חכם, אַ גוטער, אַ פֿרומער, אַ בעל־צדקה, אַ כּשר'ער, עהרליכער מאַן, הײסט עס גאָר קאַפּויר: אַ שוטה זענט איהר, אַן'אַכזר, אַ צבוע'ק, אַ קאַרגער הונד, אַ גנב־שבגנבים, דאָס שוואַרצ־אַפּעלע פֿונ'ם אויג! אַזוי איז שוין, אַ פּנים, אויף דער וועלט, אַז איטליכער לאָזט זיך אײַנרעדען, איטליכער האָט ליעב זיך צו נאַרען... נאָר מײַנט נישט, אַז דאָס איז מיר גרינג אָנגעקומען. נישט אַזוי גיך טהוט זיך, ווי עס רעדט זיך. עס האָט לאַנג געדויערט ביז מיר איז געראָטען צו ווערען איסר'ס חשוב. אײַך וועט אפֿשר קשה זײַן, ווי ווערט עס פֿון אַ משרת אַ חשוב? אי, האָט אויף מיר קײן פֿאַראיבעל נישט; איב אַזוי, קענט איהר דאָך נישט די וועלט! כּמעט אַלע משרתים זענען חשובים, און כּמעט אַלע חשובים זענען משרתים.

אַז דער עולם האָט דאָ אַרויסגעזעהן מײַן חשיבות, אַז איך בין איסר'ס נשמה, זײַן חשוב'ער משרת, האָט מען מיך אָנגעהויבען צו גלעטען, אָבצוגעבען מיר אַ ברײטען גוט־מאָרגען, ווי דער סדר־העולם איז. אַזוי געוועהנליך איז שוין דער אײַנפֿיהר מששת ימי בראשית. אויבען און אונטען, אויף דער וועלט, אַז מען בעדאַרף עפּיס האָבען צו דעם פּריץ, זעהט מען פֿריהער זיך צו־שאַרען צו זײַנע חשוב'ע משרתים, זיי צו געפֿעלען. אַרײַנצולאָזען זיך מיט זיי אין עפּיס אַ שמועס מיט זייער רעדעלעך, צו הערען כּלומר'שט מיט זיי נאָהענטע שמועסען, אַז אַגב

טאַקי אריינשטופּען זיי עפּיס אין הענטעל, טראַכטענדיג זיך דערבּיי, לאָמיך זיי פערשטאָפּען דאָס מויל, לאָזען זיי זיך נישט קרימען, נישט כּשטן זיין, נישט בּילען. אָדער גאָר אַזוי: נישׂ'קשה, לאָזען זיי דעם פּריץ בּיים וועג געהענדיג אריינלאָזען אין אויער אַ גוט וואָרט, אַ משרת אַ מליץ יושר קען אַ מאָל זעהר פּיעל העלפען. דאָס וואָס אַ משרת פּועל'ט אַ מאָל בּיי זיין אדון, קענען עס גרויסע לייט נישט פּועל'ן — דער משרת ווייסט בּיים אדון דאָס האַרץ און פּאַרזועהט איהם מיט אַזעלכע זאַכען, וואָס מען טאָר נישט זאָגען... האָט איינער בּעדאַרפט צו איסר'ן — און ווער האָט דען נישט בּעדאַרפט צו איסר'ן? — דאָ האָט ער שוין פריער אָבּגעניצט מיין לאַסקע, עס זאָל זיין בּאַווילינגט פון מיר, איך זאָל בּעטען פאַר איהם רחמים און דערמאָנען איהם צו גוטען בּיי אַ שמועס מיט רב איסר'ן. פון געלד און מתנות איז שוין קיין רעדע נישט געווען מיט „יהי־רצון" אַליין איז מען נישט אָבּגעקומען. יענער האָט געמיינט אַפילו בּיי מיר האָט ער גע'פּועל'ט, אַז איך זאָל בּיי רב איסר'ן פערוואָרפען פאַר איהם אַ וואָרט, איז ער שוין געהאָלפען, חאָטש איך האָבּ מיר געוואוסט מיינס, אַז איסר אַליין קען איהם אַזוי פּיעל העלפען, טאַקי אויף איסר'ס רעד, „ווי אַ טויטען בּאַנקעס". וואָס אַרט עס מיך? לאָז ער מיינען און געבּען געלד. און ווען אַפילו ס'איז אַ מעגליכקייט געווען יאָ צו העלפען, וועט דאָך איסר נעהמען און טאָן זיינס גאָר אָהן מיין שתדלנות. יהיה־איך־שיהיה, אַזוי צו אַזוי, וועט דאָך איסר אַליץ נעהמען געלד און מאַכען ווי דער שטיינער זיינער: „מיר וועלען זעהען, מיר וועלען זעהען, מיר וועלען זעהען!" היינט צו־וואָס טויג איך נאָך דאָ אין דערמיט? נאָר ווייטער טאַקי, וואָס אַרט עס מיך? לאָז יענער מיינען און געבּען געלד.

אָט אויף אַזאַ אופן האָבּ איך מיר אָנגעהויבּען בּיסלעכווייז נתגדל צו ווערען, צו נעהמען אויף זיך לייבּ און טאַקי צונויפגעקליבּען שענע עטליכע גילדען.



# יח

פּוצען און קליידען זיך, דאָס איז געווען מיין בּעסט פערגניגען, ווי דער שטיינער איז פון אַלע אויפגעקומענע משׂרתים, וואָס האָבּען ליעבּ ארויפצוציהען אויף זיך אַלצדינג, וואָס נאָר זיי קענען — צו געהן בּעהאַנגען מיט בּלישטשענדיגע קייטלעך, קנעפּלעך, פינגערלעך און זייערע שטיוועל זאָלען גלאַנצען ווי די שפּיגעלעך, בּכדי אויפריסען דער וועלט די אויגען, זי זאָל זיך אויף זיי וואונדערן און הידוש'ן. שבּת פלעג איך געוועהנטליך מיך אויספּוצען ווי אַ טאָק און דורכגעהן זיך מיט מיינע חברים, צו ווייזען זיך אויף חדושים פאַר דער וועלט און צו בּעטראַכטען די אַלע ווייבּלעך און מיידלעך, וואָס געהען קאָמפּאַניעס־ווייז שפּאַצירען. איך האָבּ געקענט אין דער שטאָדט כּמעט אַלע דינסטען און געוואוסט מעשׂיות, היסטאָריעס פון אַ סך ווייבּלעך, צווישען וועלכע איך האָבּ געהאַט זעהר פּיעל בּעקאַנטע.

אַז איך האָבּ איינמאָל שבּת־נחמו געשפּאַצירט מיט חברה אין דער שטאָדט, וואו עס האָבּען זיך געשאָטען יודישע טעכטער אין זיידענע און סאַמעטענע מלבּושים, בּעהאַנגען מיט פּערעל און מיט אַלערליי מיני צירונג, איז מיר אַקעגען געקומען עפּיס אַ מיידעל, אָנגעטאָן זעהר פּראַסט אין אַ סיטצען קליידעל, ריין ווי זילבּער. איהר פּנים האָט געשיינט ווי דער ליכטיגער מאָרגענשטערן און פערטונקעלט אַלע אַנדערע מיט זייערע פּערעל און דימענטען, זי האָבּען אַקעגען איהר זיך אָנגעזעהן ווי אַ ליכט אַקעגען דער זון. בּיי דער זייט איז איהר געגאַנגען אַ יונגער מאַן, אַ סטאַטעטשנער, זעהר שען געוואַקסען. איהר שענקייט האָט מיר פערנומען די אויגען, איך בּין געבּליבּען אַ היבּשע צייט שטעהן ווי צוקאַכט און נישט געהערט נישט געזעהן, וואָס אַרום מיר טהוט זיך. אַז איך בּין שפּעטער אַבּיסעל צו־זיך געקומען און מיך אַרומגעקוקט, האָבּ איך זי מעהר שוין נישט געזעהן. זי האָט דערווייל זיך פערמישט צווישען דעם עולם און פערשווינדען געוואָרען, אַזוי ווי אַ פליהענדיגער שטערן אין

די זומער-נעכט. נאָר איהר בילד אָבער איז מיר געבליבען אײנגעבאַקט טיעף אין האַרצען. און פון יענער צײט אָן האָב איך זי נישט געקענט אויף א רגע ארויסשלאָגען פונ׳ם קאָפּ. עס האָט תמיד פאַר מיר זיך אויסגעמאָלט איהר פנים, איהר געשטאַלט, און בײ-נאַכט, אין דער פינסטער, האָבען אָקעגען מיר געפונקעלט, געלויכטען איהרע ברענענדיגע אויגען ווי צוויי ליכטיגע שטערען אוים דעם שוואַרצען אָבגרונט העט-העט אויבען אין הימעל. עס האָט מיר אַלץ געדאַכט, אַז זי איז מיר שוין לאַנג בעקאַנט, דאַכט זיך, איך האָב זי אין מײן לעבען שוין א מאָל געזעהן, נאָר ווען און וואו האָב איך נישט געקענט מיך דערמאָנען. דאָס אײנ-טבאַרעניש עפּים זיך צו דערמאָנען און נישט קענען איז אַזאַ מין צער, וואָס צו פיהלען עס — איז אינשטאַנד נאָר יענער, וואָס איז דערמיט געפריהט געוואָרען. דאָס האָט מיר געקראַצט. געפּיקט אין קאָפּ א שרעק, מאַקי נאָר משוגע צו ווערען. איך האָב מיר פאָרגענומען, אַז איך מוז מיך דערגעהן, ווער דאָס מײדעל איז און אויפזוכען, וואו זי זיצט.

א מאָל בין איך צווישען טאָג און נאַכט גראָד געגאַנגען ערגיץ אין א פאַרלעגען געסעל. דער בלויער לויטערער הימעל האָט בײ די ברעגען זיך בעדעקט מיט שוואַרצע פאַסען וואָלקענס, און וועלכע עס האָבען צײטענווײז זיך דורכגעוואָרפען בליצען ווי לאַנגע פײערדיגע שטרײפעלעך. אין דעם געסעל איז געווען שטיל, נישט קײן פוס פון א מענשען, און איך בין מיר געגאַנגען זעהר פערטראַכט, עפּים שטאַרק מרה-שחורה׳דיג. פלוצלים דערהער איך א ביטער געשרײ, וואָס האָט מיך אָנגעהאַפּט בײם האַרץ. איך גיב א בליק — אָקעגען מיר לויפט אײנער מיט א פּעקעל גיך און געשווינד, ווי א גנב, וואָס וויל אַנטרונען ווערען. שטעה! האָב איך א געשרײ געטאָן, זיך געשטעלט בעהאַרצט דעם פאַרשוין אָקעגען און אויפגעהויבען אויף איהם מײן גראָבען שטעקען. יענער האָט זיך שטאַרק דערשראָקען, ארויסגעלאָזט פון ◄ הענד דאָס פּעקעל און אַלײן איז ער אַנטלאָפען, גיך פאַרשווינדען געוואָרען. נישט ווײט פון מיר נעבען א פּלויט איז געלעגען אויף דער ערד עפּים א מענש. אַז איך בין צוגעלאָפען צו איהם מיט דעם פּעקעל, האָט ער אפילו קײן ריהר זיך נישט געטאָן. אין דרויסען איז דערווײל טונקעל געוואָרען פון א שטיק שוואַרצער חמאַרע, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אויבען אין הימעל. איך האַפּ אין אײלעניש אָן דעם מענשען בײם קאָפּ און מונטער איהם. מיט א מאָל הײבט אָן שטאַרק און אָפּט צו בליצען, אײן בליץ נאָך דעם אַנדערן, און איך דערזעה אָקעגען מיר א פּאָר אָפענע ברענענדיגע אויגען. עס האָט מיר א





קלאַפּ געגעבען אין האַרץ, דער קאָפּ האָט מיר זיך פאַרדרעהט און איך בין געבליבען שטעהן שטאַרק פערמישט. איך האָב דערקענט זי — דאָס איז געווען זי!...

זי האָט מיר דערצעהלט, אַז זי איז פריהער אַביסעל געגאַנגען אַלײן דאָ אין דעם געסעל, איז אונטערגעשפּרונגען עפּים א פאַרשוין, האָט איהר דערלאַנגט א שטאַרקען זעץ איבער דער האַנד און געשווינד אַרויסגעהאַפּט בײ איהר דאָס פּעקעל מיט העמדער, וואָס זי האָט, ווי א נעהטערין, אָנגענומען ערגיץ אין אַנ׳אָרט. ווען איך זאָל נישט געווען אונטערקומען און אָבנעהמען בײם גנב די זאַכען, — האָט זי געזאָגט מיט טרעהרען אין די אויגען — וואָלט זי געבראָכען געוואָרען פון ברויט און נאָך אַרײן אין א מיאוס׳ן רוף בײ לײט. קײנער וואָלט איהר מעהר קײן שטאָך אַרבײט נישט געגעבען. זי האָט מיר געדאַנקט פונ׳ם גאַנצען האַרצען, דאָס פנים האָט איהר דערבײ געפלאַמט און איטליכער בליק פון איהרע פײערדיגע אויגען האָט מיך געבריהט, גע׳שרפה׳ט. איך האָב געפיהלט, אַז אָט-אָט ווערט מיר אינווענינג צושמאָלצען דאָס האַרץ ווי וואַקס.

— גאָט זאָל אײך בעצאָהלען! — האָט זי מיר צולעצט געזאָגט מיט א ציטערדיג קול, און געוואָלט געהן איהר וועג.

— נײן, נײן! — האָב איך מיך אָנגערופען צוקאָכט, איך וועל אײך בשום אופן נישט לאָזען געהן איצט אײנע אַלײן, איך מוז אײך אונטערפיהרען ביז צו אײער הײם

זי האָט זיך עפּים ווי געקווינקעלט, דאָס פנים איהרס האָט געזאָגט, אַז איהר איז עפּים פריקרע צו געהן אין דער צײט מיט א פרעמדען יונגען-מאַן. נאָר איך האָב זי נישט געלאָזט קומען צום וואָרט, געשווינד גענומען צו מיר אין האַנד איהר פּעקעל העמדער און בין מיט איהר געגאַנגען ווײטער דורך געסלעך, וואוהין זי האָט מיך געפיהרט. דעם גאַנצען וועג האָבען מיר נישט גערעדט כמעט קײן וואָרט. איך האָב נאָר אונטערווײלעכס אויף איהר געקוקט און געציטערט, ווי אין א קדחת. און ווען זי האָט מיך אָנגערירט בײ דער האַנד בשעת-מעשה, אַז זי פלעגט אַלץ וועלען צונעהמען בײ מיר דער פּעקעל, [נישט מטריח צו זײן מיך מיט דעם טראָגען, איז מיר דורך דעם גאַנצען לײב דורכגעלאָפען עפּים א קעלט, דאָס בלוט איז מיר געבליבען שטעהן פערגליווערט אין די אָדערען און עס האָט מיר פערנומען דער אָטהעם. אַזוי זענען מיר בײדע

געגאַנגען ביז זי האָט מיך צוגעפיהרט צו אַ שטוב, װאָס אויף דעם מי-
רעל, אין הויף אַרײן, איז געהאַנגען אַ קלײן װײס שילד מיט שװאַרצע
כתיבה'טע אותיות: „דאָ זיצט גאָלדע יאַקאָבזאָהן די נעהטערין".

— יאַקאָבזאָהן! — טהו איך אַ זאָג פערװאונדערט, דערמאַנענדיג
מיך אין יאַקאָבזאָהן, װאָס האָט מיך אַ מאָל אַרויסגעפיהרט פון דער
נויט, נאָך דער מעשה מיט דעם חזן, אַז איך בין געבליבען װי אויפ'ן
האַסער, און בײ װעלכען איך האָב געגעסען בײדע טעג ראש-השנה

— יאָ! — רופט זי זיך אָן — איך הײס גאָלדע יאַקאָבזאָהן. װאָס איז
עפּיס אײך אַזאַ װאונדער?

— אײער טאַטע איז מיר פון גאַנץ לאַנג בעקאַנט — האָב איך גע-
ענטפערט — ער האָט מיר אַ מאָל געהאָלפען אין אַ שלעכטע צײט.

— מײן טאַטע איז שוין עטליכע יאָהר טויט — האָט זי געזאָגט
מיט אַ זיפץ, טיעף פונ'ם האַרצען.

— איך געדענק איך, אַז איהר זײט נאָך געװען אַ קלײן מײדעלע
— זאָג איך מיט אַ שמײכעל, שוין מיט מעהר מוטה אַרײנקוקענדיג איהר
אין פּנים, װי אַ שטיקעל בעקאַנטער. —

— אַזוי! זעהר אָנגעלעגט, כ'לעבען!

און אײדער מיר האָבען זיך געזעגענט האָט אַ שטאַרקער דונער-
געטאָן און אַ שלאַקס-רעגען האָט אָנגעהויבען צו פלײצען װי אַ מבול. זי
האָט מיך געבעטען אַרײנצוגעהן מיט איהר צו זיך אין שטוב, איבער-
װאַרטען דאָרט דעם רעגען. עס פאַרשטעהט זיך, אַז איך האָב עס גע-
טאָן בשמחה און בין פון דעם רעגען זעהר שטאַרק צופרידען געװען.
פון מײנטװעגען האָט געמעגט גיסען אַ מבול, גאָר קײנמאָל נישט
אויפהערען, און איך זאָל בלײבען מיט איהר אינאײנעם אין שטוב װי
אין נח'ס תבה.

די שטוב, אין װעלכער איך בין אַרײנגעגאַנגען, איז בעשטאַנען
פון אײן חדר, איבערגעטײלט אין דער מיט מיט שפּאַנישע װענטלעך.
אין העלפט איז געװען אַ צימער אויף צו שלאָפען, די אַנדערע העלפט —
אַ צימער אויף צו זיצען. בײם ערשטען אָנבליק האָט מען געקענט זעהר
גרינג אַרויסזעהן, אַז דאָרט װאױנען מענשען אָרעמע, אָבער נישט קײן





פוילע, אָבגעלאָזענע. דאָרט האָבען, געפונען עטליכע אַלטע בײנק-
לעך מיט אַ קאַנאַפּקעלע, איבערגעצויגען מיט אַ געלבליכען, אָבגעליאַקע-
װעטען סיטץ. נעבען דער װאַנד איז געשטאַנען אַ קאַמאָדע איבערגע-
דעקט מיט אַ טישטוך, װײס װי שנײ, און דערויף איז געװען אויסגע-
שטעלט שמאָכטעלײען: אַ פּאָר קלײנע פּאָרצעלײענע שעלכלעך מיט רויטע
קװײטען, אַ צװײ בלויע געשליפענע קעלישקעלעך, אַ פּושקעלע אַ שילד-
קרעטענס, אַ שפּיגעלע און קלײנע פּאַרפומע-פלעשלעך, וכדומה נאָך
אַזעלכע קלײניגקײטען, װאָס זענען געװען די גאַנצע צירונג, דאָס שײנ-
דעל אין שטוב. דערצו האָט מען נאָך געקענט צורעכענען די עטליכע
בלומענטעפּלעך אויף די פענסטער, און מיט זײד אויסגעשטריקטען פּאָר-
טרעט פון משה רבינו, האַלטענדיג די לוחות אויף דער האַנד. נעבען
פענסטער איז געשטאַנען אַ טיש, אָנגעלעגט מיט לײנװאַנד, מיט פּאַסמעס
פעדעמלעך און מיט אַלע אַנדערע זאַכען, װאָס צו דער אַרבײט.

אַרײנקומענדיג אין שטוב, האָט גאָלדע מיך פאַרגעשטעלט פאַר
איהר מוטער, אַ דאַרע, אַ שלאַפע יודענע פון אַ יאָהר פופציג, דערצעה-
לענדיג איהר אין-קורצען דאָס גאַנצע בעגעגעניש איהרס, ערשט נישט
לאַנג, אין געסעל דאָרט. די מוטער האָט מיר געמאַכט אַ שענעם ברוך-
הבא און מיך געבעטען זיצען. נעבען עק טיש אויף אַ בײנקעל איז גע-
זעסען אַ קלײן מײדעלע פון אַ יאָהר אַכט, זי האָט כלומר'שט עפּיס װי
גענעהט און אונטערװײלעכס אויף מיר געקוקט מיט גנבה'שע אײגלעך.
גאָלדע האָט זיך אויך געזעצט נעבען טיש און פונאַנדערגענומען דאָס
פּעקעל. װאָס זי האָט געבראַכט. איך בין געזעסען װי אַ חתן-בחור און
נישט גערעדט קײן װאָרט. אויפ'ן האַרץ איז מיר געװען פרעהליך, איך
האָב געקוקט, װי גאָלדע אַרבײט מיט איהרע װײסע פולע הענטלעך און
עס האָט מיר עפּיס שטאַרק הנאה געטאָן.

עטליכע מינוט איז מען אַזוי געזעסען שטיל, דערנאָך איז געװאָ-
רען אַ רעד איבער דעם װעטער, װי נויטיג דער רעגען איז, די אַלטע
האָט אפשר אַ מאָל צעהן איבערגע'חזר'ט, אַז דאָס געהט נישט קײן רע-
גען, נאָר ברויט געהט עס, און האָט געמאַכט האָפנונגען, אַז נאָך דעם
רעגען װעט מיט עטליכע גראָשען זיבער װעלװעלער װערען דער מקח
פונ'ם פוד מעהל. גאָלדע האָט עפּיס זיך איבערגעװינקען מיט דער מו-
טער און איז אַרויסגעגאַנגען. די אַלטע איז געבליבען נעבען מיר, האָט
אַלץ גערעדט און אַרויפגעקומען אין שמועס דערויף, װי דער מאַן איה-

דער, אַ ליכטיגען גן-עדן זאָל ער האָבען, האָט אַ צייט נעבעך געקרענקט און פערקרענקט דעם לעצטען גראָשען, ביז ער איז געשטאָרבען, און איבערגעלאָזט זי, וויסטע אלמנה, מיט צוויי קינדער ווי אויף דעם וואַסער. נאָר גאָט ברוך-הוא אָבער האָט זי געבענשט מיט אַ טאָכטער, וואָס איז ווייט אין דער וועלט צו זוכען איהר גלייכען. איהר גאָלדעניו איז גוט און פרום, מיט אַלע מעלות. זי אַרבייט נעבעך טאָג ווי נאַכט, נעהט, שטיקט און נעמט זיך די אויגען אַרויס איבער דער נאָדעל, ווי ס'איז אַרויסצוברענגען דאָס שטיקעל פרנסה. מען לעבט טאַקי אין דחקות, אין צרות, איהר ביטערע, שווערע אַרבייט קלעקט קוים-קוים אויף די נייטיגסטע בעדערפעניש, נאָר ניט צו פאַרזינדיגען, מען לעבט דאָך פאָרט. גאָט ווייסט וואָס פון אונז וואָלט געוואָרען, ווען נישט גאָלדעניו.

— אַ ודאי כעג איך מיך פרעהען, זיך שעצען גליקליך מיט אַזאַ מתנה פון זיין ליבען נאָמען, נאָר ווי וויינט אין מיר אָבער דאָס האַרץ — זאָגט זי מיט אַ שטאַרקען זיפץ און טרעהרען שטעלען זיך איהר אין די אויגען — ווי טהוט מיר, אוי, וועה דאָס האַרץ קוקענדיג, ווי גאָלדעניו אַרבייט אויף אונז אַלע מיט נויט-שוויס, נעבעך, שטעלט איין דאָס נעזונד, דאָס לעבען, און פאַרגינט נישט אויף זיך אַליין אויסצוגעבען אַ מאָל, איהר זאָלט זאָגען, אפילו אַ צובראָכענעם שילינגער. וואָס איך בעט זי אַ מאָל: גאָלדעניו, נשמה מיינע! האָב רחמנות אויף דיין לעבען, קויף דיר עפּיס אויף צו דערקוויקען זיך, און רוה זיך אַביסעל אויס, נשמה מיינע: ענטפערט זי אַלץ מיט אַ געלעכטער: איך בעדאַרף מיך נישט קוויקען, מאַמע! עס נודעט מיך חלילה נישט ביים האַרצען. לאָזען זיך קוויקען יענע, וואָס זיצען פאַרלעגט די הענד און וויסען אַליין נישט, וואָס עס געהט זיי אָב. אויף אויסרוהען זיך איז דאָ ביי אונז אַ גרויסער טאָג שבת. אָט אַזוי ענטפערט זי אָב תמיד מיט אַ ווערטעל און טהוט טאַקי ווייטער דאָס איהריגע שטיל, פיין, ווי אַ שטילע טויב. לאָז מיר זיין כּפּר איהר קאָפּ!...

אין מיטען שמועס איז אַריינגעקומען גאָלדע און אַנידערגעשטעלט אויפ'ן טיש אַ טאַץ מיט פיער גלעזער טהע!

אַז מיר האָבען אָבגעטרונקען טהע, האָט דער רעגען אויפגעהערט. גאָלדע האָט געהייסען איהר שוועסטערל זיך געהן לעגען שלאָפען

— נעה, שיינדעלע — האָט זי צו איהר געזאָגט, און זי אַ גלעט געטאָן איבער דעם קעפּעלע — דיר איז שוין צייט צו שלאָפען. דו וועסט בעסער פריהער אויפשטעהן. דיין לעהרער וועט שוין היינט נישט קומען.





שיינדעלע האָט אַ קוש געטאָן די מוטער, אי די שוועסטער, געזאָגט איטליכען אַ גוטע נאַכט, און געגאַנגען שלאָפען. מיר איז שוין אויך צייט געווען צו געהן. איך האָב מיך אויפגעהויבען פונ'ם בּיינקעל, זיך געזעגענט און אַוועקגעגאַנגען.

די האַלבע לבנה האָט געשיינט און איז ווי אַ גילדען שיפעלע זיך געשוואוממען אין דעם גרויסען, בלויען ים פון דער לופט, וואָס איז געווען רוהיג, שטיל אָהן אַ שום ווינטעלע. דער הימעל האָט מיט טויזענטער ליכטיגע שטערען אַראָבגעקוקט ווי אַ פאַרליבטער חתן אויף דער געליבּטער, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין אַ גרין קלייד פון גראָז, פערפּוצט מיט אַלערליי שענע בלומען, פון וועלכע עס האָבען געשמעקט זיסע, געשמאַקע ריחות ווי פון די טייערסטע פאַרפומעס. פרעש האָבען לוסטיג געקוואַקעט אין די טייכלעך און ערגיץ פון אַ גאָרטען האָט זיך אָנגערופען אויף זיין קול אַ סאָלאָוויי, איין בריה אויף דער וועלט — אַ כּפּרה אַלע חזנים!... מיר האָט עפּיס אויך זיך געזוננען אויפ'ן האַרץ. איך האָב געהענדיג אונטערגעזוונגען און אַליין נישט געהערט וואָס. נאָר צוקומענדיג נאָהענט נעבען דער היים, האָב איך מיך עפּיס ווי אַ חאַפּ געטאָן און דערהערט לייזער דעם שניידער'ס אַ ניגונ'דעל, ווי מען בעזעצט אַ כלה. אַ, אין דר'ערד אַריין, פאַלגע! - האָב איך אין שפּאַס געשאָלטען לייזער'ן און מיט אַ פרעהליך שמייכעלע איהם אָבגעשיקט צו אַלדי שוואַרץ-יאָהר.

הערט אַ מעשה! נאָך אַזאַ פרעהליך בעגעגעניש האָט די גאַנצע נאַכט מיר זיך גאָר גע'חלומ'ט — עפּיס טרויערדיגע סצענעס: מען האָט מיך אָב מיט טרעהרען, קולות פון מענשען שרייען עפּיס אַרויס ווי פון דער ערד — געוואַלד, וואָס האָט מען צו אונז געהאַט!...

## יט

איך האָב אָנגעהויבן צו ווערן בײַ גאָלדען אין שטוב אַן אָפּטער גאַסט, עס האָט מיך געצויגן אַהינצו עפּיס ווי אַ מאַגנעט. מיך האָט געצויגן צו איהר נישט איהרע מעלות און מדות טובות, ווי זי דערנעהרט זיך כּשר און האַלט אויס שען-פֿײַן אַן אַלטע מוטער און אַ שוועסטערל מיט איהר אַרבייט. ניין! אַזעלכע זאַכען האָט איסר'ם אַ תּלמיד נישט געקענט שעצען. געלד, דאָס איז געווען בײַ מיר דער אַרשין אויף צו מעסטען דעם מענשענס מעלות, אויך דאָס וואָגשאָל, דאָס געוויכט אויף אָבצוּוועגען אַלע מיני מדות טובות. אַ קלוגער, אַ בריה — אַ מענש, האָט בײַ מיר געהייסען דער, וואָס האָט געלד און לעבט אין וואוילטאָג. ווי אַזוי ער האָט דאָס בעקומען און אויף וועמענס הוצאות ער לעבט — דאָס מאַכט גאָר נישט אויס. אין אַזעלכע זאַכען געהען אַריין מיט זייערע רעכנונגען נאָר אָרמעלײַט, שלים'מזל'ניקעס, מחמת קנאה און פֿערדראָס, ווי אויך מחמת דעם, בּכדי מיט זייער בערעדען יענעם, צו פֿאַרגלעטען דערווייל זייערע אייגענע פֿעהלער, פֿאַר וואָס זיי זענען שלים'מזל'ניקעס, מויגעניכסטען, און צו קיהלען זיך דערמיט אַביסעל דאָס האַרץ, צו טרייסטען זיך כּלומר'שט פֿאַר דער וועלט, אַז דאָס אָרעמקייט זייערס איז נאָר פֿאַר זייער גוטען חאַראַקטער; דערפֿאַר, וואָס זיי קענען נישט ווי אַנדערע זיין פֿאַלשע, נידעריגע מענשען. ניין! נישט גאָלדע'ס שענע, גוטע מעלות זענען מיר געפֿעלען, מיר איז געפֿעלען געווען נאָר איהר שען פּנים, מיך האָט געצויגן צו איהר אַ מגושם'דיגע ווילדע ליבשאַפֿט. וואָס איך האָב מיט דער ליבשאַפֿט געמיינט, דאָס האָב איך מיר נאָך אַליין קיין חשבון נישט געקענט אָבגעבען — איך בין מיר דערווייל צו גאָלדען געגאַנגען. תּחלת האָב איך איהר געבראַכט אַרבייט, מיר געלאָזט נעהען בײַ איהר העמדער, מאַנישקעס און דערנאָך פֿלעג איך מיר שוין אַזוי קומען גלאַט ווי אַ גוטער בעקאַנטע.

אין דער גאַנצער צייט, וואָס איך בין געגאַנגען צו גאָלדען, פֿלעג





איך דאָרט אין שטוב בײַ איהר אַלץ טרעפֿען יענעם יונגען-מאַן, וועלכען איך האָב דאָס ערשטע מאָל שבת בעגעגענט, געהענדיג מיט איהר שפּאַצירען. ער איז געווען דאָרט זעהר היימיש ווי אַן אײַגענער, אַ גאַנצער בן-בית, ער פֿלעגט לעהרנען מיט שײַנדעלען, העלפֿען אין שטוב, ברענגען אַ מאָל מיט זיך פֿונ'ם מאַרק נייטיגע זאַכען, אויך אַ מאָל לייען און געבען אונטער אַין איינגער צייט. קיינער אין שטוב האָט איהם נישט געאירצט און איהם גערופֿען פּראָסט בײַם נאָמען — מיכל.

מיכל איז געווען אַ שרייבער, וואָס פֿלעגט לעהרנען מיידלעך און יונגלעך שרייבען, און ציהען דערפֿון זיין שטיקעל פּרנסה. פֿון אַ שמועס אַ מאָל מיט דער אַלטער, האָב איך מיך דערגאַנגען, אַז מיכל איז אין דער פֿאַמיליע אַ גאַנצע אָנהאַלטעניש, אַ גרויסע שטיצע, אָהן איהם וואָלט אויסגעקומען אַ מאָל זעהר שלעכט. ער איז איהרער אַ קרוב און איז גאָלדעניו'ס שוין כּמעט אַ חתן. לעת-עתּה איז דאָס נאָך פֿאַר דער וועלט בּסוד, נאָר אין אַ קורצער צייט פֿערהאָפֿט זי, אם-ירצה-השם, מאַכען תּנאים און ברעכען טעפּ. די דאָזיגע ווערטער האָבען מיך געשטאָכען אין דער זיבעטער ריפּ, נאָר איך האָב מיך געמאַכט נישט-וויסענדיג, גלייך ווי עס נעהט מיר גאָר נישט אָן.

זינט יענער צייט האָב איך געהאַלטען מיכל'ען פֿאַר אַ שונא, וואָס שטעהט מיר אין וועג, און האָב אַלץ געטראַכט, ווי איהם בײַ-צוקומען: איך פֿלעג מיך ווי אַ קעצעלע צושאַרען צו גאָלדען אי צו דער מוטער מיט גוטע, זיסע ריידעלעך, שפּילען זיך מיט שײַנדעלען, און ברענגען איהר אָפּט אַ צוקערקעלע, אָדער עפּיס אַ שפּילכען, אין דער האָפֿנונג צו ווערען דורכדעם אַ חשוב און אַראָבשטופּען מיכל'ען, אוועקשטעלען איהם אין דער זייט. איינמאָל האָב איך מיך אפילו געפּריוועט געבען עפּיס געלד, אַז איך האָב בעמערקט אין שטוב איז עפּיס איינג; נאָר גאָלדע האָט מיר געהייסען צוריקנעהמען דאָס געלד, עפּיס מיט אַזאַ שמייכעלע, וואָס האָט מיך געלעהרענט דרך-ארץ און וואָס איז געווען אַ סך ערגער ווי אַ פּאַטש. דאָס האָט נאָך טויזענד מאָל מעהר פֿערשטאַרקט מיין שנאה צו מיכל'ען. עס האָט מיך געברענט ווי אַ העליש פֿייער, נאָר וואָס מעהר אָבער די שנאה מיינע צו איהם איז געוואָרען אַלץ שטאַרקער, האָב איך מיך אַלץ מעהר פֿאַרשטעלט, גערעדט מיט איהם צוקער-זיס און געוויזען איהם תּמיד אַ פֿרעהליך פּנים. פֿאַרשטעלען זיך, דאָס האָב איך שוין אין יענער צייט זעהר גוט געקענט, ווייל דאָס איז די ערשטע זאַך. וואָס אַ קליין

מענטשעלע בעדאַרף קענען. אַז איסר האָט שוין פאַרגענומען זיך אײנעם צו בעגראָבען, פלעגט ער איהם אויפנעהמען זעהר פרײנדליך, לויפען איהם אַקעגען מיט אַ שמחה און זיך קושען מיט איהם אין די פּיסקלעך. מאַכען יענעם די מיתה בנשיקה, דאָס הײסט, קושענדיג בײ יענעם די נשמה „כמוך״, לויט די רעד פון אַ חכם, דערמיט וואָס מען קלײבט אויס פאַר דעם הבר אַ שענע מיתה, אַ שטילען טויט, אַז קײן האָהן אפילו זאָל נישט קרעהען... אַזוי האָט געזאָגט איסר וואָרגער!

איך פלעג קומען צו גאָלדען אויסגעפּוצט און אויסגעשמירט די האָר מיט אַ סך פּאָמאַדע, בכדי דערמיט צו געפעלען און אַראָבוואַרפען אין איהרע אויגען מיכל'ען, וואָס איז געגאַנגען פראָסט געקלײדט. נאָר בײ גאָלדען האָבען קלײדער גאָר נישט אַזוי אויסגעמאַכט. זי האָט מיר נאָר אײנמאָל דעליקאַט אָנצוהערעניש געגעבען, אַז פון צופריעטע פּאָמאַדע איוף יענעם קאָפּ בעקומט מען דעם קאַטער. מיכל האָט דערבײ אַ שמײכעל געטאָן, און אינוועניג אין מיר האָט געקאָכט, געזאָטען איוף איהם דאָס בלוט. שײנדעלע האָט אַ מאָל זיך אָבגערופען:

— פע, מיכל, ווי דו געהסט, רב איציק־אַברהם'על שײנט מאַקי, לר איז אויסגעפּוצט, אויסגעצוואָגען מיט רויטע בעקעלעך און פּאַסמענע ליפּעלעך ווי אַ שען מײדעל.

— נאַרעלע! — האָט מיכל איהר געענטפערט גאַנץ רוהיג — וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך בין אָרעם און האָב נישט אַזאַ דיענסט, וואָס זאָל כיר אויף אַלצדינג טראָגען.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מיכל גיט מיר אַ שטעכווערטעל, אַז איך בין אַ משרת, און וויל כיך דערמיט בײ אימליכען שטאַרק אַראָבהאַרפען. איך האָב עס אָבער אַראָבגעשלונגען, פערביסען די ליפּען און נישט אָבגעענטפערט קײן קרום וואָרט.

אויף אַזאַ אופן איז אַוועקגעגאַנגען דער גאַנצער זומער און אַ שטיק ווינ'ס אָסיען. איך בין שיער אויס דער הויט נישט געשפּרונגען פאַר גרויס ליבשאַפט, נאָר כ'איז גאָר נישט געווען צו מאַכען. מיכל איז מיר געלעבאַגען ווי אַ בײן אין האַלז. איך האָב געזעהן, אַז איך וועל מיך נישט אײלען דעם בײן אַרויסנעהמען, וועל איך דערוואָרגען ווערען. עס האָט כווין געהאַלטען, אַז אָט־אָט הערט מיכל אַ חתן פאַר גאָלדען. די אַלטע האָט איהם ליעב געהאַט ווי אַן אײגען קינד און זי האָט געוואָלט





דערלעבען דעם טאָג צו נעהמען איהם פערבינדען מיט איהר טאָכטער אויף אײביגע יאָהר. זי האָט אַ פּאָר מאָל געמאַכט אַ שמועס פון די הכנות, וואָס מען בעדאַרף דערצו האָבען און אַלע אין שטוב זענען געווען פרעהליך. שײנדעלע איז אַוש געשפּרונגען פאַר פרײד, געשטופּט, זיך געריצט מיט מיכל'ען און געפּאַלען איהם דערנאָך אויפ'ן האַלז, אַרומגעהמענדיג איהם מיט בײדע הענטלעך. גאָלדע האָט געקוקט אויף זײ מיט פײכטע ברענענדיגע אויגען, וואָס האָבען אויסגעדריקט זעהר פיעל תענוג און איז רויט געוואָרען ווי פײער. ס'איז איהר דענסטמאָל אין פּנים נישט געווען אַרײנצוקוקען, ווי אין דער ליכטיגער זון, אַזוי שען איז זי געווען. איך האָב אויך געמאַכט אַ פרײנדליך פּנים ווי אַ הײמישער מענש, וואָס עס טהוט איהם הנאה, אַז אין הויז איז אַ שמחה. נאָר אין האַרץ אָבער האָט מיר געברענט אַ גיהנם. אַוועקגעהענדיג פון דאָרט האָב איך געקריצט מיט די צײהן און געשוואָרען, אַז איך מוז זוכען עפּיס אַ גוט מיטעל, ווי צום גיכסטען אָבצורוימען מיר דעם וועג צו גאָלדען

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און דאָס מיטעל איז מיר געקומען אין האַנד אַרײן. בשעת נעהמען רעקרוטען בײ אונז אין שטאָדט האָב איך אָבגעאַרבײט שטילערהײט, דורך איסר'ן, און מען האָט מיכל'ען גענומען פאַר אַ רעקרוט!...

איך בין געקומען צו גאָלדען, האָב איך געטראָפען, אַז דאָרט אין הויז איז תשעה־באָב. די אַלטע ליגט אין בעט, קראַנק, צובראָכען און אויפ'ן קאָפּ אַ נאַס טיכעל מיט קאַלטע וואַסער. גאָלדע איז בלײך ווי די וואַנד מיט רויטע געשוואָלענע אויגען און דרעהט זיך אַרום נעבען דער מוטער מיט צופּאַטעלטע האָר, פערוואָרגט, פעראַימערט ווי אַ דערשלאָגענע. שײנדעלען איז גאָר נישט צו דערקאָנען, אַזוי געענדערט איז זי — זיצט אײנגענורעט אין אַ ווינקעלע, פאַרלעגט די הענטלעך און קוקט מיט אַראָבגעלאָזענע אויגען אויף דער ערד. בײ מײן אַרײנקומען צוויינען זיך אַלע מיט אַ מאָל, גיסען הײסע טרעהרען, אָהן וועדטער, ווי אומגליקליכע, בשעת זײ דערזעהען זײער בעסטען פרײנד.

— וואָס איז אַזוינס געשעהן? — פרעג איך ווי אַ תם און בלײב שטעהן כלומר'שט פערוואונדערט.

אַקעגען אַ פּאָר מינוט איז נישטאָ קײן ענטפער, דערנאָך רעדט די אַלטע אַרויס אויף אַ וויינענדיג קול, ווערגענדיג זיך מיט טרעהרען: אַז אַך

און ווינד איז מיר! מיכל... נישטאָ מיכל!... די האָפערס, ווער איז מיר, האָבען גענומען מיכל'ען!...

עס עפענט זיך איהר אַ פרישער קוואַל טרעהרען. גאָלדע זיצט נעבען איהר אויפ'ן בעט, אָנגעבויגען מיט ביידע הענד אויפ'ן פנים. די קראַנקע מוטער לעגט איהר די האַנד אויפ'ן קאָפּ און אַלע ווײנען, יאָמערען, ווי מען בעקלאָגט אַ טויטען. איך מאַך אַ טרויעריג פנים, זיפ'ץ בלומר'שט, קרעכץ, און אין האַרצען טהוט מיר הנאָה קוקענדיג אויף גאָלדען, וואָס צו איהר פאַרשטעלט מיר איצט קיינער נישט דעם וועג. איך עס זי מיט די אויגען, אָנקוקענדיג זי פון אויבען ביז אראָב, ווי א וואָלף קוקט אויף אַ שעפּעלע, אויף וועלכעס ער שאַרפט די צייהן. און ביי מיר אין האַרצען טראַכט איך: ניש'קשה, דו וועסט זיין מיינע, וועסט פון מיינע לאַפּעס זיך שוין נישט אויסדרעהען...

---

# כ

אַ פּאָר חדשים זענען נאָך דער דאָזיגער סצענע פערגאַנגען. מיכל'ען האָט מען אָבגעגעבען און אָוועקגעפיהרט העט וויט, פון וואַנען מען קומט נישט צוריק אַזוי גיך. ביי גאָלדען אין שטוב איז געווען אַ חורבן, אַלצדינג דאָרט האָט געטרויערט און פערלוירען זיין געשטאַלט, די בלומענטעפּלעך זענען געשטאַנען פערדאַרט, ווייל ס'איז נישט געלעגען קיינעם אין זינען זיי אין דער געהעריגער צייט צו בעגיסען. די קליינינקיטען אויף דער קאָמאָדע זענען נישט אויסגעשטעלט געווען מיט אַ שענעם סדר, ווי פריהער, און אויף „משה רבנו" איז געלעגען אַ געדיכטער שטויב. ער האָט אויסגעזעהן עפּיס מרה-שחורה'דיג און אַרויסגעקוקט פון אונטער דעם גלאָז עפּיס ווי בייז, זעהר שטאַרק ברוגז. מיר, וועניגסטענס, האָט זיך אַזוי געדאַכט, און איך פלעג מיך היטען אויף איהם אַ קוק צו געבען... שיינדעלע האָט אויפגעהערט צו לערנען, נישט געהאַט מעהר מיט וועמען זיך צו שפּילען. זי איז אַראָב פונ'ם לייב, אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט און איז געוואָרען גאָר אויס קינד. אויף גאָלדען איז געלעגען די ערד, קיין פרעהליכע מינע האָט מען פון איהר נישט געזעהן. ס'איז איהר עפּיס ווי נישט ניחאָ געווע־ ־זס לעבען. די אַלטע פלעגט קוקען אויף איהרע קינדער, שאָקלען מיט'ן קאָפּ און זיך בעוואַשען מיט טרעהרען. זי פלעגט אַלץ אײנפאַלען און צייטענווייז ליגען אין בעט.

איך פלעג עפּטערס קומען אין הויז, זיצען בשעת גאָלדע פלעגט אַרבייטען, פלעג זי שטאַרקען מיט גוטע, זיסע ריידעלעך און מיט מיינע טרייסט-ווערטער געזוכט, אַלץ וואָס וויטער-וויטער זיך אַריינצו'גנב'נען אין איהר האַרץ. שפּעטער אַביסעל האָב איך בעמערקט אין שטוב אַ ביטערע עלענד. גאָלדעס האַנד-אַרבייט אַליין, ווי שטאַרק זי האָט זיך געמאַטערט, געפּלאָגט און קריעה געריסען, האָט נישט געקלעקט אויף די אַלע לעבענס-בעדערפניש, ווייל די בעלוינונג פאַר איהר אַרבייט איז געווען זעהר

קליין. דרינען האָט בעשײַנפּערליך זיך אַרויסגעוויזען, ווי מיכל נעהם אָב. ווי שטאַרק נוצליך ער איז פאַר דער אָרעמער פאַמיליע געווען. זיין חלק הילוף האָט איצט געפעהלט. דערצו איז נאָך גראָד דענסטמאָל געווען טאָקי ווענינ אַרבייט אויך, מען האָט בעדאַרפט געהן איינמאָל אין דער אפטייק אַריין נאָך אַ רעצעפּט פאַר דער אַלטער און דערויף איז נישט געווען קיין גראָשען. איך האָב מיך אַײַנגעשטעלט און פאָרגעלעגט גאָלדען צו נעהמען ביי מיר עפּיס געלד. גאָלדע איז רויט געוואָרען, האָט אַראָבגעלאָזט די אויגען און נישט געענטפערט קיין וואָרט. מען האָט געזעהן, אַז ביי איהר אינווענינ אין האַרץ איז נישט רוהיג. דאָרט רוישט אַ שרעקליכער שטורמווינד פון ביטערע געפיהלען. איך האָב גאָלדען געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז איך לייַ איהר עס אויס נאָר אויף אַ צייט, זי מוז עס נעהמען צוליב דער קראַנקער מוטער, וואָס געניטינט זיך אַצינד אין דעם רעצעפּט, חאָס זעהר מעגליך, אַז דרינען הענגט אָב איהר לעבען. די אַלטע האָט בשעת־מעשה ביי איהר אין בעט דאָרט גראָד אַ שטאַרקען קרעכץ געטאָן, גאָלדע איז פערצאַפּעלט געוואָרען, גענומען ביי מיר מיט אַ ציטערדיגער אייז־קאַלטער האַנד דאָס געלד, אַרויפגעהאַפּט אויף זיך אַ שאַל און איז געשווינד אַרויסגעלאָפען פון שטוב...

ביי מיר אין שטיבעל בין איך איינמאָל שפּעט ביי נאַכט געלעגען אויף מיין געלעגער און נישט געקענט קיין אויג צוטאָן; עס האָט פון מיר זיך אָבגעטאָן דער שלאָף. די ליבשאַפט מיינע צו גאָלדען האָט מיך שרעקליך געפּייניגט, נישט געלאָזט רוהען און איך האָב מיך גענומען טראַכטען, וואָס קען פאָרט דערפון ווערען? ביז וואַנען נאָך וועל איך מיך אַזוי פּייניגען און נישט ברענגען די זאַך צו אַנ׳עק. נאָר אויף וואָס פאַר אַנ׳אופן אָבער ברענגט מען עס צו אַנ׳עק? — חתונה האָבען? נאָר דאָס איז פאַר מיר זעהר אַ שווערע זאַך, דאָס לוינט מיר נישט סכּמה טעמים: ערשטענס, וועל איך דורכדעם מוזען אויסטרעטען פון דינסט ביי איסר׳ן, און אַוועקגעהן פון איסר׳ן הייסט אַזוי פיעל ווי אָבזאָגען זיך פון פערדינען גרינג געלט, פון אַ גליקליכען לעבען אָהן צער, אָהן מיה. אָהן קאָפּוועהטאָג און אויפגעבען אַלע מיינע האָפנונגען אויף שפּעטער; צווייטענס, חאָס וועל איך ביי איהר נעהמען? נאָרנישט! זי איז דאָך הויל נאַקעט אַזוי ווי די מאַמע האָט זי געבוירען. זי וועט מיר אָנהאָבען אַ סך קינדער, פּופּקעלעך, וואָס וועלען מיר פאַרדרעהען דעם קאָפּ, איך וועל אויפעסען דאָס ביסעל געלד און וועל דערנאָך בלייבען אַ קבצן, אַ טויגעניכטס, אַ לא־יוצלח צו קיין זאַך נישט אין דער וועלט, וועל ליידען.





פערשוואַרצט ווערען, ווי איך בין אַ מאָל אין דער זעגנד פערשוואַרצט געוואָרען, און צוליב וואָס? צוליב אַ ליבשאַפט!... איסר, האָב איך געטראַכט, וואָלט אוים מיר זיכער געמאַכט דעם גרעסטען געלעכטער.

ליבשאַפט איז נישט מעהר ווי אַ שען פּנים׳ל, אַ וויפּענבולבע, וואָס שפּילט פאַר׳ן אויג אין אַלערליי וואונדער־שענע קאָלירען און פּלוצלים צושפּרינגט עס, מען ווייסט נישט, וואוהין עס קומט אַהין. דאָס איז אַ שפּילכען, אַ קליינינקייט, וואָס מען בעדאַרף עס טאָקי נאָר פאַר אַ קליינינקייט בעקימען און וואָס עס לאָזט זיך זעהר גרינג איינהאַנדלען. אבי מען איז נאָר קיין שוטה נישט. ליבשאַפט — דאָס איז אַ דעקטוך, אונטער וועלכען עס לאָזט זיך גרינגער איינער דעם אַנדערען צו זיך אויף אַ צייט אַריינצונאַרען. דאָס איז אַ קונציג אויסגעאַרבייטע נעץ, צו פאַנגען דרינען שוואַכע מענשלעך, וואָס צוקריכען ווי אַ שנעע און צוגיסען זיך באַלד, ווי מען נימט זיי נאָר עפּיס אַ וואָרם״... — אַזוי האָט געזאָגט איסר וואַרנער.

זאָל איך קיין נאַר נישט זיין און דערגרייכען מיין וואונש אָט טאָקי אויף דעם פּראָסטען אופן?... נאָר דאָס איז אָבער אַ ריינע אונמעגליכקייט. ווי איך האָב געקענט גאָלדען, איז גאָר אונמעגליך געווען אַזעלכעס אפילו צו טראַכטען. זי האָט תמיד געקענט עפּיס זיך אַזוי האַלטען, אַז מען האָט געמוזט האָבען פאַר איהר דרך־ארץ און די צונג האָט זיך נישט געלעגט אַרויסרעדען איהר אין די אויגען עפּיס אַ מיאוס וואָרט. איינמאָל האָב איך מיך אַרויסגעכאַפּט מיט עפּיס נישט אַזאַ שען ווערטעל, וואָס ביי אַנדערע געהט עס איין, נישט צומאַכען דערויס קיין שום פּירוש, האָט זי דערביי געמאַכט עפּיס אַזאַ מינע, אַז איך בין בטל געוואָרען און אַ קעלט איז מיר דורכגעלאָפען אין אַלע מיינע אברים. ניין! אַזעלכע ווי גאָלדע לאָזט זיך נישט איינהאַנדלען, אַריינגאַרען... מען זאָל אפילו קלוג זיין ווי צעהן רוחות. וואָכ־זשע דען, לאָמיך איינגאַנצען אַ שפּיי טאָן און זי פאַרגעסען? דאָס, האָב איך געפיהלט, איז איבער מיינע כּוחות, גיכער וואָלט איך מיך אָבגעזאָגט פון מיין לעבען איידער פון איהר. די ליבשאַפט מעג זיך זיין, ווי איסר זאָגט, טאָקי אינגאַנצען אַ שפּילכע, אָבער איך האָב אַזאַ שפּילכען בשום אופן נישט געקענט אַוועקוואַרפען. איך האָב געטראַכט, געטראַכט און ווידער געקומען צום ערשטען — אין ברירה, טאָקי חתונה האָבען! אי, וואָס,

דאָס קען מיר דאָך שאַטען צום עסק? נו, דערצו וועט מען מוזן געפינען עפּיס אַ פּאָרטעל, מאַכען עפּיס אַ פּשרה, עס זאָל אי אַהין אי אַהער גוט זיין. חתונה מוז מען האָבען און וואָס גיכער איז אַלץ בעסער. מעהר פּלאָגען זיך האָב איך שוין קיין כח נישט. עס מוז באַלד נעהמען אַ ג׳עק. גאָלדע בעדאַרף זיין מיינע!... מיט דעם דאָזי׳ געדאַנק בין איך איינגעשלאָפען און געהאַט זיסע גוטע חלומות

אויפגעשטאַנען בין איך אַביסעל שפּעטליך אויפ׳ן טאָג און האָב בּיי מיר אָבגעמאַכט, עס זאָל אפילו דונערן און בליצען, מוז איך היינט פאַרנאַכט מיט גאָלדען מיך דערקלערען. דענסטמאָל איז גראָד געווען פאַר פּסח, גאָלדען איז זעהר איינג געווען, זי האָט בעדאַרפט זעהר פיעל האָבען און נאָך נישט געהאַט קיין אָנהויב אויף יום-טוב. צו מיין זאַך איז דאָס געווען פּונקט די בעסטע צייט. אַז איך בין געקומען צו גאָלדען, האָב איך זי געטראָפען איינע אַליין זיצענדיג איבער דער אַרבּייט. די אַלטע איז געלעגען אין בעט אונטער די שפּאַנישע-ווענטלעך, און שיינדעלע נעבען איהר. מען האָט פון דאָרט נישט מעהר געהערט ווי אַ הוסטען — דאָ הוסט די אַלטע און דאָ שיינדעלע, ביידע האָבען געקייכט אין איין אָטהעם, גלייך ווי זיי האָבען זיך פאַרהערט, חער פון ביידע קייכט שטאַרקער. דערצו האָט נאָך צוגעגרילצט אַ גריל, און אינאיינעם איז אַרויסגעקומען עפּיס אַ משונה-שרעקליכער קאָנצערט. גאָלדע איז געווען פאַרזאָרגט, אַלץ גענעהט, געמאַכט מיט דער נאָדעל און נישט פאַרגונען זיך אפילו אַ רגע אויפצוהויבען דעם קאָפּ.

איך האָב מיר אָנגעהויבען אַ שמועס מיט מוסר זאָגען, האָב גע-מוסר׳ט גאָלדען, פאַר וואָס זי האָרעוועט אַזוי איבער די קרעפטען, פערלירט איהר געזונד און האָט נישט קיין רחמנות אויף זיך אַליין, נישט אויף דעם הויזגעזינד, וואָס האַלט זיך איינגאַנצען נאָר אויף איהר, און נישט אויף איהרע גוטע פריינד, וואָס איהר געזונד איז זיי שטאַרק טייער און וואָלטען פאַר איהר דאָס לעבען אַוועקגעגעבען... גאָלדע האָט בּיי די דאָזיגע ווערטער אויף מיר אַ בליק געטאָן און אין דעם בליק איז געלעגען עפּיס אַזוינס, וואָס איז שווער איבערצוגעבען. איך האָב געערדט נאָך מעהר בעהאַרצט, וואָס ווייטער-ווייטער אַלץ מיט מעהר פייער און בין אַרויס לסוף מיט דער גאַנצער שפּראַכע, אַז זי איז מיר ליעב ווי דאָס לעבען און איך וואָלט מיך געשעצט איבערגליקליך,





חען איך זאָל מיט איהר חתונה האָבען. גאָלדען איז די׳ נאָדעל פון די פינגער אַרויסגעפאַלען און זי איז געבליבען זיצען צומישט, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף ביידע הענד. אויף אַ פּאָר מינוט לערך בין איך אַנשוויגען געוואָרען, עס האָט מיך בעשלאָגען אַ שוויס און דאָס האַרץ האָט מיר שטאַרק געקלאַפּט, גלייך ווי איך וואָלט איבערגעגאַנגען אַ הויכען באַרג.

דאָס הוסטען און קייכען פון אונטער די ווענטלעך איז אַלץ געגאַנגען שטאַרקער און שטאַרקער. אַ צובראָכענע שויב פון פענסטער האָט זיך געשאָקעלט אַהין און אַהער פונ׳ם ווינד און צוגעקלאַפּט צום טאַקט עפּיס זעהר מרה-שחורה׳דיג. מיר האָט זיך געפּעגט ווייטער אַ מייל, איך האָב גערעדט מיט היץ, גערעדט-גערעדט און אַלץ איינגערעדט גאָלדען. איך האָב געשילדערט איהר איצטיגע לאַגע, ווי זי איז געקוועטשט פון אַלע זייטען. איך האָב איהר אָנגעוויזען אויף דער קראַנקער, שלאַפער מאַמען מיט שיינדעלען, ווי זיי ליידען נעבעך און קומען אָב. נאָר צוליעב זיי אַליין בעדאַרף זי עס טאָן. בּיי מיר וועט דאָך זיי אַלע, אם ירצה השם, זיין גוט, מיר וועלען לעבען גליקליך און צופרידען, אַז גאָט און לייט וועלען הנאה האָבען. גאָלדע האָט מיר אַריינגעקוקט אין פּנים און הייסע טרעהרען אין גרויסע טראָפּענס, ווי פּערעל, האָבען איהר געטריפט פון די אויגען.

— לאָזט מיך צורוה, אַ קורצע צייט — האָט זי זיך אָנגערופען עפּיס מיט אַ קול פון געבעט, גלייך ווי איינער וואָס איז אין דער קלעהם — איך וועל מיך אַביסעל בעטראַכטען, זיך מישב זיין מיט דער מאַמע און אייך געבען אַ קלאָרע תשובה.

אַז איך בין געקומען אויף מאָרגען צו גאָלדען, האָב איך זי געטראָפען זיצענדיג אונטער די ווענטלעך נעבען דער קראַנקער מאַמען. די אַלטע האָט מיך אָנגענומען בּיי דער האַנד און געזאָגט, אָנווייזענדיג מיר מיט׳ן קאָפּ אויף גאָלדען, אַז זי ווילינט איין אָבצוגעבען מיר אין די הענד אַריין איהר טייערן בריליאַנט, איהר שאַץ, איהר מתנה פון זיין ליבען נאָמען; נאָר איך זאָל אָבער וויסען, ווי זי טייער צוהאַלטען, ווי זי צו שאַצען. דערבּיי מאַקי האָט זי צוגעשטעלט אַ פּונקט, אַז איך זאָל זיך אָבזאָגען פון מיין שטעלע, וואָרום ווי אַ גרויסער חשוב איך בין, פאָרט מאַקי בין איך דאָך נאָר אַ משרת; און איהר גאָלדעניו׳ן אָבגעבען פאַר אַ משרת איז איהר נישט לכבוד, אויך איז נישט לכבוד איהר מאַן, גאָלדעס טאַטען, עליו השלום, און איהר גאַנצער משפּחה. איך האָב

..ך אַקעגען דעם געשטעלט, איהר אויסגעזעהן ווי ס'איז נישט גוט, נישט קלוג, אַבצוזאָגען זיך פון אַזאַ גילדענער שטעלע, וואָס טראָגט מיר פיעל אַיין און איך קען דאָרט מיט דער צייט ווערען אַ מענש, וואָס אַ מענש הייסט.

— אַ סך מיוחסים, כ'לעבען — זאָג איך מיט גו,ות — ליגען מיר אַ מאָל צו די פיס, זענען מיר מקנא און וועלען מיר ערשט שפּעטער, אם ירצה השם, נאָך מעהר מקנא זיין. ניש'קשה! איך בין שוין איצט אַזאַ מיוחס ווי זיי אַלע. נאָר ווי די מעשה איז, אַצונד אַבזאָגען זיך איז וועהר קרום, אַ גרויסע עברה. לעת=עתה איז פיעל גלייכער אין אַלע אופנים, איך זאָל נעבען איסר'ן אי נאָך דער חתונה טאַקי ווייטער בלייבען. וואָס מאַכט עס אויס? זאָל זיך דאַכטען, איך בין אַ קרעמער און זיץ גאַנצענע טעג אין קלייט, אָדער איך בין אַ סוחר און פאָהר די גאַנצע וואָך אַרום. אין ליידיגע צייטען, ווי אויך שבת און יום=טוב, וועל איך מיר צוברענגען בייַ זיך אין דער היים. לעת=עתה מוז זיין אַזוי און שפּעטער איז דאָך גאָט אַ טאַטע... מסתמא וועט שוין זיין רעכט... אַי, וואָס, אייך קומט אַלץ פאַר פאַרט עפּיס משרת, ס'איז אייך עפּיס פריקרע פאַר דער וועלט, נו, וועלען מיר אָבמאַכען די חתונה שטיל אָהן דער פּאָמפּע, אָהן רעש, אָהן געפּילדער און זיך מוזען בענעהן אָהן די אַלע מיוחסים. אָט פון וועמען, מ'שטיינ'ס=געזאָגט, מען האָט דאָ צו רעדען!...

דער שפּיץ איז געווען, מיינע רעד זענען אָנגענומען געוואָרען, און מיר האָבען געמאַכט אַ האַנדשלאַג.

— זעה=זשע, זאָלסט אָבהיטען מיין ברילי‏אַנט, חשוב האַלטען מיין קינד, מיין טייערע נשמה! — האָט די אַלטע נאָך אַ מאָל מיך געבעטען און זיך צווויינט. נאָלדע מיט שיינדעלען האָבען אויך געוויינט, געחליפּעט, און איך בין דענסטמאָל געווען אויף דעם זיבעטען הימעל פאַר פרייד, וואָס מיר איז געראָטען אָבצומאַכען די זאַך גלאַט, אַזוי ווי איך האָב מיר געוואונשען.

ל"ג=בעומר אין אַ שענעם טאָג בין איך מיט נאָלדען אינאיינעם מיט דער מוטער און שיינדעלע זיך דורכגעפאָהרען נישט וויט אין אַ דערפעל, און פאַר אַ מנין יודען דאָרט אָבגעשטעלט אַ שטילע חתונה.



# כא

די ערשטע צייט נאָך דער חתונה האָב איך געהאַט מיט נאָלדען זעהר אַ גוט לעבען. אַלע אין שטוב זענען צופרידען געווען. איך בין טאַקי ווי פריהער געווען בייַ איסר'ן אין הויז, האָב מיך געהאַלטען אין איהם אייזענ=פעסט און געאַרבייט אין מיין זאַך זעהר געשמאַק, נאָך פיעל געשמאַקער ווי אַ מאָל. מיר איז קיין רגע נישט אַרויס פונ'ם זינען, אַז איך בין אַ בעווייבטער און בעדאַרף האָבען געלד. איך האָב מיר גוט איבערגע'חזר'ט אין קאָפּ די אַלע הלכות „קליין מענשעלע" מיט אַלע פירושים פון רב איסר'ן, אויך מיט מיינע אייגענע הגהות, וואָס איך האָב דרינען ווי אַ למדן מופלג אויפגעטאָן שטאַרק שכל'דיגע גאָר אַ חריפות. לאָז די וועלט פון איצט אָן פיהלען, וואָס פאַר אַ גרויסער למדן, וואָס פאַר אַ כלי=שלמה, אַ צאַצקעלע איך בין, לאָז זי גוט טאַקי פיהלען, אַז איך האָב אַ חייב, אַז איך בין אַ בעל=הוצאה און בעדאַרף היינט אַ סך האָבען; לאָז זי געבען געלד און אויסשטעהן מיינע הוצאות. ניש'קשה, די וועלט איז נישט קראַנק, דער רוח ווע̈ט זי נישט נעהמען! — אַזוי האָב איך בייַ מיר אין האַרץ אָבגעמאַכט און אַרויפגעצווינגען די מקחים אויף מיינע אַלע אָנשטעלען, וואָס איך האָב אָנגעהויבען שטאַרק מיט חשק צו מאַכען.

איסר'ס גביר, דער גרויסער בער, האָט געטאַנצט בייַ איסר'ן אין דער אויבער=קאָמעדיע, און איסר אַליין האָט געטאַנצט ווי אַ בערעלע אין מיין אונטער=קאָמעדיע. מיר האָבעןביידע געהאַט גרויס שפּע. דער נאַרישער עולם איז בייַ איטליכער געלעגענהייט צו אונז געגאַנגען בעטען, אַז מיר זאָלען טאָן, מיר זאָלען העלפען, און דערפאַר געצאָהלט געלד אין טאָג אַריין. מיר האָבען געמאַכט די שפּיל און זענען ביידע געווען צופרידען. איך האָב בעקומען אַ גרויסען חשק צו געלד, וויפיעל איך זאָל נישט געווען פערדינען, איז מיר אַלץ ווייניג געווען, און האָב שטאַרק געציטערט איבער'ן קערבעל.

אין דערהיים בייַ מיר האָט מען געלעבט זעהר קאַרג. איך פלעג

זעהן אײַנשפּאָרען, אײַנקאַרגען, ווי ווײַט נאָר מען קען, און זעהר ברוגז זײַן, אַז ס'פּלעגט אַוועקגעהן אַן'איבעריגער גראָשען. די אַלטע פּלעגט זיך דערויף בלאָזען און אַ מאָל זאָגען, אַז איך צעהל די גרויפּען אין טאָפּ אַרײַן און פערגין קײנעם נישט דעם ביסען. איך פּלעג מיך צוריק בלאָזען, און איהר געבען שטעכווערטלעך, אַז אויף פרעמדס איז איטליכער אַ וותרן; אַז מען זאָל מיך אומזיסט האָדעווען — מהיכא־תיתי, וואָלט איך אויך קײן קאַרגער נישט געווען. גאָלדען פּלעגען אַזעלכע ווערטער קרענקען, זי פּלעגט אַזש געל און גרין ווערען, און נישט אײנמאָל נאָר איז צוליעב דעם צווישען אונז אַרויסגעקומען אַ רוגז. ס'איז אַ מאָל געגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז איך האָב מיאוס מיך צוקריגט מיט גאָלדען, זי גראָב באַליידיגט, געזידעלט ווי אַ משרת קען, בין איך אין כעס אַרויסגעלאָפען פון שטוב, אַ שטאַרקען קלאַפּ געבענדיג מיט דער טיר, און אַקעגען אַ וואָך נישט געקומען אַ הײם.

די פריערדיגע הייסע ליבשאַפט מײַנע האָט אַלץ וואָס ווײַטער־ווײַטער זיך אָבגעקיהלט. גאָלדע'ס שען פּנים איז בײַ מיר געוואָרען אַ געוועהנטליכע זאַך, איך האָב שוין דרינען גאָר נישט עפּיס אַזוינס אַרויסגעזעהן, אַ פּנים ווי אַלע פּנים'ער מיט אַ נאָז, מיט אויגען. גאָלדע האָט בײַ מיר פערלאָרען דעם חן און אויסגעזעהן פּראָסט אַ ווײַבעל ווי אַנדערע ווײַבלעך. איך האָב אין־האַרץ חרטה געהאַט אויף דעם גאַנצען שידוך. צו וואָס האָט דאָס מיר געטויגט, האָב איך בײַ מיר געטראַכט, נעהמען מיר אַזאַ שווערען יאָך, אַ גאַנצע געזינד, וואָס פרעסען מיר אָב דעם קאָפּ און ברענגען מיך אום? נאָר אַ בייזע שעה איז אויף מיר דענסטמאָל אָנגעקומען, וואָס איך האָב מיך געלאָזט פערפיהרען פון אַ שען פּנים'ל און אויסגעבראַכט דערויף אַזוי פיעל געלד. וואו איז דענסטמאָל געווען מײַן שכל, מײַן פערשטאַנד? האָב איך מיך גע'חידוש'ט; ווי קום איך צו אַזאַ נאַרישקייט? איך האָב אַלץ בײַ מיר גערעכענט, וויפיעל די נאַרישקייט האָט מיר אָבגעקאָסט, מיט וויפיעל איך וואָלט איצט רײַכער געווען, אַז איך זאָל זי נישט גענוהען טאָן. און דאָס האָט מיך שטענדיג געערגערט אַזוי, אַז איך פּלעג מחמת דעם זיך אַלץ קרימען, קוקען אויף איטליכען אין שטוב מיט אַ פינסטער פּנים און האָב נישט גערעדט דאָרט מיט קײנעם קײן גלײַך וואָרט. אין אַ צײַט פון אַ פּאָר יאָהר איז גאָלדע פון מיר גענוג אויסגעשטאַנען, זי האָט געהאַט פון מיר די נאָל, נאָר זי האָט אַלצדינג אַראָבגעשלונגען און פּלעגט אַפילו נישט הויך ווײנען, קײן פּיפּס אַפילו נישט געטאָן.





אין מיטען־דרינען בעדאַרף זיך גראָד טרעפען, אַז דער גרויסער גביר, הגדול והנורא, בײַ וועלכען איסר איז געווען די נשמה, זאָל נאָר פלוצלים אַ שטאַרב טאָן און די ווינט־מיהל מוז בלײַבען שטעהן — די רעדער קענען מעהר זיך נישט דרעהען!... מיט דעם גביר'ס טויט ווערט מײַן רב איסר אוים נשמה, און מיט רב איסר'ס אוים־נשמה־ווערען ווער איך דאָך אויך ממילא אוים נשמה, אוים אַלץ מיט־אַנאַנדער. דער עולם האָט ביסלעכווײַז זיך אַרומגעקוקט, זיך אָבגעהאַלטען ביז ער האָט מיט דער צײַט שוין גאָר אויפגעהערט צו געהן מיט בקשות צו איסר'ן. דערצו נאָך איז איסר'ן שוין טאַקי שטאַרק צוגעטרעטען דאָס עלטער, ער איז געוואָרען אויסגעוועפּט, עפּיס נאָר עובר־בטל, נישט דאָס פּנים, נישט דער שכל, די חכמה, וואָס אַ מאָל. הײַנט אַז איסר איז אוים חשוב געוואָרען, פאַרשטעהט זיך דאָך, בין איך אויך אוים חשוב געוואָרען און שוין מעהר נישט געגאָלטען, אַקוראַט ווי אַן'אָבגעריבענע מטבע. בײַ איסר'ן בין איך נאָך אַלץ טאַקי געבליבען דער אײגענער חשוב, און נישט אויפגעהערט בײַ איהם צו גילטען; נאָר ווי באַלד אָבער ער האָט מיר שוין מעהר נישט געקענט נוצען, האָב איך איהם בעדאַרפט אויף נײַנציג טויזענט כפּרות, איך האָב איהם אַזוי געהערט ווי אין טשערנעוויץ די מגילה. אַזוי האָט דאָך געזאָגט איסר וואַרגער! זײַנע ווערטער. איך האָב דאָך בקבלה טאַקי פון איהם אַליין. איך האָב נישט לאַנג געטראַכט און אָבגעטראָטען פון איסר'ן, וואָס ער האָט בײַ מיר אַ פּנים געהאַט ווי אַ נבלה.

אַ גע'פּגר'ט בעשעפעניש מאַכט אויף דעם מענשען נישט אַזאַ טרויעריגען, שלעכטען רושם, ווי אַ בעשעפעניש, וואָס איז „ווי גע'פּגר'ט" און האָט נאָך פאָרט אַ סימן לעבען. איך זאָג עס אַקעגען מיר און אַקעגען נאָך אַ סך נפשות, ווי אַ שטײגער, אַקעגען אַן'אויסגעוואָרענעם בעל־טאַקסע, אַן'אָבגעזאָגטען שתדלן, אַן'אויסגעמאַכטען מאַכער, אַ וואַכענדיגען כלי־קודש און אַלערלײַ מיני פערשוועכטע, אַראָבגעוואָרפענע קהל'ס־לײַט. מילא אַ פּגירה איז חאָטש אַ פּגירה, עס לעבט נישט און בעדאַרף נישט קײן שום זאַך; יענע לײַט אָבער, יענע נפשות, אַז זיי ווערען אוים און פערלירען זייער פּרנסה, אין וועלכער דאָס חיות זייערע איז געהאַנגען אַ צײַט מיט יאָהרען — זיי נעבעך ווערען אמת טאַקי פּגירות, אָבער לעבעדיגע צאַפּעלדיגע פּגירות, פּגירות — וואָס ווילען עסען, טרינקען, חאָטש אַ ביסעל משקה, און בעדאַרפען אַלצדינג טאַקי האָבען! נאָר וואָס העלפט עס אָבער, אַז זיי קענען זיך נישט רירען;

אַז זי זענען, לא־עליכם, גרויסע ביטערע קאַליקעס, האָבען, דאַכט זיך, אַ מויל, הענד און פיס און טויגען נישט פון דאַנען אַהין!...

דאָס האַרץ, כ'לעבען, רייסט קוקענדיג אויף אַזעלכע לעבעדיגע פּנירות, אַזעלכע שלים'מזל'דיגע, מחילה, פאַרשטונקענע בעשעפעניש!

אָט אַזאַ מין בעשעפעניש בין איך געוועזן, נאָכדעם אַז איך האָב אָבגעטראָטען פון איסר'ן. איך האָב נישט געוואוסט, וואָס מען טהוט, צו וואָס מען נעהמט זיך, ווארום חוץ מיין קליין מענשעלדיגע פּרנסה האָב איך דאָך גאָר נישט געקענט און צו קיין שום זאַך נישט געטויגט. די לאַנגע מינע איז דענסטמאָל געווען זעהר אַ שלעכטע. איך האָב געלעבט פונ'ם גרייטען: געביטען קערבלעך און געגעסען. און ביי איטליכען קער־בעל, וואָס איך האָב צוביטען, איז מיר אָבגעפאַלען אַ שטיק פלייש, געשטאָרבען געוואָרען אַנ'אבר. שטענדיג בין איך געווען אין כעס, האָב קיינעם אין שטוב נישט פערגונען דאָס לעבען און צו איטליכען בעזונדער זיך געזוכט. ביי איטליכען גראָשען, וואָס איך האָב גאָלדען געגעבען אויף דער הוצאה, פלעג איך איהר פערצאַפּען דאָס בלוט, אַלץ זאָגען: וואָס וויל מען פון מיר האָבען? איך קען נישט אויסהאַלטען אַזאַ געזינד.

די אַלטע האָט פון מיר געקייעט די ערד, זי האָט זיך פאַרעסען און האָט פאַר האַרצווערטאָג מסוכן קראַנק זיך אַריינגעלעגט אין בעט אַריין. מען האָט געזעהן, אַז עס עקט זיך דאָס לעבען, זי וועט נישט געדויערן לאַנג, איך בין זיך מודה, אַז איך האָב איהר געוואונשען דעם טויט און עס האָט מיר אין האַרץ הנאה געטאָן, וואָס באַלד וועל איך פטור ווערען פון אַ מויל, און די הוצאה וועט קלענער ווערען. דעריבער האָב איך מיך פאַרשטעלט, זיך געמאַכט, כלומר'שט ווי איהר קרענק ריהרט מיך ביי דער נשמה, איך בין גאָר אויס מענש. איך האָב נישט געקאַרגט אויף קיין דאָקטאָר, אויף קיין אַפּטייק — אַבי גיכער זי זאָל שוין זיך איבערפּעקלען... איך האָב זי בעדינט ווי אַ געטריי קינד, גאַנ־צע נעכט נישט צוגעמאַכט קיין אויג, איהר איינגעגעבען די רפואות און געטראַכט דערביי: ווען וועט דער מלאך־המות דיך שוין צונעהמען? ביי איטליכען אין שטוב בין איך געהויבען געוואָרען פאַר מיין געטריישאַפט, דערפאַר וואָס איך לעג מיך דאָ אַזוי אַוועק און מען האָט מיר פאַרגעסען אַלע צרות, וועלכע מען איז פון מיר פריהער אויסגעשטאַנען. גאָלדע פלעגט מיך אָפט טרייבען פון דער מוטערס בעט, איך זאָל געהן אָבי־כעל מיך אויסרוהען, נאָר זי האָט עס ביי מיר בשום אופן נישט געקענט פועל'ען





— געה דו — האָב איך איהר דערויף געזאָגט — דו, נעבעך, געה לעג זיך אָביסעל צו און איך וועל מיר דאָ בלייבען אַליין, ניש'קשה.

איך דערמאָן מיך איצט מיט שרעק יענע ווינטערדיגע נאַכט, ווען די אַלטע איז געלעגען שטאַרק פאַרדולט מיט פאַרגלאָצטע אויגען, גע־רעדט עפּיס נישט צו דער זאַך און אין האַרץ האָט ביי איהר שרעקליך געחריפעט, אַזוי אַז מען האָט געהערט אויף דער גאַנצער שטוב, גלייך ווי עמיצער האָלט געזעגט האָלץ. גאָלדע איז נישט טויט נישט לעבעדיג געזעסען נעבען בעט אויף אַ ביינקעל מיט רויטע פערוויינטע אויגען און געבראָכען די הענד. שיינדעלע, די אויסגעבליכטע, אויסגעדאַרטע, אויס־געפריקענטע שיינדעלע, האָט מיט אַ פינסטער פּנים געקוקט אויף דער נוטה־למות'ר מאַמע, געקוקט און געחליפעט, און חליפענדיג זיך שרעקליך פער־הוסט. פלוצלים האָט די אַלטע זיך אויפגעזעצט, געקוקט אויף איהרע קינדער און טיעף פונ'ם האַרצען דערלאַנגט אַ זיפץ.

— איך בעט דיך — האָט זי אויף אַ שלאַף קול צו מיר זיך אָנ־גערופען, נאָכדעם אַז זי האָט פריהער אַקעגען אַ מינוט שווייגענדיג מיך אָנגעקוקט מיט אַזאַ בליק, וואָס האָט מיך דורך און דורך דורכגע־נומען אין אַלע גלידער — איך בעט דיך, האָב רחמנות אויף מיינע קינ־דער! זיי בלייבען, נעבעך, עלענד ווי אַ שטיין — יתומים אָהן פאָטער און מוטער, אָהן אַ קרוב, אָהן אַ גואל... איך וועל רוהיגער געהן פון דער וועלט, רוהיגער ליגען אין קבר, אַז דו וועסט מיר עס הייליג צו־זאָגען און טאַקי מקיים זיין...

זי האָט ווידער אַ מאָל אַ זיפץ געטאָן, אַרויפגעלעגט איין האַנד צו גאָלדען, די אַנדערע צו שיינדלען אויפ'ן קאָפּ און זיי געבענשט שטילערהייט, קוים־קוים וואָס מען האָט געהערט איהר קול. ביידע קינדער זענען צושמאָלצען געוואָרען וויינענדיג און צוגעפאַלען צו דער מוטער, וואָס האָט זיי געהאַלזט, געקושט, צוגעקוועטשט צו איהר האַרץ. זי איז באַלד טאַקי אָהן כח אַנידערגעפאַלען ווידער אויף איהר געלעגער, זיך אומגעקעהרט מיט דעם פּנים צו דער וואַנד, אַ חראָפּע געטאָן — און אַנשלאָפען געוואָרען אויף אייביג...

גאָלדע מיט שיינדלען האָבען אַרויסגעלאָזט אַזאַ יאָמער, אַזאַ ביטער קלאָג, אַז אַ שטיין האָט עס געקענט אַפילו ריהרען. איך האָב פאַרשטעלט דעם פּנים מיט ביידע הענד און — ס'איז אַ וועהטאָג.

א חרפה, א שרעק צו זאָגען — און עפּיס א שמייכעל גענומען צופרידען. ווי איך וואָלט פון מיר א שווערע משא אראָבגעוואָרפען.

די אַלטע, דאָס איז געווען לעת־עתה דער צווייטער קרבן, וואָס איז דורך מיר געפאַלען. שפּעטער אביסעל האָט בעדאַרפט געהן א גאַנג אויך דער דריטער קרבן — די דאָרע איינגעבריקענטע שיינדעלע!..

# כב

מיר איז דערנאָך שטאַרק נמאס געוואָרען צו זיצען אין דער היים מיט פארלייגטע הענד, און לאָזען שימלען די גוטע מתּנה, דאָס שטאַרקע געפיהל פון א קליין מענשעלע, וואָס איך האָב אין מיר געהאַט. א עברה, כ'לעבען, אז אזא געפיהל זאָל פערפאַלען ווערען, אזא גוטע מתּנה זאָל פוילען, חערען א לענגער־סחורה, אין דער צייט אַז איך בין נאָך יונג מיט אַלע קרעפטען און וואָלט דערמיט געקענט מאַכען דאָס בעסטע געשעפט, געהן אין גאָלד! איז דען נאָר, האָב איך געטראַכט, איין צבוע'טשיץ א וועלט, און ווייטער איז שוין מעהר נישטאָ קיין אַנדערע שטעדט מיט יודען, וואו מיין סחורה זאָל האָבען אַנ'אָבגאַנג? די וועלט, ברוך־השם, איז גרויס. עס זענען דאָ נאָך יודישע שטעדט. יודען זענען אומעטום יודען מיט איין טבע, מיט איין כאַראַקטער, און יודישע מאַכערס, יודישע גבירים זענען אויך דאָ, אָהן עין־הרע, ווי מיסט, וואָס לאָזען זיך מסתמא נעהמען אויף דער אַרענדע און וואָס מען קען מיט זיי מאַכען די שפּיל! צו וואָס־זשע זאָל איך פערוויסטען מיין לעבען, פוילען דאָ אין דער היים ביז איך וועל אויפעסען מיין ביסעל געלד און ליידען דערנאָך דחקות, צרות און לייד ווי א מאָל, וואָס אַז איך דערמאָן מיך נאָך אַ צונד, ציטערט אויף מיר די הויט און עס שטעלען זיך מיר קאַפּויר די האָר? ניין, בלייבט ביי מיר, מען טהאָר דאָ מעהר אַזוי נישט זיצען! כל־זמן איך בין נאָך יונג און האָב נאָך שענע עטליכע גילדען, מוז איך פּריווען דאָס גליק און אויף מזל זיך אָוועקלאָזען.

— זיי געזונד! — האָב איך אין איין שענעם מאָרגען געזאָגט גאָלדען, וואָס איז דענסטמאָל געווען מעוברת, און בין אוועק אין דער וועלט אריין.

גלופּסק איז דער בעסטער פּלאַץ, וואָס איז מיר באַלד געפעלען. דאָ איז א גרויסע יודישע שטאָדט מיט א סך נאַראָנים, וואָס לאָזען זיך

פיהרען ביי די נעז פון איטליכען בעזונדער און איטליכער טראָגט נאָך די נאָז זיינע אַקעגען, שטופּט זיך מיט איהר פאָראויס, בכדי מען זאָל זי אָננעהמען ביי איהם צום ערשטען, ווייל ער מיינט, אַז לאָזען זיך פיהרען ביי דער נאָז איז אַ חיוב, אַ יודישע זאַך, וואָס אַנדערש קען עס גאָר נישט זיין. גלופּסק איז אַ שטאָדט מיט זעהר פיעל חברות, מיט אַלערהאַנד גבאים, מיט אַלע מיני כלי־קודש און מיט אַלערליי שענע יודען. און גאָט שפּייזט פון די געהערנערטע בופלאָקסען ביז די אייער פון די כנים, ער שיקט דאָרט די דאָזיגע מיני בעשעפּעניש אויך צו זייער פרנסה בכבוד. קורץ, גלופּסק איז מיר באַלד טאַקי זעהר געפעלען, פאַר מיר אַקוראַט ווי געוואונשען. זי איז פאַר מיר געגען דאָס, וואָס אַ שטענדיגע זומפּיגע בלאָטע איז פאַר אַ זשאַבע, וואו זי קען זיך קוואַקען און צופיהרען אַביסעל די הענד.

דענסטמאָל בין איך אַלט געווען אַ יאָהר דריי־פיער, און, מי יודע, אפשר פינף, זעקס, זיבען און צוואַנציג יאָהר. איך האָב מיינע יאָהרען נישט געצעהלט, און ווי אַ סך יודען ביי אונז, אין יענער צייט, נישט געוואוסט, ווען איך בין געבוירען געוואָרען, און דאָס איז אויך נישט געשטאַנען פערשריבען, — וואָרום אַזוי, פאַרשטעהט איהר, איז געווען גלייבער... און גאָר אַ חוץ דעם, צו וואָס האָט עס געטויגט וויסען? דער טאָג פון געבוירען ווערען איז ביי מיר, ווי ביי אַנדערע יודען, נישט קיין יום־טוב. יאָהר־צייט פונ'ם יום־המיתה — דאָס געדענקט אַ יוד, אָבער יאָהר־צייט פונ'ם געבורטס־טאָג — צו־וואָס? עס קומט אויס עפּיס משונה ווילד. געלד האָב איך ביי מיר געהאַט, און דעריבער איז מיר גרינג געווען בעקאַנט צו ווערען מיט די גלופּסקער פיינע בריות. זאָגען פלעג איך זאָגען, אַז איך טראַכט דאָ מאַכען עפּיס אַ געשעפט, אָבער אין אמת אַריין האָב איך גאָר אַרויסגעקוקט אויף מיין אַרענדע, וואָרום חוץ דער אַרענדע האָב איך געטויגט אויף ניין און ניינציג כפּרות. מיין גאַנצע כונה איז געווען צו נעהמען דאָרט דעם גרעסטען גביר אויף דער אַרענדע און מאַכען כיט איהם די קאָמעדיע, ווי רב איסר אַמאָל מיט זיין גביר

חי איהר ווייסט דאָך, איז דער גלופּסקער גביר געווען אַ גרויסער פּאָרנעהם אין דער גובערניע. זיין כח איז געווען גאָר קיין קאַטאָוועס נים. און ווי גרויס, אַזוי פּראָסט איז ער ביי זיך געווען. ער האָט ליעב געהאַט זיך אָבצוגעבען מיט אַלע נאַרישקייטען, און צו ווי־





סען אַלצדינג, וואָס פערלויפט זיך אין שטאָדט, וואָס קאָכט זיך ביי איטליכען אין טאָפּ. און דאָס איז דאָך פאַר מיר געווען טאַקי אַזוי ווי אָנגעמאָסטען, אַזעלכע ווי ער האָב איך טאַקי ווי אין לעבען אַריין בעדאַרפט האָבען. מיט אַזאַ כח ווי ער, האָב איך געפיהלט, קען מען דרעהען רעדער, קעהרען וועלטען. נאָר ווי אַזוי אָבער קומט מען צו איהם? ווי אַזוי דערטאַפּט מען איהם אין די הענד אַריין? דערצו, האָב איך אַרויסגעזעהן, קען מען אַנדערש נישט קומען, סיידען צו ווערען אַ עכטער גלופּסקער תושב, אַריינצודרעהען זיך ווי אַ איינער צווישען די גלופּסקער כלי־קדש און ווערען מיט זיי פערקניפּט און פערבונדען. איך האָב אָנגעהויבען מכח דעם שטאַרק צו טראַכטען.

דערווייל איז אַוועקגעגאַנגען אַ היבשע צייט און איך בין מיט דעם פּלאַן אַלץ וואָס ווייטער מעהר בעקאַנט געוואָרען. שדכנים האָבען מיך נישט געלאָזט רוהען און אַרום מיר זיך געדרעהט, ווי די בינען. זיי איז געפעלען געווען, אַז איך בין אַ אַלמן. פון וואַנען זיי האָבען דאָס גענומען, ווייס איך אַליין נישט. פאַר זיי איז, אַ פנים, גענוג געווען דאָס אַליין, וואָס איך בין אַ מאַנסביל און זיץ אַ צייט אָהן אַ ווייב, מסתמא בעדאַרף איך און וויל חתונה האָבען, אַנדערש האָט זיי זיך גאָר נישט געליינט אין קאָפּ. דעריבער פלעגען זיי מיך בעפאַלען ווי די היישרעקען און מיר אָנשלאָגען שידוכים. איך פלעג זיי צוהערען תמיד מיט אַ שמייכעל און ביי מיר טראַכטען, וואָס אַרט עס מיך, לאָזען זיי זיך רעדען, עס איז דאָך דערווייל גלאַט גוט, אַ פערגניגען צו שמועסען פון כלות, צו פערבריינגען די צייט אין אַ שמועס איבער שענע מיידלעך, און דוקא מיט חעמען? מיט פרומע יודען, וואָס רעדען פון מיידלעך, שטעלען אַרויס זייער שענקייט, זייער פיינקייט, חאָס לויבקן־אָב אין טאָג אַריין זייערע מעלות און לעקען פון זיי די פינגער מיט גרויס חשק און התלהבות... מהיכא־תיתי, האָב איך געטראַכט, לאָזען יודען זיך רעדען, אפילו צוועצטערהייט, וועמען קען עס אַרען?... די שדכנים האָבען דערחייל מיך צוטראָגען אויף טעלערלעך און מיט זייערע רעד מיך אַריינגעבראַכט אין אַ גוטען שם ביי דער גאַנצער שטאָדט: אַז איך בין שטאַרק רייך, אָנגעשטאָפּט מיט געלד, אַ יחסן, אַ קלוגער, אַ בריה — אַ מענש, איך זינג גאָר מחיה, דערצו בין איך נאָך אַ דימענט, אָהן אַ גאַל, מיט אַ יודיש האַרץ און מיט גילדענע מעלות. גאַנץ גוט, האָב איך מיר געטראַכט, רעדט, רעדט, יודישע קינדער, נאָט

איך אַ טרונק בראָנפען און רעדט ווי מיט איהר קענט!... איינער פון די שדכנים האָט מיר צו לעצט אָנגעשלאָגען אַ שידוך, דוקא נישט קיין געלד, אָבער מיט אַ גרויסען פיינע=בריה, מיט אַ בעריהמטען יחסן, איינער אין דער וועלט

דער גרויסער פיינע=בריה, מיט וועלכען מען האָט מיר גערעדט, האָט געהייסען מיט אַ פיערגאָרענדיגען נאָמען: רב יוסף=מאָרקעל רב מאָניש=לייבעלעס. ער איז געוועזען איינגעטונקט אין יחוס, געשטאַמט פונ׳ם פּאַרציימיגען גלופּסקער רב׳ם געזונד. כל ימיו האָט ער קיין האַנד אין קאַלט וואַסער נישט אַריינגעטאָן, נאָר פון דעם יחוס זיינעם תמיד זעהר שען געלעבט און אויסגעגעבען קינדער. גאָט האָט איהם געליימזעליגט מיט אַ סך דאַרע, שוואַרצע, מיאוסע מיידלעך, צו אַלע מעלות נאָך גרויסע שלימזלניצעס, נאָר ער האָט זיי אַלע אויסגעבראַכט, ווי מען זאָגט, אויפ׳ן לויט. גרויסע נגידים, ווי אַ שטייגער, אויפגעקומענע משרתים, פּלוצלים רייך=געוואָרענע קליינע מענשעלעך, פּלעגען פּשוט אויסגעהן מיט רב יוסף=מאָרקעל רב מאָניש=לייבעל׳ס זיך משדך צו זיין און זיך איינקויפען דורכדעם אין יחוס. קוים האָט זיינע אַ טאָכטער דערלעבט אַלט צו ווערען פערצעהן, פופצעהן יאָהר, האָט זיך שוין געפונען אויף איהר אַ בעלן, [וואָס ער] איז געשווינד פערלאָפען אַנדערע דעם וועג, אויסגעכאַפּט די טייערע מציאה פון זיינע הענד און נאָך איהם געגעבען אין ביטעל אַריין. דאָס מיידעל, וועלכע מען האָט מיר גערעדט, איז געוועזען נאָך שוואַרצער, מיאוס׳ער פון איהרע אַלע איבעריגע שוועסטער, מיט אַ אויסגעהייקט פּנים׳ל, קליין, דאַר, ווי גרוגרת דר׳ צדוק — אַ פייג הייסט עס, ר׳ צדוק׳ס אַ אויסגעטריקענטע פייג!... אין פערגלייך מיט גאָלדען האָט זי אַ פּנים געהאַט ווי אַ מאַלפּע אַקעגען אַ מענשען. דער שדכן אָבער האָט אין איהר קיין שום חסרון נישט געפונען, ביי איהם אין די אויגען האָט זי געהאַט דעם יודישען חן.

— מילא — האָט ער געזאָגט — מילא, אַז זי איז אַביסעל מונקעל, אָדער ווייס איך נאָך וואָס אַזוינס, נו מילא, וואָס מאַכט עס אויס? ווער קוקט אויף אַזעלכע נאַרישקייטען און וועמען בעדאַרפען אַזעלכע קליינינקייטען אָנגעהן? מילא וואָס מאַכט עס אַ יודען אויס שוואַרצליך צי ווייסליך אַביסעל? עט, אַלץ איינס, ב׳לעבען! דער עיקר איז דאָך דער קרן אַליין... אָט אזוי האָט מען





בעדאַרף קוקען. און אויב דער קרן, וואָס איך גיב אייך דאָ פאַר, איז גוט — דאָס, דאַכט זיך, קען אַ בלינדער אפילו אויך אָנטאַפּען.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז איך האָב געלאַכט פון דעם שדכן׳ס ראָזינע ווערטער. פונדעסטוועגען האָב איך הנאה געהאַט איהם אויסצוהערען און דער שדוך איז מיר אַלץ וואָס ווייטער מעהר אין קאָפּ אַריין. עס האָט זיך מיר געעפענט די אויגען און איך האָב דערזעהן, אַז דער איינציגער וועג, אויף וועלכען איך קען קומען צו מיין אָרענדע און מאַכען אַ גליק, איז טאַקי נאָר דורך אַזאַ מין שידוך. רב יוסף=מאָרקעל רב מאָניש=לייבעל׳ס איז דאָך אַ כלי=קודש, אַ קאָהלעפּעל, אַ גבאי אין אַ סך חברות איז איינגעזעהן ביי דעם גביר, וואָס לעגט אויף איהם גרויס כבוד או האַלט זיך מיט איהם עצות מכח יודישע זאַכען, היינט אַז איך זאָל ווערען זיינער אַ איידעם, וואָלט איך דאָך געוואָרען זעהר גרינג דעם גביר׳ס נשמה, ער וואָלט דאָך ביי מיר געטאַנצט נאָר אַ וואונדער. איך וואָלט געוועזען געהאַט שפע, אַריין אין די גרויסע אלפים און געלעבט גליקליך, נאָך אַ סך בעסער ווי איך האָב מיר אַ מאָל פאַרגעשטעלט! נאָר אַי, וואָס, דער קרן? זי איז דאָך מיאוס? נו, מילא, באמת טאַקי, וואָס מאַכט עס אויס! נו אַז גאָלדע איז אַ שענע, מילא וואָס=זשע קומט מיר פון איהר שענקייט אַרויס? אַלצדינג איז גוט מיט ברויט...

איך האָב מיך דערמאָנט אין גאָלדען, און געהאַט גרויסע צרות, וואָס זי הענגט מיר ווי אַ קאַלטען און איז אויסען אויף מיין נשמה. איך האָב זי אין הארצען געשאָלטען און געטראַכט, ווי מען ווערט פון איהר פטור.

דער שדכן האָט דערווייל געטאָן זיינס, מיר אַלץ געפּיקט, געפּיקט דעם קאָפּ און געזאָגט, אַז באַם איך וועל מיך נישט איילען, וועט אונטערשפּרינגען אַ אַנדער בעלן און וועט אויסכאַפּען אַזאַ גליק, אַזאַ כשר׳ע מציאה ביי מיר פון די הענד. עס וועט מיר דערנאָך משונה באַנג טאָן. איך האָב מיך געלאָזט איינרעדען און דער שדכן האָט מי אַ בריה מיך פּלוצלים צונויפגעפיהרט מיט רב יוסף=מאָרקעל רב מאָניש לייבעל׳ס, פאַר וועלכען ער האָט אָנגעזאָגט אויף מיר הרים=וגבעות און אויסדערצעהלט שבחים, נאָך מעהר ווי אויף אַ יודענס מצבה. אַלץ גוט, אַלץ שען, נאָר דער עיקר, וואָס דער מחותן האָט געפאָדערט, אי

געווען, איך זאָל נישט האָבען פונ'ם ערשטען ווייב קיין קינדער. פרעמדע קינדער אָנהענגען זיין טאָכטער האָט ער נישט געוואָלט בשום אופן. איך האָב איהם פערזיכערט, אַז איך האָב נישט קיין קינדער, דער שדכן פון זיין זייט האָט איהם וועגען דעם געשוואָרען ביי זיינע הייליגע נאמנות, אי ביי זיין חלק עולם=הבא וכדומה נאָך אַזעלכע מיני שבועות... מיר האָבען למזל געמאַכט אַ תקיעת=כף און אָבגעלעגט די תנאים אויף אַ קורצע צייט שפעטער. איך האָב מיך גענומען געשמאַק טראַכטען, צו געפינען עפּיס אַ מיטעל, ווי איך זאָל דערוויל אין דער דאָזיגער צייט לויז ווערען פון גאָלדען — שאַ, שטיל, קיין האָהן זאָל נישט קרעהען.

---

## כב

אַקעגען אַ דריי וואָכען נאָך דעם תקיעת=כף איז אין צבועטשיץ אָווענד=צייט אַריינגעפאָהרען אַ פויר און זיך אָבגעשטעלט נעבען גאָלדעס שטוב. אַ קאַלטע לופט האָט געוועהט און אַראָבגעבלאָזען פון אַ טייל ביימער די געלע בלעטלעך, וואָס האָבען ליגענדיג אויף דער ערד זיך שטילערהייט געשושקעט צווישען זיך עפּיס זעהר אומעטיג און אָנגעמאַכט אויפ'ן האַרץ אַ מרה=שחורה. פונ'ם פויר איז אַרויסגעקראָכען אַ מענש, וואָס איז פאַמעליך צוגעגאַנגען צו דער טיר און געבליבען דאָרט אַביסעל שטעהן מיט אַזאַ מינע, גלייך ווי איהם וואָלט עפּיס פריקרע געווען אָנצונעהמען ביי דער קליאַמקע. דער דאָזיגער פאַרשוין איז געווען טאַקי איך מיט מיין כבוד אַליין.

ביים אַריינקומען אין שטוב האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרץ און איך בין געבליבען שטעהן נעבען דער טיר אָהן לשון. גאָלדע איז איינע אַליין געזעסען אויף דער ערד, אין אַ ווינקעל, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ, מיט דעם פּנים אַראָב, אויף אַ בּיינקעל, גלייך ווי זי האָט געדרעמעלט און נישט בּעמערקט ווי איך בין אַריינגעגאַנגען. אויפ'ן פענסטער האָט מיט אַ רויטען פלאַם געבּרענט אַ חלב'דיג ליכטעל, דערביי איז געשטאַנען אַ גלאָז וואַסער מיט אַ שטיקעל ליינווענט. איך האָב באַלד פערשטאַנען, וואָס דאָס אַלצדינג בּעטייט, און אין מיר האָבען געקאָכט פערשידענע געפיהלען. איך האָב מיך דערמאָנט אין מיין ערשטען אַריינקומען אַהער, ווי פרעהליך, ווי שען דאָ האָט דענסטמאָל אַלצדינג אויסגעזעהן; ווי שטאַרק צופרידען האָט דאָ אַ מאָל זיך געלעבּט אַ אָרמע פאַמיליע! אַלע דאָ אין שטוב האָבען זיך ליעב געהאַט, האָבען געהאַט גוטע האָפנונגען אויף שפּעטער, און מיט דער האָפנונג געלעבּט דערוויל זעהר גליקליך. פּלוצלים האָב איך מיך אַהער אַריינגעחאַפּט, ווי אַ קאַץ אין אַ נעסט פון גליקליכע, צופרידענע טויבען און האָב פון איטליכען געמאַכט אַ עק. מיכל איז ערגיץ פערוואָגעלט, נישט צו וויסען, וואו זיין

געבליבן איז הינגעקומען, די אַלטע מוטער און שיינדעלען האָב איך גע־טריבן אין דער ערד אַריין, און אַצונד וויל איך אינגאַנצן עקען מיט גאָלדען — פערוויסטען איהר אויף אייביג דאָס לעבען...

איך האָב געטאָן אַ טריט ווייטער. גאָלדע האָט ווי פון שלאָף זיך אויפגעכאַפט און מיך אָנגעקוקט אַ רגע, עפּיס ווי צומישט. מיט איהר בלייך פּנים, אויף וועלכען ס'איז געלעגען אויסגעדריקט די גרויסע צרות, וואָס זי איז אויסגעשטאַנען, אי מיט איהרע רויטע פערשוואָלענע אויגען, אין וועלכע עס האָט זיך אָבגעשפּיגעלט איהר פינסטער געמיטה, האָט זי אין מיר אויף אַ ווײַלע דערוועקט אַ מענשליך געפיהל פון רחמנות און איך האָב נישט־ווילענדיג אַ זאָג געטאָן: וואָס מאַכסט־דו, גאָלדע?

— אַ טייערער גאַסט, כ'לעבען! — האָט גאָלדע מיט אַ טיפען, ביטערען זיפץ זיך אָנגערופען און אוועקגעקעהרט דעם קאָפּ — נאָך אַזאַ לאַנגע צייט שווייגען האָט ער זיך פאָרט דערמאָנט און איז געקומען מנחם־אבל זיין דאָס ווייב!... אָט וואָס איך מאַך, שבעה זיץ איך... אַך, שיינדעלע, שיינדעלע!...

— גאָלדע! — האָב איך אַ זאָג געטאָן, געמאַכט עפּיס מיט דער צונג און אַליין נישט געוואוסט, וואָס איך רעד. אַזוי צומישט בין איך געבליבען פון איהרע לעצטע ווערטער, וואָס זי האָט עס געזאָגט אַזוי טרויעריג, אַז עס האָט געקענט ריהרען אפילו אַ שטיין.

— ווייסט און פינסטער איז מיר דאָס לעבען. איך וואָלט מיר בעסער געזאוגשען דעם טויט, ווען נישט ער... קום! — האָט גאָלדע, אויפשטעהענדיג פון דער ערד, געזאָגט שוין ווייכער אַביסעל, מיך אַריינגעפיהרט אין אַלקיר אונטער די ווענטלעך און איז מיט מיר צו־געגאַנגען דאָרט צו אַ וויגעלע, וואָס אינוועניג איז געלעגען אַ שלאָפענדיג קינד, מיט ביידע צוגעמאַכטע הענטלעך אויפ'ן מייַלכען און אַ זיס שמייכעלע איז איהם צייטענווייז איבערגעפלויגען איבער דעם פּנים'ל — אָט, צוליב וועמען איך וויל לעבען! — זאָגט זי, אָנווייזענדיג מיר אויף דעם קינד און דאָס פּנים ווערט איהר דערבײַ לעבעדיגער, פרעהליכער.

דאָס קינד האָט פלוצלים געעפענט די אייגל'עך, זיך גענומען ווינגען אַ פינגערל, געבעבעט און געמאַכט קינדערשע אָנשטעלען. די מאַמע האָט נאָר אָנגעקוואָלען און פאַרגעסען אין דער מינוט איהרע ביטערע צרות, גלייך ווי זי אַליין איז געוואָרען אַ קינד





— קוק נאָר, זוהן — האָט זי אויף קינדעריש גערעדט צום קינד — קוק נאָר, ווער דאָ שטעהט: טאַ־טאַ! מיט ליעב דיר דיין גאַסט! אָט איז דיין טאַ־טאַ, טאַ־טאַ!...

עס האָט אין מיר פלוצלים אָנגעהויבען צו זידען דאָס בלוט, איך האָב דאָך דעם מחותן געגעבען אַ וואָרט, אַז איך האָב נישט קיין קינד און אַצונד זעה איך נאָר ליגט פאַר מיר דאָ אַ קדיש, וואָס טויג מיר כּלל נישט צום עסק. דאָס געפיהל פון רחמנות איז מיר באַלד אויסגעלאָשען געוואָרען, איך בין געשטאַנען אָנגעלאָדען מיט אַ ברוגז'דיג פּנים און אָנ־געקוקט בייז דאָס אומגליקליכע קינד, געבעך, וואָס האָט אָנגעהויבען צו מאַכען פיסקעלעך און שטאַרק צושריגען זיך.

— שאַ, שאַ! — האָט גאָלדע צו איהם געמאַכט — שאַ, נאַרעלע, וואָס האָסט דו אַזוי מורא פאַר'ן טאַ... פאַר דיין טאַ־טאַ? — און בשעת זי בויגט זיך אָן צום קינד, נעהם איך אַרויס פון בוזעם־קעשענע אַ גע־שריפטס און טהו עס געשווינד אַ וואָרף איהר אין די הענד אַריין מיט די ווערטער:

— אָט האָסט־דו דיר עס פון מיר אַ גט!...

גאָלדע בלייבט שרעקליך צומישט, גלייך ווי מען וואָלט איהר גע־געבען מיט אַ האַק איבער'ן קאָפּ, זי גלאָצט אויס אַ פּאָר גלעזערנע אוי־ען און קוקט, נישט צו רעדען אַ וואָרט.

— הער נאָר אויס, גאָלדע! — רוף איך מיך אָב צו איהר — ווי די מעשה איז, דו ביסט מעהר נים מיין ווייב, מיר געהערען זיך שוין ביידע נישט מעהר אָן. נאָר אַז דו וועסט קיין נאָר נישט זיין, נישט מאַכען דערפון קיין רעש און האַלטען בײַ זיך דאָס קינד, וועל איך דיך מסתמא נישט פערלאָזען און וועל דיר צייטענווייז צושיקען עפּיס געלד.

בײַ די דאָזיגע רייד מיינע האָט גאָלדע אויסגעשאָסען עפּיס מיט אַ משונהווילדען געלעכטער, אַזוי אַז איך האָב געמיינט, זי איז זיכער אַראָב פונ'ם זינען. דער דאָזיגער ווילדער מין געלעכטער איז איבער־געגאַנגען דערנאָך אין אַ ביטער געשריי,

— אַרויס — צושרייעט זי זיך אויף מיר, נעהמט אָן אַ שטאָלצע מינע — דו ביסט נישט ווערטה, רשע, אַ רגע צו בלייבען דאָ אין שטוב, וואו עס האָבען געלעבט אַ מאָל ערהליכע לייט, וואָס זענען דורך דיר

גענאַנגען פון דער וועלט! זיי רוהיג, איך וועל אזא פאַרשווין ווי דו נישט נאָכיאָגען. ס'איז מיר גאָר אַ חרפה צו זאָגען, וועמען איך האָב געהאַט פאַר אַ מאַן. מעגסט דיר גאַנץ רוהיג תתגנה האָבען! איך און מיין קינד בעדאַרפען מיר דיין הילף נישט האָבען! כל זמן איך לעב, וועל איך מיר, נישקשה, מיט מיינע הענד כשר פערדינען אונזער בעדערפעניש. אַרויס פון דאַנען, זאָג איך דיר, און פאַרגעס נאָר, אז דו האָסט ערגיץ אַ קינד. אַרויס, אַרררויס!...

איך האָב געשווינד מיך אַרויסגעחאַפּט פון'ם שטוב און בין באַלד טאַקי אין דער איינענער נאַכט אוועקגעפאָהרען.

## כד

דער שווער מיינער רב יוסף־מאַרקעל רב מאָניש־לייבעל'ס איז געווען אַ טייער שליסעלע, וואָס האָט געעפענט פאַר מיר אַלע טירען פון די גרעסטע גלופסקער פיינע־בריות און מיר ענטפּלעקט אַ סך סודות פון דער גאַנצער כנופיא שטאָדט־פיהרער. זיין יחוס און זיינע זכות־אָבות זענען מיר בייגעשטאַנען, צו ווערען אַ שענער ייד. אַ גבאי אין חברות, אַריינצושטעקען די נאָז אין שטאָדט־זאַכען און צו נעהמען לסוף דעם גלופסקער גביר אויף דער אַרענדע. אָט דענסטמאָל ערשט האָב איך אָנגעהויבען ווערען אין שטאָדט אַ גאַנצער טהוער. געמאַכט מיט דעם בער מיינעם די שפּיל כּדת איסר וואַרגער, און יודען האָבען געצאָהלט פאַר אַלע אָנשטעלען אין טאָג אַריין. איך האָב כּחוש טאַקי אַרויסגעזעהן איסר'ס ווערטער, אַז „אַזאַ טייער, אַזאַ גוט, אַזאַ גאָלדען און אַזאַ נאַריש פאָלק, ווי יודען זענען, איז אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ"...

מיין ודוי וועט איך דאָ געבען צו פאַרשטעהן: אַ מעשר מן המעשר פון מיין דרך און פון מיין אויפפיהרונג אין מיין לעבען.

על חטא שחטאתי באיש־קטן — דאָס טייטש: אַ קליין מענשעלע. אַ כּפּרה, האָב איך געזאָגט, אַלע מלאכות אין דער וועלט. פון זיי קען מען אייביג נישט אויפקומען, מען בלייבט דערנידעריגט, דערשלאָגען, תמיד דעראונטער, דאָס כּפּרה־היהנדעל. לאָזען אַנדערע אַרבייטען, פון מיינעטוועגען האָטש די כּפּרה ווערען, איך אָבער וויל לעבען, זיין אַ ליידיגגעהער און טאַקי גוט לעבען.

ועל חטא שחטאתי בארענדע — די אַרענדע מיינע, וועהר אַ גרינגע איינבּרענגענדיגע פּרנסה, האָט מיר פערשטאָפּט דאָס האַרץ. איך האָב ניט געגלויבט אין אמת, אין אָרענטליכקייט, אין רחמנות, אין פריינדשאַפט און אין אַלע אַנדערע גוטע מענשליכע געפיהלען. איך האָב נישט מעהר געוואוסט נאָר דאָס, וואָס מיר טויג, וואָס מיר נוצט און

נעריסען בײַ איטליכען, אי בײַ אַרעמע, אי בײַ אַלמנות און יתומים, ווי ווײַט איך האָב נאָר געקענט. אז אַ אָרעמאַן האָט פאַר מיר געוויינט, געגאָסען טײַכען טרעהרען, האָט עס מיך נישט אָנגעהויבען צו ריהרען. וואָס טויג מיר טרעהרען, פלעג איך בשעת מעשה טראַכטען, גיב בעסער געלד! תן לי הרכוש והדמעות קח לך — דאָס הייסט אויף קליינמענשעלדיג לשון: „זשיד דאַוואַי גראָשי!“ אָדער; הונד, גיב געלד און מיט די טרעהרען וואַרג זיך אַליין!...

על חטא שחטאתי בבל תשחית — דאָס טייטש, מען טאָר ניט פערדאַרבען, און איך האָב יאָ פערדאָרבען. איך האָב גענומען אַ גביר, גאָטס אַ מין בעשעפעניש אויף צווי פיס מיט אַ פנים, אַ געשטאַלט ווי בײַ אַ מענשען און געמאַכט פון איהם אַ בער.

ועל חטא שחטאתי בבהמה זו — וואָס איך האָב געזינדיגט מיט דער דאָזיגער בהמה. דער פירוש דערפון איז אַזוי: אַלע בײַ אונז יודען קוקען, ווי דער שטייגער איז, דעם גביר אין מויל אַריין און ווילען איהם צובאַמקען אין אַלצדינג, וואָס זיי טהוען. אין זייער גאַנצער אויפפיהרונג: אין זייער פרומקייט און אמונה־זאַכען, אין זייער מגדל זיין די קינדער, אין זייער לעבען בײַ זיך אין דערהיים און אין מאַרק, זעהט זיך בעשײַנפערליך אַרויס דעם גביר'ס גוסט, זײַן געשמאַק און זײַן כאַראַקטער. די אַלע דאָזיגע הנהגות פון עפּיס אַ שטאָדט, גוטע צי שלעכטע, קלוגע צי נאַרישע, געווענדט זיך זעהר פיעל טאַקי אין דעם, וואָס פאַר אַ מין מענש דער דאָרטיגער גביר איז. דעריבער, אַז איך האָב מיט מײַן גביר, די בהמה, געמאַכט נאַרישע העוויות, וואָס האָט אונז שטאַרק געפּאַסט צום עסק, זענען דורכדעם אַ סך טאַקי געוואָרען בהמות און האָבען, נעבעך, זיך מיאוס נאַריש געמאַכט. וואָס מעהר נאַרישער, איז אַלץ אויסגעקומען שענער, יודישליכער. אַ נאַר האָט אָנגעהויבען שטאַרק צו גילטען, ווער שמועסט דערצו נאָך אַיין עם־הארץ, דער איז נאָר אַרויף אויף אַ הויכער מדרגה... איך, וועה איז מיר, פלעג קוקען און הנאה האָבען פון מײַנע נאַראָנים. איך פלעג אויף זיי קוקען ווי דער אָקסענהענדלער אויף זײַנע אָקסען און מיט אַ פרעהליך הארץ אָבשאַצען דעם ריוח, וואָס מען קען פון זיי האָבען.

על חטא שחטאתי בגלוי־הוראות — דאָס הייסט ענטפּלעקונג פון נײַע מיני דינים. דײַנים, מורי־הוראות, די האָב איך געהאַלטען אין מײַנע הענד, זיי האָבען געמוזט טאָן אַלצדינג, וואָס איך האָב געהייסען





אויפטאָן אַזוינע משונה'דיג. נ. ב., פון וועלכע מען האָט קיינמאָל נישט געוואוסט, נישט געהערט. זיי האָבען גע'אסר'ט אַזעלכס, וואָס מען האָט געמעגט, וואָס כשר — געמאַכט טריף, אַלץ נאָר אַזוי ווי מיר האָט געטויגט, ווייל זיי האָבען דאָך נישט געקענט מיט מיר אײַנרייסען, אויס מורא, איך זאָל זיי חלילה נישט ברעכען פון ברויט. גרויסע נאַלגאַנסקע היהנער, אַ שטייגער, האָבען די דיינים, נעבעך, זיי געמוזט אסר'ן און אויסדרינגען, אַז זיי זענען גאָר מיני אָדלער, נאָר מהאי־טעמא, ווייל איך האָב אַזוי געהייסען, ווייל איך האָב געהאַלטען בלאַט מיט דעם בעל־טאַקסע, און איהם האָט דאָך נישט געטויגט, מענשען זאָלען זיך גלאַט עסען אַזעלכע גרויסע היהנער, אַזוי פיעל פלייש אָהן טאַקסע און וואָס פאַר זיי קומט־אַיין שחיטה־געלד, ווי פאַר קליינע היהנער

ועל חטא שחטאתי בדבור־פה — בדאָנאָסען הייסט עס. איז אײַנעם נישט געפעלען געווען אַ מאָל מײַנע הנהגות אין דער שטאָדט, ער האָט נישט געקענט צוזעהן דעם שרעקליכען שווינדעל, ווי מען פאַרבלענדט דעם עולם די אויגען; ווי מען פאַרדרעהט איהם דעם קאָפּ; ווי מען פיהרט איהם בײַ דער נאָז און מען פערפיהרט איהם ביז דעם האַלז אין מיאוסע בלאָטעס אַריין — אַזעלכען פלעג איך און מײַנע לײַט פערזאָרגען מיט אַ שפּרוך, מיט אַ „שיר־המעלה“, אַ דאָנאָסעל הייסט עס, וואָס מיר פלעגען שיקען אַהין, וואו מען בעדאַרף. און אויף אַזאַ אופן האָבען מיר אַ סך מײַלער פערשטאָפּט.

על חטא שחטאתי בהוקעס־פוקעס — איך פלעג מאַכען מיט דער רייף, צאַפּען פון דער וואַנד געלד, מאַכען פון שנײַ נאָמעלקעס, אַרײַן יענעם אין דער גרגרת, שטעהן פון דער הייטענס און דערלאַנגען אַ בים, מאַכען פון שוואַרץ ווײַס, רעדען מיט אַ מענשען און פון דער העלער הויט אַרומשטעקען איהם מיט פעדערען, חאַפּען פיש פאַר די נעז און מאַכען פונ'ם מויל אַ חאָליעווע, וכדומה נאָך אַזעלכע פאָקוסען, וואָס אפילו פיענעטע, דער בעריהמטער פאָקוסניק, איז נישט ביכולת געוועזן זיי צו מאַכען.

ועל חטא שחטאתי בוויבאָרעס — יענע מעלות, וועלכע מען בעדאַרף האָבען אין מענשען אויף אויסצוקלייבען זיי צו עפּיס אַ התמנות, ווי אַ שטייגער: עהרליכקייט, פערשטאַנד, אַ קאָפּ, אַ מויל און אַ פּען וכדומה — אָט די דאָזיגע אַלע מעלות, מיט וועלכע מען קען אַ פנים האָבען פאַר דער וועלט און פיעל נוצען ברענגען דער שטאָדט.

זענען פאַר מיר און פאַר מײַן כנופיה געווען גאָר חסרונות. איך האָב בעדאַרפט דוקא אַזעלכע, וואָס האָבען נישט קײַן פנים פאַר דער וועלט און קענען קײַן נוצען נישט ברענגען דער שטאָדט, וואָרום דאָס וואָס האָט געטויגט דער שטאָדט, האָט לחלוטין מיר נישט געטויגט. איך האָב נאָר בעדאַרפט האָבען עפּיס אַ לאַפּענמיצעל, אַ לאָ־יוצלח, אַ לע־דערנעם רישעל, וואָס איך זאָל איהם בײגען וואוהין איך וויל, וואָס פאַר אַ גראָשען זאָל ער פערקויפען זײַן נשמה, וואָס ער זאָל זיך שטאַרק מכניע זײַן און חנפה׳נען מיך מיט מײַן גאַנצען פּעקעל. און ווײַל דער גלופּסקער עולם איז דאָך געווען תמיד שטאַרק פערנאַרישט, ווי אַ קלײן קינד, און זיך געלאָזט פיהרען בײַ דער נאָז, דעריבער האָט ער תמיד בשעת וויבאָרעס אויף אַ גלאַסנע, אָדער אויף אַ רב וכדומה, אויס־געקליבען יענעם לאַפּענמיצל, יענעם טויגעניכטס, יענעם לעקיש, וועלכען איך האָב געוואָלט, און דורך וועלכען ער פלעגט דערנאָך בעקומען ביטשעהטאָג. וואָס ווייסט דען אַ נאַריש קינד צו בערעכענען, וואָס שפּעטער וועט זײַן? ער איז זעהר גערן צו פאָלגען אַלצדינג, אַבי מען גיט איהם אַ שמיר איבער די ליפּעלעך מיט אַביסעל וויין, מען רוקט איהם אַרײַן אין הענטעל אַ לעקעכעל און מען פערשטאָפּט איהם דאָס מויל מיט אַ קנישיקעל... אַז דערנאָך וועט איהם דערפון גרימען אין בײַכעל און עס וועט איהם באָקום אַרויספאַלען, נו מילא, וועט איהם מאַקי וועה טאָן. דעם עולם, דעם נאַרישען קינד מײַנעם, פלעגט דאָס קנישיקעל נישט בעקומען, ער פלעגט עס שפּעטער מאַקי אויסקרײַנקען און איז דורכדעם שטאַרק, נעבעך. פונ׳ם פנים אַראָב.

על חטא שחטאתי בחברות — צדקה־חברות האָב איך זעהר ליעב געהאַט פאַר דעם גרויסען נוצען, וואָס מען האָט פון זיי... מהעסקים בעקומען דאָך אַ נאָמען: בעלי־רחמים׳ס, כלי־קדש, און צו דעם ראָזיגען טיטעל פאַלט זיי נאָך שטילערהייט אויך צו אַ אָפּטער, זעהר אַ היבשער, אַ שענער גראָשען. מײַן שווער האָט דערגרייכט דעם טיטעל „דייסטוויטעלני טאַיני נבאי“, דאָס הייסט אַ נבאי, וואָס חברה׳ש געלד איז בײַ איהם אין די הענד בסוד־סודות און קײנער חוץ איהם ווייסט ניט, וואוהין דאָס געלט קומט אַהין... איך בין אויך אַרײַנגע־טרעטען אין אַ סך חברות און זיך דערדינט צום טיטעל נאמן, דאָס הייסט אײנער פון יענע מיני מתעסקים, וואָס מען גלויבט זיי אויף נאמנות: אַלצדינג וואָס זיי טהוען איז געטאָן און זענען נישט מחויב





קײנעם רעכענונגען אָבצוגעבען... מיר האָבען אַלע, איטליכער אויף זײַן שטײגער, געמאַכט חאַפּ־לאַפּ און אַלצדינג איז געבליבען „האַטע פּאָקרישקע“...

על חטא שחטאתי בטאַקסע — די טאַקסע פון פלײש אָדער דאָס קעסטעלע איז דאָס פער׳עיפּוש׳טע, אומרײַנע אָרט, וואָס דאָרט האַלטען זיך וואַנצען, וערעם און נאָך אַזעלכע מיני שרצים; זיי גיט בײַ אונז אַרויס יענע מיני מענשעלעך, יענע מיני שלעק, וואָס עסען־אָב דעם קאָפּ און טהוען־אָן גרויסע צרות; זיי איז אַ אָנשיקעניש, אַ פּלאָג, וואָס לאָזט זיך פיהלען אין יודישע אינטערעסען און האָט אַ חלק אין אַלע צרות. דורך דער טאַקסע זענען יודען קראַנק, דאַר, אויסגעמאָגערט און לײַדען ביטערע שלאַפּקײטען, וואָס געהען איבער בירושה פון דור צו דור. דורך דער טאַקסע געפינט מען זיך בײַ אונז תמיד אַ אויסרעד, ווי צו בערײַסע־דעם עולם. איטליכער גראָשען טאַקסע־געלד ציהט ווי אַ מאַגנעט צו זיך צו נאָך אַ סך יודישע גראָשענס, עס לעגט זיך אַלץ צו, עס ווערט אַלץ געהעכערט, געהעכערט אַ גראָשען אויף אַ גראָשען, ביז עס ווערט פון זיי אַ היבש בערגעל. דורך דער טאַקסע שפּרינגען וואָפּ־טעסוויז אַרויס און האָבען בײַ אונז אַ קיום יענע מיני נפשות, וואָס פערשווינדלען דעם עולם מיט אַלערלײַ נאַרישקייטען און נאַרען איהם אויס. עס שפּרינגען דורך איהר אַרויס און האָבען דורך איהר זייער גאַנצע יניקה די אַלע גאָטס־סטראַפּטשעס, קאָבלעפּעל, באַסאַקעס און אַלערלײַ מיני בעלי־טובות, וואָס נעהמען צו פשוט דאָס חיות מיט זייער גוטסקייט און פרומקייט. קורץ, דורך דער טאַקסע בעקומען אַ סך מענשעלעך בײַ אונז כח, די שליטה, צו טאָן אַלצדינג, וואָס זיי טויג און וואָס זיי ווילען. איך אַליין, וועה איז מיר, בין דאָך געווען אײנער פון יענע מענשעלעך. איך אַליין פלעג דאָך אויך זויגען פון דער טאַקסע און געהאַלטען פאַר איהר תמיד שטאָל און אײַזען, ווײַל איך האָב געוואוסט דעם סוד, אַז כל־זמן בײַ יודען וועט זײַן די טאַקסע, וועלען זיי בלײַבען אין גלות בײַ אַזעלכע משולעך, ווי איך מיט מײַ־גאַנצער כנופיא, מען וועט זיי קענען האַלטען אין דער מורא ווי קלײנע קינדער, אַרויספיהרען זיי אויף נאַרישקייטען, און טאָן מיט זיי אַלצדינג, וואָס מען וויל. איך האָב געהאַלטען פאַר דער טאַקסע און די טאַקסע האָט מיך געהאַלטען אויף די פיס. איך האָב געגעסען אומזיסט דאָס שענסטע, דאָס בעסטע פלײש, און די אָרעמע לײַט האָבען געצאָהלט טײַער און געגריזעט בײַנער. זאָל די אָרעמע לײַט, זענען

געווען די שאָף און איך דער וואָלף, איך האָב געביסען, געוואָרגען איך געגנוג יודיש בלוט און מיין לעבען אויסגעזויגען...

על חטא שחטאתי ביראת שמים — אלע פאַלשקייטען מיינע האָב איך אַריינגעלעגט אין דער יראה. עס פלעגט עפּים אויסקומען, אַז אַלצדינג, וואָס איך טהו, איז נור לשם־שמים, איך נעהם מיך אָן גאָט'ס קריוודע, און וויל פערהיטען זיינע יודען, זיי זאָלען בלייבען כאַקי דאָס, וואָס זיי זענען. און וייל פאַר מיר מיט מיין כּניפיא איז גלייכער געווען, אַז יודען זאָלען בלייבען נאַראָנים, דערשלאָגענע מענטשען, דעריבער קענט איהר דאָך שוין פאַרשטעהן, ווי מיר האָט ניט געשמעקט יענע קלוגע זאַכען, וואָס וואָלטען זיי געקענט עפענען די אויגען; ווי שטאַרק איך האָב, כלומר'שט פון גאָט'ס וועגען, מיך נאַריש געמאַכט און זיך אָבגעגעבען מיט אַלע קרעפטען, די מינדסטע נאַרישקייטען צו דערהאַלטען; ווי וויים פאַלש איך בין געווען און וואָס פאַר אַ מין טעם מיין יראת־שמים האָט געהאַט. איז אַ מאָל אָנגעקומען עפּים אַ גוטע זאַך אויף יודען, האָב איך עס גערופען אַ גזרה און אַיינגעוועגדעט אַלע מיטלען אינאיינעם מיט מיינע לייט, די דאָזיגע גזרה מבטל צו זיין. יודישע קינדער, אַ שטייגער, זאָלען זיך לערנען שרייבען, רעכענען, בכדי צו פערדינען דערנאָך זייער ברויט בכבוד, דאָס האָט ביי אונז געהייסען אַ גזרה. יודען זאָלען געהן שען און נישט זיין מעהר בזוי ומבוזה מיט יענע מאוס'ע קליידער וועלכע זייערע שונאים האָבען פאַרציימענס. זיי געצוואונגען זיך אָנטאָן, האָט ווייטער געהייסען אַ גזרה. תאמר איז דאָ אַ סברה, אַז די טאַקסע זאָל בטל ווערען, האָט אויך געהייסען אַ גזרה... דערווייל האָבען מיר צו די גזרות נישט דערלעגט, פאַרקעהרט, פיעל האָבען דערפון געמאַכט אַ פּרנסה און לעבען זיך דאָרט ערגיץ... גאַנץ שען נאָך ביז אַצינד. מיר, פּושע־ישראל, מיר אַ שטייגער, איז פון לאַפּעניצלעך און יאַרמולקעס, נישקשה געגנוג געלד אין קעשענע אַראָבגעפאַלען.

ועל חטא שחטאתי בכנופיה ובכל־ולך, בלשון הרע, במאַניפאַרגעס ובמסירות, בנצחנות, בסוף־שהור ובסוד־סודות, בעזות, בפאַקטרעווען, בצביעות ובציגיינעריש; בקאָמעדיעס, בקהל־שטיבעל ובקאַנטאָרען, ברכילות וברשעות; בשטותים, בשקרים, בשתדלנות ובשווינדעל; בתנועות ובתקיפות. דער פּרוש פון די דאָזיגע אַלע זאַכען לינט פון אויבען־אויף, און איך פערשפּאָר עס אייך גאָר צו דערקלערען.



# כה

אויבען האָב איך געזאָגט, אַז בטבע בין איך נישט געווען קיין נאַר, קיין שוטה, איך בין נאָר געווען אַ דערשלאָגענער, אַ פערוואָגעלטער, אַזוי מוז איך אַצינד בעמערקען, אַז כפי עס זעהט אויס, בין איך, אַ פּנים, פון דער נאַטור אויך נישט געווען אַזוי גראָב, שלעכט, נישט מעהר איך בין געווען פערפיהרט. די גרויסע צרות, וואָס איך בין אַמאָל אויסגעשטאַנען פון דער וועלט, און אויך איסר'ס תורות האָבען מיר פערשטאַרקט דאָס האַרץ און מיך געמאַכט שלעכט. נאָכ'ן אָבטאָן אַ שרעקליכע מעשה רע פלעגט אין מיר אַ מאָל דורכלויפען עפּים נישט קיין אַנגענעהמעס געפיהל, וואָס פלעגט מיך אויף אַ רגע אַ שטאָך טאָן ווי אַ שפּילקע, אָבער נאָר אויף אַ רגע און באַלד טאַקי אויפהערען. אָט האָט איהר, אַ שטייגער, גוטמאַנען! אַזאַ בראַווער אָרענטליכער מאַן מיט אַ גוט האַרץ ווי גוטמאַן, וואָס האָט מיך אַזוי פריינדליך בעהאַנדעלט, איהם, הערט אַ מעשה, איהם און אַלע אַנדערע זיין גלייכען, האָב איך געווייכט ווי אַ עיפּוש! איז מיר אַ די הענד נעקומען אַזעלכע ווי ער מיט ביכלעך, האָב איך איהם אָבגעטאָן שפּיצלעך ווי דעם ערגסטען שונא. ס'איז פון מיין זייט געווען טאַקי אַ מעשה רע, איך האָב עס אַ מאָל אויך טאַקי געפיהלט, נאָר פיינט האָבען אַזעלכע האָב איך געמוזט, אַנדערש האָב איך נישט געקענט.

„יענע לייט, וואָס מאַכען ביכלעך, אַ נישט געדאַכט ווערען זאָלען זיי! האַסען זאָל מען זיי, היטען זיך ווי פאַר פייער זאָל מען פאַר זיי! אַריינצוקריכען יענעם אין דער נרגרת זענען זיי אויסען, אָנצוטאָן צרות מיט זייערע בעשרייבעכטסען און שטעכווערטלעך. אלץ אגיל ואשמח — קיילעכדיג און שפּיצעכדיג איז ביי זיי. אַ נס, וואָס דער עזעל האָט קיין הערנער נישט, וואָס אַזעלכע אָנשיקעניש האָבען נישט קיין געלד," קיין גראָשען ביי דער נשמה, און זענען, געלויבט דער אויבערשטער, קבצנים, גרויסע דלפנים. זיי בעדאַרפען פאָרט אָנקומען צו אונזער גראָשען, זיסט.

האָלט געווען שלעכט! די איינציגע רפואה אַקעגען די וואַנצען, זיי זאָלען נישט אַזוי בייסען, איז ט גראָשען — פערשטאָפּען זיי דאָס מויל און אגב מאַקי אונטען-אַרום זיי בעגראָבען", — אַזוי האָט געזאָגט איסר וואַרנער!

און 'איסר'ס אַ וואָרט איז ביי מיר געווען אַ תורה!

נאָר דאָס אַלצדינג איז גערעדט געווען פריהער, אַז דער יצר-הרע פון געלד איז ביי מיר געהען זעהר שטאַרק, איך האָב ווי אַ גאָסקע אַלץ געזאָפּט-געזאָפּט, און די מורא פאַר'ן אָרימקייט מיט אַלע זיינע צרות און לייד איז מיר שטענדיג געשטאַנען פאַר די אויגען, וואָס-זשע פאַר אַ אָרט האָט געקענט ביי מיר אין האַרצען פאַרנעהמען אַ גוט געפיהל? העכסטענס איז עס ווי אַ בליץ דורכגעלאָפען און באַלד פערשוואונדען געוואָרען. שפּעטער אָבער, אַז איך האָב מיך איבערגענוג אָנגעזאָפּט, שוין געחאַפּט די זעט, די מורא פאַר'ן אָרימקייט איז שוין אַוועק אין דער זייט, דער יצר-הרע איז געוואָרען שוואַכער, — דענסטמאָל האָט זיך אין מיר גערירט דער פערשלאָפענער יצר-טוב, איז אַרויס פון אַ פערבאָרגענעם ווינקעל טיעף אין מיין האַרץ מיט אַ שטיקעל מוסר, פריהער געלאַסען, שטיל, געצעהלטע ווערטער, און וואָס ווייטער-ווייטער האָט ער זיך צורעדט אויפהויבענדיג דאָס קול, אַלץ העכער און העכער, בייזער און בייזער. אומשטענדען אַזוינע, נישט קיין גוטע, מיט וועלכע איך בין אין די לעצטע יאָהרען געפריווט געוואָרען, זענען געווען ווי בוימעל אויפ'ן פייער פון גיהינם, וואָס האָט געברענט אין מיר.

דאָס ווייב, זאָגט מען, איז דאָס הויז. ווי דאָס ווייב, הייסט עס, אַזאַ פּנים האָט דאָס הויז. און ווי איך האָב אַרויסגעזעהען, איז דאָס טאַקי אמת. מילא פון מיין ווייב וויל איך דאָ ניט רעדען. איך בין איהר מוחל... די רעדע איז דאָ פון מיין הויז. מיין הויז, זאָג איך, האָט קיין פּנים ניט געהאַט, איז געווען פערלאָזט, דאַכט זיך, נגידי'ש מעבעל, צאַצקעלעך, צירונג; נאָר דאָס אַלצדינג אומריין, שמוציג, מיאוס דערויפצוקוקען, אַ פּנים ווי אַ שוואַרץ-יאָהר. עס האָט דאָרט געהערשט אַ מרה-שחורה, געשמעקט מיט חורבה, אינגאַנצען נישט ווי אַ הויז בעדאַרף זיין. אין די יונגע יאָהרען, אַז איך בין געווען מיט לייב און לעבען אַריינגעטאָן אין דעם קערבעל, תמיד הו-האַ, פלעג איך מיך נישט-וויסענדיג מאַכען — מילא, עס, גאָרנישט! און אַז מיר האָט זיך געוואָלט אַ מאָל





אַביסעל לעבען, אָנטאָן זיך תענוג, פלעג איך עס זוכען אין דער פרעמד. אויף דער עלטער אָבער, אַז עס ווילט זיך האָבען רוה, זיצען אַ מאָל צווישען היימישע, ביי זיך אין שטוב, האָב איך שטאַרק געפיהלט די עלענדקייט, דאָס אומגליק מיינס, אַז איך האָב נישט קיין היים און דאָס האָט געפיהרט דערצו, אַז מיר איז נישט ניחא געוואָרען דאָס לעבען. בעטראַכטענדיג מיינע אַלע מעשים, אַרום און אַרום, האָב איך שטאַרק בעדויערט, אַלץ געזאָגט: רבונו-של-עולם, אַי, האָב איך געזינדיגט! און אַלץ מיך געפרעגט: צו וואָס, געוואַלד, האָט עס מיר געטויגט, אָט די גאַנצע מיה, די אַלע זאַכען מיינע? צו-וואָס די רייכקייט, פאַר וועמען?... צוויי קינדער מיינע, שוואַכע, קרענקליכע, זענען מיר אויך נישט לאַנג געשטאָרבען, דאָס האָט מיר געבראָכען דאָס האַרץ, און דערשלאָגען ווי פון אַ דונער האָב איך מיט אַ ביטער געמיטה אַלץ געפרעגט דאָס אייגענע טאַקי: צו וואָס איז די רייכקייט, אַז איך בין אַזוי עלענד, אַז איך האָב נישט קיין דאָס... קיין הויז, קיין היים מיין איך? אַי רבונו-של-עולם, איך האָב אַזוי פיעל געזינדיגט — געוואַלד, צוליעב וועמען?!

אָט דענסטמאָל פלעגט מיר אַלץ זיך פאָרשטעלען דער גוטער און שטילער גוטמאַן. ווי פריינדליך, ווי צוגעלאָזט ער איז צו אַלע מענשען געווען. ער איז געווען, נעבעך, אַ אָרימאַן, נאָר ווי געלויכטען, געפינקעלט האָט אין איטליכס ווינקעלע ביי איהם אין שטוב! וויפיעל פערגניגען האָט ער געקליבען פון זיין שענער טייערער ווייב, אַ גילדערנע בעל-הבית'טע, און פון זיינע גוטע, געלערענטע קינדער, וואָס האָבען איהם הערצליך געשעצט און געליבט! ער האָט געליטען דחקות, פונדעסטוועגען ווי לוסטיג און צופרידען ער איז תמיד געווען...

אַ מאָל, געדענק איך, האָט זיין ווייב, נעבעך, זעהר געוויינט. ס'איז שוין געווען נאָהענט צו פסח, אינגאַנצען עטליכע טעג, און דאָ איז נאָך נישט געווען אין שטוב קיין סימן אויף יום-טוב. ער האָט מיך אַרומגעשיקט אַ גאַנצען טאָג מיט ביכלעך, נאָר קיינער האָט זיי אין די הענד אפילו נישט געוואָלט נעהמען. איטליכער, צו וועמען איך האָב אָבגעטראָגען קוויטלעך, האָט שטאַרק פאַרדרעהט די נאָז און מיר נישט געענטפערט קיין גוט וואָרט. די מאַדאַם, די גוטע טייערע מאַדאַם, זיין געטריי ווייב, וואָס האָט איהם שטאַרק ליעב געהאַט, האָט נעבעך געוויינט און איז געווען זעהר פעראומערט.

— אַך — האָט גוטמאַן זיך אָנגערופען און זי געטרייסט — זיי-

כ׳לעבען, נישט, נשמה מײנע, מיט דײנע טרעהרען! אונז איז נאָך בעסער ווי אַנדערע רײכע דורך שווינדעל, וואָס מאַכען יום-טוב פֿון נישט-כשר פֿערדינטע געלד. מיר האָבען חלילה בײ קײנעם נישט צוגענומען, קײנעם קײן שלעכטעס נישט געטאָן. מיר לײדען?... נאָר פֿאַר דעם אמת צו לײדען איז פֿיעל בעסער און שענער ווי פֿון דעם שקר גליקליך צו זײן. זאָרג נישט, מײן לעבען, זאָרג, כ׳לעבען, נישט! גאָט האָט געהאָלפֿען, גאָט וועט ווײטער העלפֿען. אַ ברירה וועט ער דען האָבען? מסתּמא וועט ער דאָך מוזען ווי ס׳איז עפּיס אַרויסהעלפֿען. וואָס ניצט מיר באמת צוויי רעק מיט אַ פֿעלץ? טראָגען טראָגט מען דאָך נאָר אײן ראָק, נישט קײן צוויי, און דער פֿעלץ איז, כ׳לעבען, אויך איבעריג, עס געהט דאָך צו זומער, ליגענדיג אין קאַסטען קען איהם נאָך גאָר דער מאָיל איפּעסען. אָט, כ׳לעבען, אַבראַם, פֿויל זיך נישט, נעהם טאַקי באַלד דעם פֿעלץ מיט מײן ראָק און געה פֿערזעץ זײ, פֿערקויף זײ, טהו מיט זײ וואָס דו ווילסט, וועלען מיר האָבען מצה אויף פסח, כרפס און מרור מיט אַלע זיבען זאַכען.

די דאָזיגע סצענע האָט מיר תּמיד זיך פֿאָרגעשטעלט פֿאַר מײנע אויגען. איך האָב געזעהן, אַז גוטמאַן איז גליקליך געוועזען אָהן געלד. איז דאָך, אַ פּנים, געדרונגען, אַז דאָס גליק בעשטעהט נישט אין געלד, נאָר אין עפּיס אַנדערש — אַז נאָר עהרליכע לײט זענען גליקליך און צופֿרידען. דערבײ איז מיר נאָך אַרוף אויף דעם זינען, וואָס ער האָט אַ מאָל געזאָגט יאַקאָב זאַהנ׳ען: „לײדען הײסט תּנפֿה׳נען, צבוע׳טשען. דער הונף, דער צבוע׳ק מוז תּמיד זאָ זיך פֿירכטען, תּמיד זיך היטען אַזוי ווי דער גנב". איצט ערשט האָב איך אָנגעהויבען בעשײנפּערליך אַרויסצוזעהן, ווי אמת, ווי ריכטיג זײנע ווערטער זענען. גוטמאַן האָט נאָר מיט דעם שכל זײנעם פֿערשטאַנען, אַז דעם חונף, דעם צבוע׳ק איז אַזוי שלעכט ווי דעם גנב, וואָרום זײ אַלע מוזען שטענדיג מורא האָבען, זיך היטען, מען זאָל זײ נישט דערטאַפּען, מען זאָל נישט דערגעהן זײערע מיאוס׳ע זאַכען — און צו זײן שטענדיג אין דער מורא, צו בעדאַרפֿען שטענדיג זיך בעהאַלטען, איז עפּיס נישט אַזאַ געשמאַקע זאַך. איך אָבער האָב דאָס אײגענע טאַקי געפֿיהלט בײ מיר אין האַרץ, געפֿיהלט, אַז אַ פֿאַלשען מענשען איז עפּיס גלאַט שלעכט נאָר אָהן אַלע טעמים. עפּיס מאַטערט עס איהם, עפּיס ליגט איהם ווי אַ שטײן אויף דעם האַרצען, עפּיס קאָכט אין איהם דאָס בלוט, דער קאָפּ ווערט איהר שיער נישט צעזעצט, עס ברענט אין איהם אַ גיהנם, אַ העליש פֿײער, עפּיס





איז איהם ענג די וועלט און ער ווײסט נישט, זיך וואוהין צוטאָן. ער וואָלט געשפּרונגען אויס דער הויט און גערן געוועהן פֿון זיך אַלײן צו אַנטלויפֿען ערגיץ, וואו דער שוואַרצער פּעפּער וואַקסט, העט-ווײט-ווײט צו אַלדי שוואַרצע יאָהר

איך פֿלעג אויך האָבען בײזע, בײטערע חלומות. עס פֿלעגט מיר זיך אויסדאַכטען, אַז איך האַלט אַ חלף און קוילע. איך פֿלעג הערען קרעכצען, זיפֿצען, האָרחלען, גוסס׳ען און מײנע פֿאָלעס זענען געווען פֿערשלומפּערט אין בלוט. מיכל, דער גוטער, דער שטילער מיכל, פֿלעגט מיר אָפֿט זיך דרעהען פֿאַר די אויגען, טויט בלאַס ווי די וואַנד. ער פֿלעגט אויף מיר קוקען זעהר בעטריבט, מיר ווײזען אויף די קײטען, אין וועלכע ער איז געווען געפֿענטעט, און מיט [אַ טרויערדיג פּנים מיך אַלץ פֿרעגען: גוואַלד, יצחק-אברהם, וואָס האָב איך דיר געטאָן?...

די אַלטע און שײנדעלע פֿלעגען אויסוואַקסען, ווי פֿון אונטער דער ערד, בײדע פֿלעגען הוסטען, זיך פֿערקײכען; בײדע פֿלעגען זיך אײנעסען אין מיר מיט רויטע ברענענדיגע אויגען און שרײען: אָט איז אונזער מלאך-המות! אָט איז ער, דער רוצח, דער קוילער! פּלוצלים פֿלעגט פֿון זײ ווערען אַ הויפֿען בײנער, פֿון די בײנער פֿלעגען אַרויסקריכען ווערים און גיפֿטיגע שלאַנגען, זיך לאָזען צו מיר מיט אָפֿענע מײלער און מיך בײסען, שטעכען, ווי מיט שפּילקעס...

מעהר פֿון אַלע פֿלעגט מיך קרײנקען גאָלדע. זי פֿלעגט מיר זיך אויסדאַכטען, ווי זי זיצט דערשלאָגען, פֿערוויסט, פֿעראומערט מיט עפּיס אַ שטיקעל אַרבײט אין די הענד. זי נעהמט און צושטעכט זיך די פֿינגער,] נאָר זי פֿיהלט אָבער נישט, גיט זיך אפילו נישט קײן קרים, זי נעהט אַלץ ווײטער, ווי אַ מאַשינע, און שאָקעלט, וויגט מיט׳ן פֿוס אַ שווערע סקריפּענדיגע וויג, צווינגענדיג דערבײ „אַליו-ליו-ליוניו"! אויף אַ משונה אומעטיג קול. די וויג אָבער איז לעדיג, קײנער איז אין איהר נישטאָ. גאָלדע! שרײ איך, וואו איז ער? וואו איז דאָס קינד? גאָלדע זינגט און זינגט ווײטער נישט צו רעדען מיט מיר קײן וואָרט:

אַ ליו-ליוליו בידנע קינד,
וועה איז דער מאַמע, וועה און ווינד!

אינוועניג און ווינג,
לינט אַ קלאָר ווייס צינעלע —
צינעלע מע! צינעלע מע!

ניט־זשע שריי, ניט־זשע וויין,
ביסט דאָך עלענד ווי אַ שטיין —
צינעלע מע! צינעלע מע!

ויסט און פינסטער איז דיין וועלט.
לייד־זשע שטיל הונגער און קעלט —
צינעלע מע! צינעלע מע
דאָרט אין דרויסען, הער נאָר, הער,
וואָיעט אַ וואָלף, ברומט אַ בער —
צינעלע מע! צינעלע מע!

לעדיג, לעדיג איז דאָס וויגעלע,
אוי, נישטאָ מיין קלאָר ווייס ציגעלע!
אַ ליו־ליו־ליו בידנע קינד —
וועה איז דער מאַמע, וועה און וויי!

ביי די דאָזיגע ווערטער שטעהט גאָלדע אויף, בלוטיגע טרעהרען שריפען איהר פון די אויגען, זי שטרעקט אויס די הענד אין אלע זייטען און שרייט אויף אַ חילד קול: אוי, נישטאָ מיין קלאָר ווייס ציגעלע! איך לויף ארויס פונ'ם שטוב שטאַרק צוקאָכט, עס דאַכט זיך מיר וועלף, בערען!... וועלף, בערען קנאַקען מיט די ציינער יונגע ביינדעלעך — און עס לאָזען זיך הערען פון דער ווייטענס ביטערע קולות פון אַ בידנע אומגליקליך ציגעלע..



# כו

דאָגה בלב־איש, איז אַ מענשענס האַרץ פול מיט צרות — זאָגט דער פסוק — ישחנה, זאָל ער ארויסדערצעהלען. טראָגען אין זיך צרות, נישט ארויסזאָגען זיי, איז אַ וועהטאָג, וואָס נישט צו דערהאַלטען, אַ קעסעל פון אייזען, אַ קאָכענדיגס, קען צעזעצט ווערען, אויב די צונויפשטיקענדיגע פּאַרע אין איהם געפינט נישט קיין אָרט אויף ארויסצוגעהן. ביי מיר אין האַרץ האָט געקאָכט שטאַרקער ווי אַ קעסעל — עס האָט דאָרט געברענט אַ גיהנם!... אלטע חשבונות פון מיינע זינדיגע מעשים, ביטערע געפיהלען און שרעקליכע פינסטערע חלומות אַלע אינאיינעם, ווי געדיכטע פלאַמענדיגע וועלען פון פייערשפּייענדיגע בערג, האָבען אין מיר זיך געריסען, נאָר אומצוקומען. פיעל בעסער פאַר דעם זינדיגען מענשען זיין אין גיהנם, ווי דער גיהנם זאָל זיין אין איהם.

דענסטמאָל ערשט האָב איך ארויסגעזעהען, אַז דער מענש טראָגט זיין גיהנם און זיין גן־עדן אין זיך. דער שופט זיינער זיצט אויפן גערייכט־שטול אינוועניג אין איהם. אוי, איך זאָל געווען קענען אויסגיסען מיין האַרץ, לינדערן אַ ביסעל מיינע וועהטאָגען. איך האָב אָבער נישט געהאַט פאַר וועמען. גאָלד און זילבער האָב איך ערוואָרבען אויף דער וועלט אַ סך, אָבער גוטע פריינד — נישט איינעם.

פאַר אַ גרויסען חסד פונ'ם אויבערשטען האַלט איך עס, וואָס ער האָט מיר איינגעגעבען אין זינען ארויסצוזאָגען זיך, ווען נישט דורך דעם מויל, זאָל עס זיין דורך דער פען.

דער גאָט, וואָס האָט אָנגעוויזען אַ בוים, אויף זים צומאַכען דעם מים דאָס ביטערע וואַסער אין מרה, ער האָט עס מיר אָנגעוויזען אויף צו לינדערן מיינע יסורים — די פען.

אין שווערע ביטערע מינוטען, ווען אויפ'ן האַרצען איז מיר געווען שטאַרק נישט גוט, פלעג איך אויפ'ן פּאַפּיר אויסגיסען מיין ביטער גע־

מיטה, ווי איך האָב געקענט. פריהער איז עס מיר אָנגעקומען שווערליך, איך בין נישט געווען געוועהנט, דערנאָך האָט זיך עס געגאָסען עפּיס ווי פון זיך אַליין, גלייך ווי איך וואָלט איינעם אַ גוטען ברודער מיינעם דערצעהלט, איהם ענטפּלעקט מיין האַרץ. און פערלויף פון דער צייט איז אויסגעוואַקסען פאַר מיר אַ גאַנצע לעבענס־בעשרייבונג — און, הערט אַ מעשה, ביים איבערלייענען עס פונ'ם אָנהויב ביז'ן סוף איז מיר אַביסעל גרינגער געוואָרען אויפ'ן האַרצען! די חטאים זענען מיר שוין נישט אויסגעקומען אַזעלכע שווערע, דאָס הייסט די חטאת־היחיד, מיינע זינד, זענען נישט אינגאַנצען מיינע אייגענע זינד, נאָר אויך חטאת הצבור, און זיי האָבען אַ חלק — און אפשר נאָך דעם גרעסטען חלק — די געמיינדע, מיט איהרע שלעכטע איינפיהרונגען

אָט נעהמט די יודישע תלמוד־תורות!

מען נעהמט אָרימע קינדער, יתומים, נעבעך, און פערטרייבט זיי ערגיץ אין אַ חורבה, אַ שטאַל, משטיינס־געזאָגט, וואו זיי וואַלגערען זיך הונגעריגע, אָבגעריסענע אין מיסט, אין שמוץ, חאַפּען קלעפּ און שמיץ וויפיעל אין זיי געהט אַריין, און לערנען — לערנען זיי דאָרט נישט קיין וואָרט. מען מאַכט פון זיי לעדיגע, אומגליקליכע מענשען, טויגעניכטסען, נישט צו גאָט, נישט צו לייטען. — און נישט בעסער פון די ווילדע מלמדים זענען אויך, משטיינס־געזאָגט, די גבאים, וואָס טרייסלען פּושקעס, רייסען פון וואַנען זיי קענען, כלומר'שט פון יודישע קינדער וועגען. איין וואָרט איז ביי זיי אַלץ: מאַכען די אָרמענקע פאַר יידען — און מאַכען זיי פאַר בהמות, אויס מענשען!..

אַ קליינינקייט עפּיס בין איך, איך עלענד יתומ'ל, אויסגעשטאַנען קינדהייט אין דער תלמוד־תורה! איך רעד שוין נישט דערפון, ווי מען האָט געפּייניגט מיין אויסגעדייוועטע שטיקעל לייב, דערויף בין איך דאָך געווען אָרעם, אַ איך זאָל ליידען הונגער, קעלט און קלעפּ, אָבער געוואַלד, רבונו של עולם, וואָס האָט מען געהאַט צו מיין נשמה? מען האָט דאָך דערנידעריגט אין מיר די מענשליכע נשמה. נישט גענוג, וואָס מען האָט מיך נישט געלעהרענט צו קענען לעבען ווי אַ מענש אויף דער וועלט, האָט מען געטוידט אין מיר דאָס געפיהל פון כבוד, פונ'ם מענשליכען ווערטה דורך אַ גראָבער בענעהמונג מיט מיר — דורך זידלעריען, מיאוס'ע, גראָבע ווערטער.





ט דאָס איז די תורה, דאָס יודישקייט, מיט וועלכע יודען בעלי־רחמים'ס פערזאָרגען אָרעמע קינדער!

נאָט אייך אויך ביי אונז די מלאָכה, אַ שטייגער:

מלאכה, ווי ס'איז בעקאַנט, איז מיאוס געפאַלען ביי יודען. אויף אַזוי פיעל ווי אַ ליידיגגעהער, אַ קלויזניק, איז אַ שיינדעל, איז אַ בעל־מלאכה אַ פלעק אין דער משפחה. דער וואָס האַלט זיך פאַר אַ שטיקעל בעל־הבית, ער מעג זיך חאַפּש געשוועלען פאַר הונגער, וויל נישט די קינדער זיינע לערנען וועלכע ס'איז מלאכה. דערויף זענען דאָ פערוואָרלאָזטע יתומים, קינדער פון נידעריגען, גראָבען עולם. אָט אַזעלכע שטעלען זיך עס פאַר לערעניונגלעך ביי בעלי־מלאכות און וועמענס דאגה איז עס אכטונג צוגעבען, ווי זיי לערנען זיך און ווי מען בעגעהט זיך מיט זיי דאָרט. די מלאכה הויבט זיך געוועהנטליך אָן מיט כל־עבודות פרך: פאַמייניצעס טראָגען, וואַסער אָנטראָגען, מיט דעם בעל־הבית'ס קינדערלעך זיך אַרומטראָגען, דער בעל־הבית'טע ביים איינקויפען אַלצדינג צו־טראָגען, שטיקלעך אַרבייט אַהין־אַהער אָבטראָגען, מיט דער בעל־הבית'ישקייט שטענדיג זיין פערטראָגען און איטליכענס קאַפּריז, קלעפּ און בעליידיגונג איבערצוטראָגען. אַ צוגאָב דערצו איז אָנהערען זיך צווישען פּועלים מיאוס'ע נבול־פּה, מעשיות פון ליבעס אַזוינע און אַזוינע, וואָס תאָמר איז נאָך אין דיר איבערגעבליבען אַ פונק מענשליכקייט, לעשען זיי עס אויס אינגאַנצען. אָט דערמיט הויבט זיך אָן די מלאכה און אויסלאָזען לאָזט זי זיך אויס מיט גאָרנישט — מען איז אַ פּאַרטאַטש, אַבי־אָט, הייסט עס, מען אַרבייט.

שולדיג מאַכען אינגאַנצען די בעלי־מלאכות קען מען אויך נישט. זיי אַליין זענען דאָך אויך אַזוי, נעבעך, פערשוואַרצט געוואָרען, האָבען, ווי איך און ווי טויזענדער אַנדערע אָרעמע קינדער, אויך אָנגעהויבען די אַרבייט פון טראָגען פאַמייניצעס וכדומה ווייטער און ווייטער אַזוינע זאַכען. אַצונד ערשט קלינגען מיר טרויעריג אין די אויערען דעם שוסטערילס לידעל, מיט וועלכען ער פלעגט מיר אויף שפּאַס צו־שפּילען בשעת אַרויסטראָגען ביי איהם אַ פאַמייניצע: „תן כבוד לאיציניו! טראָג, טראָג איציק־אַברהמוניו! אין דיינע יאָהרען האָב איך גענוג פאַמייניצעס איבערגעטראָגען!“

רבונו של עולם, איך בין זינדיג, נאָר די זינד פאַלט נישט אויף מיר אינגאַנצען. איך דאַנק דיר, וואָס דו האָסט מיר געעפענט די אויגען!

דו האסט מיר געעפענט די אויגען, רבונו של עולם, נישט אומזיסט. איך וויל טאן אזוינס צו פערהיטען דערמיט אנדערע פון ביז און צו גלייך וויזען יודען א וועג, צו פערריכטען זייערע פעהלער, וואס זיי זענען בעגאנגען ביז א הער אקעגען ארמענקע קינדערלעך, נעבעך.

לויט דער צואה מיינער, פון וועלכער איך שיק אייך דא אריין, רבי, א קאפיע, לאז איך איבער דאס גרויסע הויז מיינס אויף צומאכען דארט פאר ארעמע קינדער א תלמוד-תורה און אויך א שול, צו לעהרנען זיי דארט מלאכות. די הכנסות פון די קליטען דארט און א טייל פראצענט פונ'ם קפיטאל, וואס איך לאז איבער אויף עולמות, זאלען געהן אויף אויסצוהאלטען די ביידע שולען. אין דער תלמוד-תורה, וויל איך, זאל געלערענט ווערען, חוץ יודישקייט און לשון-קודש, אויך דאס לשון פונ'ם לאנד און וועלטליכע זאכען, בכדי צו מאכען פון די קינדער יודען און מענשען צוגלייך, זיי זאלען טויגען צו גאט און צו לייט. אין דער צווייטער שול, וויל איך, זאל געלערענט ווערען תורה און מלאכה אינאיינעם, די לערעניונגלעך זאלען דערצויגען ווערען אזוי, אז זיי זאלען נישט וויסען פון קיין חרפות, בעליידיגונגען און דערנידעריגונגען און זאלען ארויסגעהן פון דארט גוטע געלערענטע בעלי-מלאכות, וואס וועלען וויסען אליין זייער אייגענעם ווערטה און דערמיט מאכי צווינגען אנדערע זיי צו שעצען, וויסען זייער ווערטה.

און כדי צו דערגרייכען דעם דאזיגען וואונש, זענען אין די דאזיגע שולען נייטיג צו האבען גוטע לעהרער, מענשען מיט געפיהל און פערשטאנד, מיט הארץ און מיט קאפ, זיי זאלען פארשטעהן און ליעב האבען זייער זאך. דער עיקר איז ליעבע, ווייל זיי וועלען דאך האבען צוטאן מיט ארמענקע, פערוואגעלטע, עלענדע קינדער, וואס לעכצען נאך ליעבשאפט, אזוינס, וואס א יונג הערצעל, אפילו פון אנדערע לעבעדיגע בעשעפעניש, גלוסט זיך, און זיי מאנגעלט עס נעבעך. יענעמס א גוט ווארט נעהמט זיי בעסער פון אלע שטראף-רעד און מוסר-זאגען אין דער וועלט און זענען גרייט צו פאלגען אין פייער און אין וואסער אריין. דאס האב איך געפיהלט א מאל קינדהייז אין מיר.

דאס אלצדינג אבער פאדערט גוטע פיהרער, וואס אונטער זייער השגחה זאלען די אלע זאכען אויף דעם בעסטען אופן דערפילט ווערען, און אזעלכע פיהרער, ווינש איך, זאלען זיין איהר, רבי, און דער הער גוטמאן. מיט אייך ביידע וועט אין די ביגעמאכטע שולען זיך פעראייניגען





תורה מיט חכמה. איהר, רבי, וועט קוקען אויף די יודישע למודים, זיי זאלען געלערענט ווערען גוט, געהעריג, און גוטמאן, פון זיין זייט, זאל האבען א אויג אויף די איבעריגע ענינים אין השכלה-זאכען. ווי איך קען זעהר גוט אייך ביידען, פערהאף איך, אז איהר וועט ביידע איינער פונ'ם אנדערען צופרידען זיין. איהר ביידע ווינשט דאך גוטס דעם פאלק ישראל און איטליכער פון אייך וועט טאן פאר איהם פון זיין זייט, ווי אזוי ער קען, און איהם ברייננגען נוצען מיט וואס ער קען. די בעלוינונג פאר אזא מיה איז בעשטימט ביי מיר אין דער צואה.

די הכנסות פון דעם עולמות-געלד זאלט איהר אינאיינעם מיט גוטמאנען געברויכען אויף נאך גוטע זאכען אין שטאדט, וועלכע איהר ביידע וועט געפינען פאר נייטיג. אויב עס וואלט א סברא געווען, איינצופיהרען אין דער שטאדט עפיס אזא מין חדר פאר א סך קינדער, מיט אמת גוטע מלמדים און לעהרער, וואב דארט זאל געלערענט ווערען געטריי יודישע למודים און וועלטליכע זאכען; וואס דארט זאלען די קינדער זיך אויסלערנען צו זיין עכטע יודען און אויך ניצליכע, פערשטענדיגע מענשען, — אויף אזא מין שטאדט-חדר וואלט מיר זעהר ניחא געווען. איהר זאלט אלע יאהר געבען א געוויסע סומע פון די הכנסות פונ'ם עולמות-געלד, נאר בתנאי, אז איהר מיט גוטמאנען זאלט האבען די השגחה איבער דעם דאזיגען חדר.

איך וויס, אז אזא מין שטאדט-חדר, וואס זאל געפיהרט ווערען דורך אזעלכע מענשען, ווי איהר און גוטמאן, וואלט פאר יודישע קינדער געווען א גליק. נאר איך וויס אבער צוריק, אז וויל טאקי פאר יודישע קינדער וואלט אזא חדר געווען א גליק, וועט עס א סך מיני מענשעלעך בכלל נישט שמעקען, זיי וועלען אקעגען דעם זיך ארויסשטעלען, זיי וועלען אריינלעגען זייער שמד-שטיק אין דער יראה, כלומר'שט איז אזוינס עפיס נישט יודישליך, און וועלען זוכען אלע מיני מיטעל אזעלכעס נישט צוצולאזען. פונדעסטוועגען, איהר, רבי, זאלט פון אייער זייט פרייוען מאגען דעם אלצדינג, וואס נאר מעגליך. אולי ירחם.

דאס אבער וואס דורך מיר וועט געטאן ווערען פאר ארעמע קינדער דא, אין מיין שטאדט, איז נאך נישט גענוג. איין שוועלבעלע קען קיין זומער נישט מאכען. מען בעדארף בעזארגען דערצו אנדערע, זיי זאלען אויך אזוינס טאן אין די אלע יודישע מקומות דארט. דעריבער פערלאנג איך, אז מיין וידוי מיט דער דאזיגער צואה מיינער זאלען אבגעדרוקט

ווערען, זיי זאָלען קלינגען אין די אויערען פון נגידים, פיינע=בריות אומעטום צווישען דעם יודישען עולם. ווען אפילו די ווערטער מיינע וועלען נישט ווירקען אויף זיי, צו בעסערן זיך ביים לעבען, צו פאַרשטעהן, ווי צו אַרבייטען פאַר זייערע אָרמע ברידער, צו טאָן גוטס און ווי צו לעבען, וועלען זיי, לכל הפחות, זיך אויסלערנען ווי צו שטאַרבען... וויפיעל נגידים מיר איז אויסגעקומען צו קענען אין מיין וועלטעל, זענען ביז דער לעצטער מינוט זייערע געבליבען דאָס, וואָס זיי זענען געווען — געשטאָרבען ווי נאַראָנים. אָט לאָזען זיי הערען דעם ווידוי און די ווערטער מיינע און אויף מיר קוקענדיג, זיך אויסלערנען האָטש שטאַרבען, אוועקגעהן פון דער וועלט ווי מענשען.

שטאַרבט, נגידים, שטאַרבט — שטאַרבט ווי מענשען!...

נאָר „נגידי עירך קודמין". דאָס הייסט, ביז מיין וידוי וועט אָנקומען אַנדערע צו די אויערען, זאָלט איהר דערווייל, רבי, פאַר דער קבורה מיינער, עס פאַרלייענען די אַלע אונזערע הינע נגידים. מיר וועט עס זיין אַ כפרת עון און זיי — אַ מוסר. נישקשה, לאָזען זיי וויסען!...

אויף מסדר צו זיין מיינע דאָזיגע פאַפּירען ווי געהעריג, אויסצובעסערן די גראָבע גרייזען מיינע דאָרט, צו=צוגעבען אַביסעל פעפער, אַביסעל געווירץ, עס זאָל לאָפּצען, עס זאָל אַ טעם האָבען, אָבצודרוקען ווי אין בעזונדערע ביכלעך און צו פערברייטען זיי דערנאָך אין דער וועלט — דערויף איז דאָך איין בריה טאַקי רב מענדעלי מוכר=ספרים. איך געדענק איהם נאָך פון צבוע'טשיץ, בשעת ער איז נאָך געווען אַ יונגער=מאַן, אַ בעל=הבית'ל. איהם זאָלט איהר עס איבערגעבען און ער וועט, אַזוי פערהאָף איך, דערפילען מיין וואונש ווי צום בעסטען. עס פאַרשטעהט זיך, אַז ער בעדאַרף פאַר זיין טרחה זעהר שען בעלוינט ווערען.



## כז.

א דער רב האָט אָבגעלייענט אינגאַנצען און אָנידערגעלעגט די פאַפּירען, איז צווישען דעם עולם אין שטיבעל געוואָרען אַ קאָכעניש. די נגידים זענען געווען שטאַרק אין כעס. אַ טייל האָבען געביסען פאַר פערדרוס די ליפּען און געשוויגען. אַ טייל האָבען גערוישעט ווי די פליגען און אַ טייל האָבען געזיפצט, געאָכט, געאַייקעט.

— וואָס זיפצט איהר אַזוי, רב חנאָ! — האָט איין נגיד זיך אָנגערופען, און אַליין איך אַ זיפץ געטאָן.

— טאַ=טאַ=טאַ! — האָט רב חנאָ געמאַכט, צושאָקלענדיג מיט דעם קאָפּ — עט, וואָהין... וואָהין ער איז פערקראָכען! היינט געה, גלויב מענשען... די וועלט איז שוין, כ'לעבען, קיין וועלט נישט... טאַקי קיין וועלט נישט, אַזאַ אַ חרפה! אַזאַ=זאַ=זאַ... האַ, וואָס? אַ שרעק, ווי איך בין אַ יוד!... עס קומט דאָך שוין היינט אויס טאַקי, רב בעריש... נו, אַ מעשה, אַזאַ מעשה!...

— איך האָב שוין אָבער פריהער פערשטאַנען — ענטפערט בעריש — וואָהין די קייל פליהעט. אַי=אַי, בין איך אַ מבין, רב חנאָ... צו=וואָס האָבען מיר, נאַראָנים, בעדאַרפט זיצען ווי די פערד, זיצען, וואַרטען ביז די קייל וועט אונז טרעפען? האָב איך דען נישט געזאָגט: פע, פע... קומט! וואָס=זשע, האַ, זייט איהר געבליבען, ביז אין סוף אַריין הערען די אַלע שטעכווערטלעך?... נאָר צוריקשמועסענדיג! בע... מילא וואָס?... ס'איז אַביסעל טאַקי דאָס... פערדראָסיג, נאָר עט, נישקשה, רב חנאָ, מען האָט שוין אַזעלכע זאַכען געהערט. מילא וואָס איז אַזוי די מעשה?!... אודאי, לכתחילה זייט איהר אפשר אַביסעל גערעכט, ס'איז טאַקי אַביסעל דאָס... ווי הייסט מען דאָס?... נאָר בדיעבד איז — עט, גאָרנישט!... אַ נאַר בלייבט אַ נאַר און די וועלט בלייבט אַ וועלט, טאַקי ווי פריהער אַ וועלט...

— ניין, ניין, רבי! — האָבען עטליכע נגידים געשריגען שטאַרק אויפגעבראַכט — אַזעלכעס איז נאָך נישט דערהערט געוואָרען... ס'טייטש, מען זאָל נעהמען מענשען און זאָגען זיי אין די אויגען אַריין אַזעלכע מיני זאַבענישען!... ס'טייטש, ס'טייטש, וואָס הייסט? מאַכען פון מענשען. פון אונז אַלע מאַכען, מחילה, דאָס... ווער האָט איהם געבעטען אַזוינס צו זאָגען?... אויף דיר אַליין זאָג, שרייב, אָבער וואָס געהערט דיך אָן יענער? וואָס איז דיין עסק אַריינקריכען צו יענעם... ניין, רבי! ס'איז אַ גרויס אומרעכט.

— נו, רב מענדעלי — מאַכט דער רב צו מיר נאָכדעם, אַז די נגידים זענען אַוועקגעגאַנגען — זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווער איז עס אַזינס ביי אייך אין צבוע'טשיץ דער הער גוטמאַן?

— פון צבוע'טשיץ, רבי, בין איך שוין לאַנג אַרויס. באַלד ווי איך בין געוואָרען אַ מוכר-ספרים, בין איך מיט דעם הויזגעזינד מיינעם אַרויס פון דאָרט קיין קאַבצאַנסק און איך בין היינט אַ קאַבצאַנסקער יוד!

— אָבער גוטמאַנען קענט איהר, רב מענדעלי?

— יאָ, רבי, איך געדענק איהם זעהר גוט — אַ דייטש מיט אַ געפוצט בערדיל, אָבער זעהר אַ גוטער, עהרליכער מאַן. מען זאָגט: בעסער אַ יוד אָהן אַ באָרד, ווי אַ באָרד אָהן אַ יודען.

— בעט איך אייך טאַקי, רב מענדעלי, איהר זאָלט מוחל זיין פאָהרען קיין צבוע'טשיץ בלי-נדר טאַקי מאָרגען, אָפּגעבען דעם הערן גוטמאַנען מיין בריף און זעהען מאַכען ווי איהר קענט, אַז ער זאָל, למען השם, גיך קומען אַהער, בכדי מיר זאָלען קענען באַלד טאַקי מקיים זיין צוואת המת. און ווייטער בעט איך אייך, ליב-האַר-צעדיגער רב מענדעלי, איהר זאָלט נעהמען אויף אייך, אָפּצודרוקען די אַלע דאָזיגע פּאַפּירען אין אַ סך ביכלעך, און אויסברענגען זיי בכל תפוצות ישראל פאַר אַ וואָלוועלען מקח, בכדי דער עולם זאָל זיי מעהר קויפען. מכח אייער בעלוינונג איז נישטאָ וואָס צורעדען, עס וועט אם ירצה-השם, זיין רעכט.





* *
*

צוריקקומענדיג צום בית-מדרש האָב איך געטראָפען מיין פערדיל אין זעהר אַ שלעכטער לאַגע, נעבעך. קונדסים, חייסע-חברה האָבען איהם אויסגעריסען כמעט אַלע סמרונעס, איבערלאָזענדיג איהם נאָר אַקעגעק אַ פערציג האָר אין דעם ווידעל. עסען האָט ער געהאַט מכות. ער איז געשטאַנען ערענסט, אַראָבגעהאַנגען די אונטערשטע ליפּ, נעקוקט אין בײַדעל אויף די ספרים און געטראַכט. וואָס אַ פערד טראַכט קוקענדיג אויף ספרים — דאָס איז נישט פאַר אונזער מח צו פאַרשטעהן. איך ווייס נישט מעהר, מיין שלימזלניק קוקט און טראַכט, לאָז זיך זיין חאָטש פע־דיש, אָבער אַלץ אַ קוק איז דאָך עס פאָרט... נישט דאָס בין איך אויסען. נו, חכם מיינער! רוף איך מיך אָן, אָנגעהמענדיג איהם, דעם שלימזלניק מיינעם, ביי דער פאה, די טשאָפּרינע הייסט עס, דיר קומט היינט אַ סך האָבער. דו האָסט טאַקי געטאָן אַ גרויסע חכמה, וואָס דו האָסט מיך געפיהרט קיין גלופּסק. מיט דיין חכמה האָסט דו געבראַכט נוצען אי מיר, אי דער ליטעראַטור. דו ווייסט, פערד! וואָס אַזוינס דו האָסט געטאָן? וואָס פאַר אַ שענעם חבור מיר איז אַצונד בעשעהרט דער וועלט אַרויסצוגעבען, נאָר צוליעב דיר טאַקי, צוליעב דיין מח, וואָס האָט גראָד אַ נעהם געטאָן גלופּסק? פון היינט אָן פיהר דו מיך, פערדיל, דו חכם מיינער, איך לאָז אָב די לייצען און לעג פאַר דיר אַוועק די בייטש!...

אויף מאָרגען האָב איך מיך גרייט געמאַכט מיט אַלע נייטיגע זאַכען און מיך געריהרט אין וועג אַריין.

אין צבוע'טשיץ קומענדיג האָב איך מיך דערוואוסט, אַז גוטמאַן איז אַרויסגעפאָהרען פון דאָרט, נישט צו וויסען וואו ערגיץ ער געפינט זיך היינט. איך האָב מיך גענומען צו מיינס און געאײַלט גיכער אָבצודריקען דעם דאָזיגען ספר, נישט געשפּאָרט מיה, ער זאָל אַרויסקומען, ווי מען זאָגט, „אגיל ואשמח“ — קוועלעכדיג און שפּיצעכדיג... איך מהו נאָך אויך דאָס און דרוק דאָ:

# א מודעה!

רבותי! גיער פֿון אייך חייסט, װאו ערגיץ געפֿינט זיך העֶר גוטמאַן, אָדער ער װעט זיך מיט איהם ערגיץ בעגעגענען, זאָל מוחל זיין מיט איהם צו רעדען, אז ער זאָל למען=השם ולמען=השם תיכף מאַקי קומען קיין גלופּסק, װאו דער רב קוקט אויף איהם אַרויס, ער זאָל אינאיינעם מיט איהם איינפֿיהרען אַ בעריהמטע תלמוד=תורה מיט אַ שול פֿאַר בעלי=מלאכות און מתקן זיין דאָרט נאָך אַ סך אנדערע גוטע זאַכען.

ישראל בני רחמנים, האָט רחמנות און טוט עס צוליעב אָרעמע יודישע קינדער!......